ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מדרש חכמים
# סדר דברים

אידיש

**434**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# מדרש חכמים
## על התורה
## סדר דברים

דאס האבן מיר מעתיק געווען פון הייליגע ספרים און טייערע פירושים על התורה, אלשיך הקדוש, אור פני משה, נחל קדומים, אור החיים, כלי יקר, אור הגנוז.
מיר ציינן מיט דעם דאס אלעם וואס געפינט זיך אין די ספרי מוסר, געפינט זיך דאס אלעם אין די הייליגע תורה, דאס וועט דער קוויקען אלע מענטשען וואס ווען דאס לערנען, צו וויסן פון דעם ווי יעדער יוד זאל זיך נוהג זיין אין אלע זאכען, ער זאל זוכה זיין לעולם הבא.

נעתק ממני יונה דוד ראבינאוויץ מסעמיאטיין.

בהוצאות בית מסחר הספרים של יעקב הכהן גינזבורג באברויסק

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

א (א) (אלה הדברים) דער ס׳ אור החיים זאגט אז דער פסוק איז מרמז. אז זעקס און דרייסיג טעג האט משה רבינו גירעד צו די ישראל די דברי מוסר. ווארום דאס ווארט (אלה) בטרעפט זעקס און דרייסיג. זאגט דער פסוק (אלה) זעקס און דרייסיג טעג האט גדויערט (הדברים אשר דבר משה וגו׳) די רייד וואס משה רבינו האט גירעד דברי מוסר צו די ישראל. ווארום אין דעם דריטען פסוק שטייט אז אין איין טאג אין עליפטען חודש דאס איז שבט האט משה אנגעהויבען צו רעדין די דברי מוסר. און אום זיבען טאג אין חודש אדר איז ער געשטארבען איז עס זעקס און דרייסיג: און דער ס׳ נחל קדומים זאגט אז דער פסוק איז אויך מרמז אויף דעם וואס די גמרא זאגט אז אין יעדערין דור איז דא זעקס און דרייסיג צדיקים. איז דער רמז אזוי. (אלה) זעקס און דרייסיג. (הדברים) פיהרערס (גלייך ווי עס שטייט הדברים) איז דא תמיד אויף די וועלט. (אשר דבר משה אל כל ישראל), וואס משה האט זיי אפגעגעבען פון זיך אלה אויף שטענדיג זיי זאלין מגין זיין אויף די דורות: און נאך קען מען זאגין א רמז אין דעם פסוק. וויא די גמרא זאגט אז ווען השי״ת האט גיזאגט צו די ישראל דעם ערשטין דיבור פון די עשרת הדברות איז פון די ישראל אפגיטוען גיווארען דער יצר הרע. און ווען זיי וואלטין גיוועהן ניהערט די אלע עשרת הדברות פון גאט ברוך הוא אליין וואלט שוין דער יצר הרע קיינמאל ביי זיי ניט גיוועהן. נאר ווייל זיי האבין געזאגט צו משה מיר האבין מורא צו הערין פון גאט אליין נאר רעד די משה צו אונז איז דער יצר הרע צו זייא צוריק געקומען. און דורך דעם איז ארויס געקומען דאס זיי האבין דערנאך גימאכט דאס עגל און האבען גיזאגט (אלה אלהיך) דאס איז דיין גאט. דאס איז דא דער פסוק מרמז. (אלה הדברים) דאס וואס עס איז גיווארין גירעד די רייד אלה דאס איז אלה אלהיך. דאס עגל איז דער גאט. איז דאס ארויס געקומען (אשר דבר משה:) דורך דעם וואס משה האט גירעד די איבריגע דיבורים פון די עשרת הדברות: דער אור פני משה און דער ס׳ אור הגנוז טייטשין אזוי. אלה הדברים דאס זענין די שטראף רייד (אשר דבר משה) וואס משה רבינו האט גירעד. און ער איז דאך געווים גיוועהן געהיט פון די אלע זאכין וואס ער האט אויף זייא די ישראל גישטראפט. (אל כל ישראל) ער האט דאס גירעד אנטקעגין אלע ישראל. סיי די וואס זענין דאמאלס גיוועהן און סיי וואס וועלין זיין דערנאך: (בעבר הירדן) דער יצר הרע ווערט גירופען ירדן ווייל דאס ווארט ירדן מאכט ירד־דן. דער יצר הרע נידערט צום מענטש און רעדט איהם אן צו זינדיגען און דערנאך גייט ער מאסירען אויף דעם מענטש בבית דין של מעלה מען זאל איהם משפטין. זאגט משה. איהר באדארפט זעהן אז איהר זאלט מעביר זיין דעם יצר הרע פון אייך. מיט וואס. (במדבר) מיט דעם רעדינג אין די תורה הקדושה. וואס זיא איז הפקר צו אלע גלייך וויא די מדבר. און אויך איז די כוונה. (במדבר) מען דארף זיך היטען מיט דעם רעדין, ניט צו רעדין לשון הרע. ליצנות. רכילות. שקר. און נאך איז די כוונה (במדבר) מען דארף זיך דערמאנען אין דעם עונש פון גיהנם וואס די מיהר פון איהם איז אין די מדבר. (בערבה) מען דארף זיך בארעכינען דעם ערב דעם אונטערגאנג פון לעבין גלומר דעם טאג פון שטארבין. און אויך איז די כוונה (בערבה) די תורה בדארף מען לערנען מיט חשק וויא איין זיסע זאך (ערב איז דער טייטש זיס) און אויך איז די כוונה (בערבה) ערבות. וואס דער כלל ישראל זענין ערב איינער פאר דעם אנדערין. און איבער דעם בדארף איינער דעם אנדערין שטראפין ער זאל ניט טוען

קיין

קֵיין שְׁלֶעכְטְס אונ זָאל נִיט רֶעדִין וָואס מֶען טָאר נִיט, פוּן וֶועגִין עֶר זָאל נִיט וֶוערִין גִישְׁטְרָאפְט דוּרְךָ אִיהְם. (מול סוף) אַנְטְקֶעגִין דֶעם יַם סוּף, כְּלוֹמַר פוּן דָארְט קֶענְט אִיהְר וִויסִין אַז דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענִין אַלֶע אֵיינְס. וָואדְם דָארְט שְׁטֵייט (אָז יָשִׁיר משֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳) משֶׁה מִיט אַלֶע יוּדִין הָאבִּין גִיזוּנְגֶען דִיא שִׁירָה. אוּנ דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט נָאר (אשירה וגו׳) אִיךְ וֶועל זִינְגֶען. עֶס שְׁטֵייט נִיט (נשירה) מִיר וֶועלִין זִינְגֶען אַלְשׁוֹן רַבִּים, דָאס אִיז וַוייל דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענִין אֵיינְס. אוֹיךְ אִיז דִיא כַּוָּנָה (מול סוף) מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלִין אַנְטְקֶעגִין אוּנ בַּארֶעכִינֶען דֶעם סוֹף פוּן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט דָאךְ שְׁטַארְבִּין. אוּנ אוֹיךְ אִיז דִיא כַּוָּנָה (מול סוף) מול אִיז דֶער טַייטְשׁ פַארְשְׁנַיידִין. סוּף דָאס גִימוּזְעכְץ, דִיא גְרָאז וָואס וַואקְסְט אִין וַואסֶער. דָאס מֵיינְט מֶען אַז מֶען זָאל פַארְשְׁנַיידִין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מִישְׁט זִיךְ אַרַיין צוּם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר לֶערִינְט דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא וֶוערְט גִירוּפֶען מַיִם, אוּנ הֵייסְט אִיהְם אוֹיפְהֶערִין צוּ לֶערְנִין. אָדֶער עֶר הֵייסְט אִיהְם נָאר לֶערְנִין פוּן גַאֲוָה וֶועגִין אָדֶער פוּן כָּבוֹד וֶועגִין. אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הָאט עֶפִּיס גֶעזִינְדִיגְט אוּנ וִויל תְּשׁוּבָה טוּעֶן קוּמְט צוּ אִיהְם דֶער יֵצֶר הָרָע אוּנ רֶעדְט אִיהְם אָן נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּעֶן וָוארוּם עֶס וֶועט נָאר נִיט הֶעלְפִין. זָאגְט דֶער פָּסוּק (בין פארן) סַיי דֶער צַדִּיק וָואס עֶר אִיז שׁוֹין פוּן אָנְהוֹיבּ אָן, (ובין תפל) אוּנ סַיי דֶער וָואס הָאט זִיךְ בַּאנַארִישְׁט אוּנ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, זֶענִין גְלַייךְ. נָאר וֶוען, (ולבן) אַז עֶר זָאל טוּעֶן תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיין נַארִישְׁקֵייט אוּנ זָאל זִיךְ אוֹיסְוַוייסִין פוּן דִיא שְׁוַוארְצֶע פְלֶעקִין וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיף אִיהְם דוּרְךָ דִיא זִינְד. (וחצרת) מֶען בַּארְף זִיךְ בַּארֶעכִינֶען אַז דִיא עוֹלָם הַזֶּה אִיז נָאר גְלַייךְ וִויא אֵיין חָצֵר אֵיין פָאדְוֶוער, פַאר דִיא שְׁטוּבּ וָואס דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ אִין הָצֵר פְרִיעֶר אָפְּוַואשִׁין דִיא אוּנְרֵיינִיקְקֵייט אוּנ זִיךְ אוֹיסְפּוּצֶען מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, דֶערְנָאךְ קֶען מֶען אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ אַרַיין לְעוֹלָם הַבָּא. (ודי זהב) אוּנ גִינוּג גָאלְד כְּלוֹמַר דֶער מֶענְטְשׁ בַּארְף זִיךְ גִינוּגֶען וִויא פִיל עֶר הָאט, נִיט צוּ פַארְבְּרֶענְגִין דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן לֶעבִּין צוּ הָארֶעוֶוען נָאר וֶועגִין גֶעלְד. מֶען בַּארְף זַיין הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ מֶען בַּארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט עֶס זָאל זַיין גִינוּג. נִיט צוּ וֶועלִין מוֹתָרוֹת. אוּנ אוֹיךְ אִיז דִיא כַּוָּנָה (ובין תפל) סַיי דֶער גוּף וָואס עֶר אִיז נָאר אַצוּהֶעפְּטוּנְג (ולבן) צוּ דִיא נְשָׁמָה וָואס זִיא אִיז וַוייס אוּנ רֵיין. (וחצרת) מֶען הָאט אַייךְ בֵּיידֶע אַרָאפּ גֶעלָאזְט בְּעוֹלָם הַזֶּה, פוּן וֶועגִין (ודי זהב) אִיהְר זָאלְט זִיךְ פַארְדִינֶען גִינוּג גָאלְד דָאס מֵיינְט מֶען תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת. אוּנ נָאךְ קֶען מֶען זָאגִין אַזוֹי וִויא עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה בַּארְף טוּעֶן דִיא דְרַייא זַאכִין תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה, צְדָקָה. דָאס אִיז דֶער רֶמֶז (ולבן) מֶען בַּארְף טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אַזוֹיא וִויא פְרִיעֶר שְׁטֵייט (וחצרת) אוּנ מֶען בַּארְף גֵיין לְחַצְרוֹת ה׳ אִין דִיא הוֹיף פוּן הַשֵּׁי״ת דָאס אִיז דִיא בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת. דִיא שׁוּלִין צוּ טוּעֶן תְּפִלָּה (ודי זהב) אוּנ מֶען בַּארְף זִיךְ גִינוּגֶען מִיט דֶעם גֶעלְד דָאס עֶר זָאל קֶענִין פוּן דֶעם גֶעבִּין צְדָקָה, וָוארוּם וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ מִיט דֶעם נִיט גֶענִיגֶען נָאר עֶר וֶועט זִיךְ רֶעכִינֶען, אַז וִוי פִיל עֶר הָאט אִיז אַלֶץ וֶוענִיג, וֶועט עֶר דָאךְ נִיט קֶענִין גֶעבִּין צְדָקָה: (ב) אחד עשר וגו׳ דֶער סַ׳ עִיר גִבּוֹרִים זָאגְט אַז אִין דֶעם פָּסוּק אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ מְרַמֵּז וָואס שְׁפֶּעטֶער וֶועט זַיין, זָאגְט עֶר אַזוֹי צוּ זַייא. דוּרְךָ דֶעם וָואס וְדִי זָהָב וָואס אִיהְר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּנ גִימַאכְט דָאס עֵגֶל. אוּנ דָאס זֶעלְבֶּע זִינְד אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּהְט אַרַיין זַיינֶע אַלֶע גֶעדַאנְקֶען נָאר וֶועגִין גֶעלְד. אִיז עֶס אוֹיךְ גְלַייךְ וִויא דִיא עֲבוֹדָה פוּן עֵגֶל. אוּנ וַוייל דוּרְךָ דֶעם הָאט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין פַיינְט אוּנ עֶס אִיז נִיט קֵיין שָׁלוֹם אוּנ אַחְדוּת

זָעט דָאס גוֹרֵם זַיין (אחד עשר יום) עֶלִיף טֶעג וֶועט אִיהְר הָאבִּין טְרוֹיעֶרְדִיגֶע טֶעג
דָאס אִיז נַיין טֶעג פוּן ראש חֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב. אוּנ דֶעם זִיבְּצִין טָאג פוּן חוֹדֶשׁ
תַּמּוּז (שבעה עשר בתמוז) אִין דֶעם צֶענְטִין טָאג פוּן חוֹדֶשׁ טֵבֵת (עשרה בטבת) וָואס
אִין דִיא טֶעג אִיז גִיוֶועזִין (מחרב) וֶוענִין חָרוּב גִיוָוארִין דִיא בֵּייְדֶע בָּתֵּי הַמִּקְדָּשִׁין. (דרך
הר שעיר) דָאס אִיז גִיקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר וֶוערְט גִירוּפִין (הר) אַבַּארְג.
אוּנ וֶוערְט גִירוּפִין אוֹיךְ (שער) הָאר אַזוֹי וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט (סוכה נ״ב) (לעתיד לבוא
מביאו הקב״ה ליצר הרע וגו׳ צדיקים נדמה להם כהר גבוה ורשעים נדמה להם כחוט
השערה) אַז דֶעם יֵצֶה״ר וֶועט לֶעָתִיד לָבוֹא גָאט בָּרוּךְ הוּא בְּרֶענְגִין אִיהְם מְבַטֵּל צוּ
זַיין. דִיא צַדִּיקִים וֶועלִין אִיהְם נֶעהְן וֶועט עֶר בַּייא זֵייא אוֹיסְקוּקֶען גְלַייךְ וִויא אַבַּארְג
וָוארוּם זֵיי הָאבִּין אִיהְם נִיט גִיהָארְכְט זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיוָואלְט נָאךְ אִיהְם נָאכְגֶעהְן.
אוּנ עֶר הָאט זֵיי דָאךְ אָבֶּער אַלֶע מָאל גִירֶעדְט. הֵייסְט עֶס גְלַייךְ וִויא אֵיינֶער רוּפְט
דֶעם אַנְדֶערִין אַז עֶר זָאל נָאךְ אִיהְם נָאכְגֶעהְן אוֹיף דֶעם בַּארְג אוּנ וֶוען עֶר גֵייט אִיהְם
נִיט נָאךְ אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער שְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיבִּין אוּנ עֶר שְׁטֵייט נָאךְ הוּנְטֶען זֶעהְט
עֶר דָאךְ פַאר זִיךְ דֶעם גַאנְצִין בַּארְג. אָבֶּער וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן יוֹא נָאכְצוּגֵיין. הֵייסְט
עֶס עֶר זֶעהְט פַאר זִיךְ אַלֶע מָאל עֶר בַּארַארְף נָאךְ אֵיין שְׁטִיקִיל אַרוֹיף צוּ גֵיין אוּנ
גֶעהְן זֵייא זֶענִין שׁוֹין בֵּייְדֶע אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג אִיז צְוִוישֶׁען זֵיי גָאר דָא אֵיין צְוִוישִׁין
שְׁייד אוֹיף אֵיין הָאר. אִיבֶּער דֶעם קוּמְט אוֹיס דֶער יֵצֶר הָרָע בַּייא דִי רְשָׁעִים גְלַייךְ
וִויא אֵיין הָאר. וָוארוּם זֵייא זֶענִין שְׁטֶענְדִיג נָאהֶענְט פוּן אִיהְם. זֵייא גֶעהְן דָאךְ תָּמִיד
נָאךְ אִיהְם נָאךְ. אוּנ אוֹיךְ דֶרִיבֶּער וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע גִירוּפִין (הר) אוּנ (שער) ווייל
דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָארְכְט אִיהְם הַאלְט זִיךְ בְּגַאֲוָה. רֶעכִינְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס גְלַייךְ
וִויא אֵיין בַּארְג. אוּנ דֶעם אַנְדֶערִין הַאלְט עֶר זֵעהְר נִידֶערִיג גְלַייךְ ווי אֵיין הָאר וִויא
גָאר נִיט. דָאס אַלִין הָאט גוֹרֵם גִיוֶועזִין דֶעם חוּרְבָּן. (עד) עֶס אִיז גִיוָוארִין אָפְּגִיזוֹגֶען (אַזוֹי
ווי עֶס שְׁטֵייט עד דיבון) (קדש) דָאס הֵיילִיגְקֵייט (ברנע) דָאס וָוארְט אִיז גְלַייךְ ווי עֶס
וָואלְט גִישְׁטַאנֶען צְוֵוייא וֶוערְטֶער (בר) דֶער זִין (נע) וַואנְדֶערִין כְּלוֹמַר דָאס הָאט גוֹרֵם
גִיוֶועזִין אַז דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס וֶוערִין גִירוּפִין בָּנִים צוּ הַשֵּׁי״ת זָאלִין גֵיין אִין גָלוּת (ו) ה׳
וגו׳ אוּנ זֶעהְט גָאר וָואס אִיהְר הָאט מִיט אַייעֶרֶע זִינְד גוֹרֵם גִיוֶועזִין אַז (ה׳) מִדַּת
הָרַחֲמִים אִיז גִיוָוארִין (אלהינו) מִדַּת הַדִּין (דבר אלינו) אוּנ עֶר הָאט גִירֶעדְט דְבָרִים
קָשִׁים הַארְטֶע רֵייד (בחרב) אַז עֶס זָאל חָרוּב וֶוערִין דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. (לאמר) אוּנ
הָאט גִיזָאגְט אֲמִירָה רַכָּה וֵוייכֶע זָאג. (רב לכם שבת בהר הזה) עֶס אִיז שׁוֹין צוּפִיל
צוּ אַייךְ זִיךְ אוֹיפְצוּהַאלְטִין דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנ דָאס אִיז פַאר אַייךְ אַטוֹבָה וָואס
אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִיגָאסִין מַיין כַּעַס אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶועגִין אִיהְר זָאלְט לֶעבִּין
בְּלַייבִּין: (ז) (פנו וסעו לכם) קֶערְט אַייךְ אַוֶועק פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ צִיהְט אַייךְ אִין גָלוּת.
(ובאו) נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אִיהְר וֶועט נָאךְ אַמָאל צוּרִיק קוּמֶען. אוּנ אִיךְ פַארְזָאג
אַייךְ אַז (הר האמרי) דֶעם יצר הרע וָואס וֶוערְט גִירוּפֶען (הר האמרי) וָוארוּם עֶר זָאגְט
אַייךְ צוּ בֶּערְגֶער מִיט גוּטְס (ואל כל שכניו) אוּנ וֶועגִין זַיינֶע אַלֶע סַייעְתָּא (בערבה)
זָאלְט אִיהְר זֵייא מַאכִין צוּ וִויסְט. (בהר) וֶוען עֶר וֶועט אַייךְ צוּ זָאגִין אַז וֶוען אִיהְר
וֶועט אִיהְם פָאלְגִין וֶועט עֶר אַייךְ דֶערְהוֹיבִּין זָאלְט אִיהְר זִיךְ בַּרֶעכִינֶען (ובשפלה) אַז
אִיהְר וֶועט דוּרְךְ אִיהְם אַרַיין נִידֶערִין אִין גֵיהִנֹּם. (ובנגב) אוּנ וֶוען עֶר וֶועט אַייךְ אָן
רֶעדִין צוּ תַּאֲוֹת וָואס דֶער גוּף וֶוערְט דוּרְךְ זֵיי אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט זָאלְטוּ לוֹיפִין (ובחוף
הים) צוּם בָּארְטִין פוּן דֶעם יַם דָאס מֵיינְט מֶען זָאלְסְט נֶעמִין לֶערְנִין תּוֹרָה. (ארץ דֵיין

גוף וואס ער איז פון ערד (הכנעני) זאל זיין אונטער טעניג. (והלבנון) אונ זאל זעהן צו זיין ווייס דורך תשובה (עד הנהר הגדול) אונ דורך דעם וועט איהר זוכה זיין צו צוקומען צו דיא סודות התורה וואס דאס איז דער גרויסער טייך (נהר פרת) וואס מאכט פרוכטבאריג אין מענטש פיל חידושים: אונ דער ס' נחל קדומים טייטשט אזוי דעם פסוק ו'. (ה' אלהינו וגו') דיא גמרא זאגט (בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה) ווייא איז צו דיא מענטשין פון דעם שאנד וואס זיי שענדין פון דיא תורה ווען זייא לערנען איהר ניט. דאס איז דיא כונה אין פסוק (ה' אלהינו דבר אלינו בחרב לאמר) דוא משה זאלכט זיי זאגין אז גאט ברוך הוא רעד דורך אבת קול פון חורב אלע טאג אונ זאגט. (רב לכם שבת) עס איז שוין צו פיל פיר אייך זיך אפצוהאלטין פון צו לערנען (בהר הזה) דורך דעם יצר הרע, איהר באדארפט איהם שוין אוועק לאזין אין גאנצין אונ איהם גאר ניט הערין: (ט) ואמר וגו' דער אור פני משה טייטשט ע״פ רמז אזוי. דער יצר טוב ווערט גירופין משה ווייל משה איז דער טייטש אויסציען, אונ דער יצר טוב ציהט אויס דעם מענטש פון דיא נעץ פון יצר הרע. אונ אזוי ווי משה האט זייא פארזאגט צו טוען מצות אזוי דער יצר טוב רעדט אויך מען זאל טוען מצות. זאל דער מענטש ניט האבין קיין טענה צו השי״ת ווען דוא ווילסט אז מען זאל גוט אונ פרום זיין וועגין וואס האסטו גימאכט דעם יצר הרע. זאגט דער יצר טוב אויף דעם אתירוץ. (ואמר אליכם) איך יצר טוב זאג צו אייך (בעת ההוא לאמר) אונ אויך אין יעדער צייט וואס אייך איז דאס קשה. זאג איך אייך. (לא אוכל לבדי שאת אתכם). איך יצר טוב אליין קען אייך ניט דערהייבין ווארום ווען ניט דער יצר הרע וואס רעדט אייך אן צו טוען שלעכטס. איז דאך קיין גרויסקייט ניט וואס איהר וואלט טוען גוטס, וואלט. דאך אייך ניט געקומען קיין שכר בעולם הבא. אבער יעצט ווען ער רעד אייך אן צו טוען שלעכטס. אונ איהר הארכט איהם ניט. נאר מיר, דאמאלס קומט אייך שכר בעולם הבא: (י) (ה' אלהיכם הרבה אתכם) אונ דורך דעם האט אייך אייער גאט גימערט מצות (והנכם היום) אונ איהר זייט היינטיגען טאג (אונ דערסט גלייכען אלע טאג) (ככוכבי השמים) אזוי ווייא דיא שטערינס פון הימעל (לרוב) זיך צו קריגען מיט דעם יצר הרע. אזוי ווי די שטערין פון הימעל האבין מלחמה געהאלטין מיט סיסרא: אונ דער נחל קדומים אונ דער ס' זכרון זאת טייטשין אזוי. (ה' אלהיכם הרבה אתכם) אייער גאט האט אייך גימערט (והנכם היום ככוכבי השמים לרב) אונ איהר זייט היינטיגען טאג אזוי פיל ווייא דיא שטערין פון הימעל. איז דאך קשה וואס דארף דער פסוק זאגין דאס ווארט היום. היינטיגען טאג. אונ אויך זענין זיי דאמאלס ניט גיוועזען נאך אזוי פיל ווייא דיא שטערין? נאר דיא גמרא זאגט אויף דעם פסוק (הושע ב') (והי' מכפר בני ישראל) אונ עס וועט זיין די צאהל פון דיא יודין (כחול הים אשר לא ימד ולא יספר מרוב) אזוי ווי דיא זאמד פון ים וואס מען קען זייא ניט מעסטין אונ ניט ציילין. פרעגט דיא גמרא דיא קשיא צום אנהייב זאגט דער פסוק עס וועט זיין דיא צאהל. הייסט דאך אויס אז מען וועט זיי קענין איבער ציילין. אונ הערנאך זאגט דער פסוק אז מען וועט זיי ניט קענין איבער ציילין? ענטפערט דיא גמרא. ווען זיי ווערין טוען דעם רצון פון גאט וועט מען זיי ניט קענין איבער ציילין. אונ ווען ניט וועט מען זיי יוא קענין ציילין. איז דאך קשה למשל. ווען זייא טוען היינטיגען טאג ניט דעם ווילין פון גאט קען מען זיי דאך ציילין, אונ ווען זיי טוען תשובה אויף

באָרגן

זארגין וועט מען זייא שוין מארגין ניט קענין איבער צייליז וויא אזוי קען דאס זיין. נאר דיא כוונה איז אזוי. ווי די גמרא זאגט דיא מליצה (אשה אחת ילדה ששים רבוא) איין אשה איז גיוועזן אין מצרים וואס האט גיהאט ששים רבוא קינדער דאס מיינט מען יוכבד האט גיהאט משה רבינו וואס ער איז מיט זיינע מעשים אזוי גלייך אונ חשוב וויא ששים רבוא. זעהן מיר דאך אז ווען דער מענטש טוהט מעשים טובים איז ער גירעכינט וויא אסך מענטשין. דאס מיינט דיא גמרא ווען זיי וועלין טוען דעם רצון פון השי"ת וועלין זיי זיין זעהר פיל אין חשיבות. דאס איז דיא כונה אין פסוק (ה' אלהיכם הרבה אתכם) אייער גאט האט אייך גימאכט גרויס דורך זיינע מצות אונ תורה קען איין מענטש גירעכינט ווערין גלייך וויא פיל מענטשין, (והנכם היום) אונ איהר האט אבריה היינטיגען טאג, אונ דאס זעלבע אין יעדערין טאג. צו זיין אזוי פיל אין חשיבות. (ככוכבי השמים לרוב) אזוי ווי די שטערין אין הימעל לייכטען זייער פיל. אזוי וועט איהר אויך דורך תשובה זעהר פיל לייכטין: (יא) (ה' וגו') אונ ווען דער יצר הרע לאזט אייך ניט, האלט מיט איהם מלחמה. אונ ווען איהר וועט זיך נאר נעמין מיט איהם מלחמה צו האלטין, ווען אויך איהר האט ניט קיין פיל כח איהם מנצח צו זיין וועט אייך שוין השי"ת צו העלפין. (ה' אלהי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים) דער גאט פון אייערע עלטערין וועט אייך פארמערין כח טויזענד מאל אזוי פיל. אונ פון דעסט וועגין זאלט איהר ניט מיינען אז ער וועט אייך פאר דעם קיין שכר ניט געבין. ניין נאר. (ויברך אתכם) ער וועט אייך בענטשין מיט פיל שכר. (כאשר דבר לכם) אזוי ווי ער האט צו אייך גירעדט פיל מאל אז ווען איהר וועט טוען מצות וועט ער אייך געבין פיל שכר: (טז) (ואצוה וגו') דער כלי יקר טייטשט אזוי (ואצוה את שופטיכם) אונ איך האב פארבאטין אייערע ריכטערם (בעת ההיא לאמר) זיי זאלין נזהר זיין פון צו זאגין דעם פסק באלד אין דיא זעלבינע צייט וויא דיא בעלי דינים זענין נאר געקומען האבין אדין תורה. נאר אזוי וויא רש"י שרייבט פון דיא משנה אבות. (הוו מתונים בדין) איהר זאלט זיין אפגעווארט איידער איהר בקלערט דעם דין אויף ריכטיג. נאר אבער ווען איהר ווייסט שוין דעם דין טאר מען ניט פיל אויפהאלטין. נאר (בעת ההיא לאמר) מען דארף תיכף זאגין דעם פסק: אונ דער ס' אלחנן זאגט דיא כונה אזויא וויא דיא גמרא זאגט. אז דער דין טאר ניט אויסהערין דיא טענות פון איין בעל דבר ווען דער אנדערער איז ניט דערבייא. דאס זאגט דער פסוק (ואצוה את שפטיכם). איך האב בפוילין אייערע ריכטערם (בעת ההוא) אין וועלכע צייט עס וועט קומען איין בעל דבר אונ וועט וועלין דערציילען זיינע טענות (לאמר) בדארף דער דין איהם זאגין (שמע בין אחיכם) איך טאר ניט הארכין דיינע טענות אליין, נאר סיידין דיין חבר זאל זיין דערבייא. דאמאלס ווען איהר וועט זיך אזויא נוהג זיין (ושפטתם צדק) וועט איהר ריכטיג פסקינען. אויך איז דיא כונה (לאמר שמוע בין אחיכם) אז דיא טענות פון דיא בעלי דינים זאל דער דין בייא זיך נאך אמאל איבער רעדין דאמאלס וועט ער וויסען ריכטיג וויא צו פסקינען. אונ דיא ווערטער (בין איש ובין אחיו) ווייזען ווען אויך דער דין ברעכינט נאך זייערע טענות נאך אז איינער איז שולדיג דעם אנדערין מער וויא ער מאהנט איהם. בדארף עס דער דין ניט זאגין. ער דארף נאר פסקינען (בין איש ובין אחיו) וגו') וואס איינער מאנט ביים אנדערין ניט מער: אונ דער אור פני משה טייטשט אזוי (ואצוה את שפטיכם בעת ההוא לאמר) אונ איך האב באפוילין אין דיא צייט צו דיא שופטים אונ

האב.

האב צו זיי געזאגט (שמע בין אחיכם ושפטתם צדק) איהר זאלט מאכין הערין צווישין אייערע ברידער אונ זאלט זייא מזהיר זיין אז זיי זאלין זיך פירען אין רעכטין וועג. אויך איז די כוונה פון (ושפטתם צדק) ווען איהר וועט אויף אייער חבר ער טוהט עפיס אזאך זאלט איהר משפטין אז ער מיינט עס פון גוטס וועגין: (יז) (ולא וגו׳) איהר דארפט צו וויסן אז עס וועט קומען אצייט (לא תכירו פנים) דאס איהר וועט ניט קענען קוקען גלייך אין דעם פני השכינה במשפט ווען איהר וועט דארפין אפגעבין דין וחשבון ביים משפט פון בית דין שלמעלה׳ (בקטן כגדול תשמעון) סיי אקליינע עבירה סיי אגרויסע עבירה וואס איהר האט גיטאן בעולם הזה וועט איהר הערין מען וועט עס פאר אייך לייענען. אונ ווי איז צו דיא בושה ווען מען וועט אייך דארט פרעגין איז דען דאס ארעכטיגקייט אז לא תגורו איהר טוהט זיך ניט פארכטין (מפני איש) פאר השי״ת וואס ווערט גרופין איש מלחמה׳ אונ אפשר וועט איהר זאגען וואס האבין מיר דען איהם גיטאן מיט אונזער זינד זאג איך אייך (כי המשפט לאלהים הוא) אז מיט אייערע עבירות זייט איהר גורם גלות השכינה כביכול. אונ אפשר וועט איהר זיך פאר ענטפערין דאס איהר קענט ניט ביי שטיין אנטקעגין דעם יצר הרע זאגט השי״ת (והדבר אשר יקשה מכם) די זאך וואס איז אייך שווער (תקרבון אלי) וואלט איהר גידארפט גינעהענען צו מיר כלומר מתפלל זיין צו מיר (ושמעתיו) וואלט איך אייך גיהערט צו העלפין פון דעם יצר הרע איהם מנצח צו זיין. קומט דאך אויס אז עס איז ניט קיין שום פארענטפער איבער דעם בדארף מען זעהן זיך צו פירען אין רעכטין וועג: נאך קען מען טייטשין (לא תכירו פנים במשפט) ווען עס קומט צו אייך איינער זאגין מוסר בדארפט איהר ניט קוקין אויף זיין גישטאלט ווי ער קוקט אויס. (בקטן כגדול תשמעון) סיי ער איז קלענער פון אייך סיי ער איז גרעסער בדארפט איהר איהם צו הערין. מיט דעם וועט איהר זיך מאכין (ולא תגורו מפני איש) אז איהר וועט זיך ניט פורכטין פאר דעם יצר הרע וואס ווערט גירופין איש. איז דער פסוק מפורש כי המשפט לאלהים הוא איבער דעם באדארפסטו צו הארכין דיא דברי מוסר פון אקלענערין אויך וואריום די דברי מוסר וואס ער שטראפט דיר דו זאלסט זיך פירען אין רעכטין וועג מיינט ער דאך אז דו זאלסט הארכין צו גאט וואס ער האט עס בפוילין. זאגט ווייטער גאט ברוך הוא והדבר אשר יקשה מכם ווען די רייד וואס ער וועט אייך זאגין איהר זאלט זיך אזוי פירען וועט זיין פאר אייך צו שווער (תקריבון אלי ושמעתיו) זאלט איהר מאכין גינעהענען צו מיר איהר זאלט צו מיר בעטין וועל איך אייך זיין צו הילף איהר זאלט קענען טאן דיא מעשים טובים וואס ער זאגט אייך צו טוען: (כא) (ראה נתן ה׳ אלהיך לפניך את הארץ) זעה אז גאט ברוך הוא האט דיר איבער גיגעבין דעם גוף דוא האסט אבריה מיט איהם צוא טאן שלעכטס אבער גוטס. אויף דעם איז השי״ת ניט גוזר. נאר (עלה) צוא דו זאלסט זיין דערהויבין דאס איז איין עשיר. אדער (רש) צו זאלסט זיין ארום. דאס איז (כאשר דבר ה׳ אלהי אבתיך לך) אזוי ווי גאט האט גוזר גיוועזען. וואס ער איז דער גאט פון דיינע עלטערין איז וויא זייער זכות אזוי האט ער אויף דיר גוזר גיוועזען. (אל תירא ואל תחת) זאלסט זיך ניט פארכטין פאר דעם יצה״ר אונ זאלסט ניט זיין אזא געניידערט פאר איהם דורך דעם וואס דוא וועסט מיינען. ווייל גאט ברוך הוא ווייסט דאך פריער אז דוא וועסט זינדיגען נמצא מוזט דוא שוין זינדיגען. ניין די בחירה איז ביי דיר ניט צו טוען. אונ אויף דעם זאגט דער נביא פון גאטס וועגין (כי לא מחשבותי מחשבותיכם) מיין

מחשבה

מחשבה איז ניט וויא אייער מחשבה איבער דעם קענט איהר זיך טוען וויא איהר ווילט: (כב) (ותקרבון אלי כלכם) אונ איהר אלע האט צו מיר גינעהנט (ותאמרו נשלחה אנשים לפנינו וגו׳) מיר וועלין שיקען מרגלים. זאגט רש״י בערבוביא מיט צומישונג קליינע אונ גרויסע אלטע אונ יונגע אויסגעמישט. אונ ווייטער ביי קבלת התורה אין (פרשה הי פסוק כ׳) שטייט (ותקרבון אלי כל ראשי שבטיכם וזקניכם וגו׳) דאמאלס זענט איהר געקומען מיט דרך ארץ. די יונגע מענטשין האבין געלאזט גיין די עלטערע פריער אונ דיא אלטע לייט האבין געלאזט גיין פריער דיא עלצטע. אבער דא ביי דיא מרגלים זענט איהר געקומען צו מישט. דיא יונגע האבין אוועק געשטויסין דיא אלטע אונ דיא אלטע האבין אוועק גישטויסין דיא עלצטע. דארף מען פארשטיין. זעהין וואס זאגט עס ביי משה אז דארט זענין זיי געקומען מיט דרך ארץ. ער קומט דאך זיי יעצט זאגין מוסר. זאגט דער כלי יקר אזוי, אז דאס זאגט משה אויך פון וועגין אמוסר, ער האט צו זיי אזוי גיזאגט. דאמאלס ביי קבלת התורה זענט איהר געקומין מיט דרך ארץ, דיא יונגע האבין גילאזט גיין דיא אלטע פריער אונ די אלטע האבין געלאזט גיין דיא עלצטע פריער. ווען איך האב דאס גיזעהן האב איך זעהר פיל פערגעניגען גיהאט פון דעם. נאר יעצט ווען איך זעה אז ווענין צו שיקען מרגלים קומען שוין דיא יונגע פריער פאר דיא אלטע, אונ דיא אלטע פאר דיא עלצטע, פון דעם זעה איך אז דאס וואס איהר זענט דאמאלס געקומען דיא יונגע נאך די אלטע, איז עס ניט גיוועזן לשם שמים. נאר פארקערט עס איז הראיה אז איהר מיינט נאר עולם הזה זאבין. אבער ניט דעם קנין פון די תורה. אונ איבער דעם האבין די יונגע לייט געשיקט דיא עלטערע פריער. כלומר איהר זענט שוין אויף דיא עלטער איהר האט שוין ניט קיין תאוות צו עולם הזה, באדארפט איהר זיך פארנעמין מיט דיא תורה. אבער מיר יונגע לייט מיר דארפין עפעס לעבין אויף די וועלט קענין מיר ניט נעמין די תורה. אונ הראיה איז אז אייער כונה איז דאס גיוועזן, וואורום יעצט ביי דיא מרגלים וועגין צו ארבען דאס לאנד האבין די יונגע לייט אוועק געשטיפט די עלטערע כלומר איהר זענט שוין אויף דיא עלטער בדארפט איהר שוין ניט האבין קיין לאנד, מיר יונגע באדארפין איינעמין דאס לאנד, אונ דעסטגלייכין היינט איז אויך דאס זעלבע ווען עס האלט עפיס ביא לערנען פון דיא תורה אדער ביי אטועבין פון מצות זענין דיא יונגע מכבד דיא עלטערע. אבער ביי געלד זאכין לויפין דיא יונגע פריער:

ב (ג) (רב וגו׳) דער כלי יקר טייטשט אזוי: (רב לכם סב את ההר הזה) דאס איז מרמז אויף דיא צייט פון גלות. זאגט ברוך הוא עס וועט דויערין פיל צייט וואס איהר וועט זיין אין גלות, אונ איהר וועט זיין ארום געדרייט ארום דעם בארג, אונ וועט אויף איהם ניט ארויף קומען ביז עס וועט קומען דיא צייט. אונ (פנו לכם צפונה) קערט אייך צו צפון זייט. כלומר אזוי ווי דיא זייט איז באהאלטין פון מענטשין אזוי זאלט איהר אין גלות זיין באהאלטין, איהר זאלט ניט ארוים ווייזין אייער רייכקייט צו געהן אין נאס אין טייערע מלבושים, וואורום דורך דעם וועט איהר אויפרייצין דעם נארד אויף אייך: אונ דער אור פני משה טייטשט דיא פסוקים אזוי ע״פ רמז, (ב) (ויאמר ה׳ אלי לאמר) אונ גאט זאגט. אז צו די צדיקים וואס זענין גלייך צו מיר זאל איך זיי אזוי זאגין: (ג) (רב לכם סב את ההר הזה) איהר וועט האבין פיל שכר פאר דעם וואס איהר וועט זיך ארום דרעהן ארום דעם בארג וואס דאס מיינט מען דעם יצר הרע וואס ער ווערט גירופין הר אונ איהר וועט איהם איינעמין. אונ איה

וואלט ניט קוקין אויף דעם וואס עס גייט אייך ניט גוט אויף דיא וועלט. (פנו לכם
צפנה) קעהרט אייך אונ גיט אקוק אויף דיא פיל גוטס וואס פאר אייך איז באהאלטין
לעולם הבא. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין (תהלים ל"א כ') (מה רב טובך אשר צפנת
ליראיך) עס איז זעהר פיל דיין גוטס וואס עס איז ביי דיר באהאלטין בעולם הבא פון
וועגין דיינע צדיקים וואס פירכטען זיך פאר דיר. חאטשע ווען זיי טוען דיא מעשים
טובים מיינען זיי ניט פון וועגין שכר. פון דעסטוועגין זאלין זיי וויסן אז זיי וועלין
האבין שכר: (ד) (ואת העם צו לאמר) אונ צו דעם פראסטין המון זאלסטו געבין
אבאפעל דורך אזוי אזאג. זאלסט זיי שטראפין מיט ווייכע רייד, אונ זיי פרעגין, איז
דאס דען רעכט וואס (אתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו) איהר פארט אריין מיט
אייער אלע כחות אין דעם גרעניץ פון אייערע ברידער דיא קינדער פון עשו. דאס
איז. וואס איהר לאזט אפ פון זיך דעם עסק פון דיא תורה אונ זענט נאר עוסק אין
עולם הזה זאכין וואס דאס איז גאר גיהעריג צו זייא ניט צו אייך. (הישבים בשעיר)
פאר זיי איז גימאכט גיווארין זיך צו פארנעמין מיט מותרות. עולם הזה תענוגים. וואס
דאס איז גלייך צו האר וואס עס איז איבעריגס. אדער (בשעיר) איז דער טייטש מיט
שטורמקייט זיי שטורמען נאר אויף עולם הזה זאכען. (ויראו מכם) צו אז איהר פירט
זיך אזוי. זאלין זיי דען פאר אייך מורא האבין. עס שטייט נאר אין פסוק (דברים כח י)
(וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך) ווען אלע אומות וועלין זעהן אז
גאטס נאמען ווערט אויף דיר גרופין ווען דו לערינכט דיא תורה הקדושה וועלין זייא
פאר דיר מורא האבין. אבער היינט אז איהר האט אראפ גיווארפין פון זיך דעם עול
התורה (ונשמרתם מאד) באדארפט איהר זיך זייער היטען. איבער דעם באדארפט איהר
זעהר נעמין זיך צו תשובה זיך צוריק קערין צו דיא תורה הקדושה: (ז) (כי ה' אלהיך
ברכך בכל מעשה ידך) ווארום דיין גאט וועט דיר בענטשין אין אלע דיינע טועכץ,
ווען דוא וועסט זיך וועלין נעמין צו טוען תשובה וועט דיר דער יצר הרע אפרעדין ער
וועט זאגין עס איז גאר ניט דיין כח צו דעם. זאגט דער פסוק. גאט ברוך הוא
וועט דיר העלפין הייב דוא נאר אן, אונ זאלסט ניט פרעגין קיין קשיא ווען גאט ברוך
הוא ווייסט פריער אז דער מענטש וועט זינדיגען נמצא איז דאך שוין דער מענטש
געצווינגען צו זינדיגען. זאגט אבער דער פסוק (ידע לכתך את המדבר הגדול הזה) ער
ווייסט טאקע דיינע פיהרונג וויא דוא וועסט זיך פירען אין דיא גרויסע מדבר דאס
איז עולם הזה. נאר פון דעסטוועגין איז דאס ניט מחייב אז דו זאלסט טוען שלעכטס,
נאר דיא בחירה איז ביי דיר (אזוי וויא עס שטייט שוין דער תירוץ אויבין אין (פסוק
כ"א) (זה ארבעים שנה) אז ביז פערציג יאהר פון דיין לעבין זאלסטו ניט זינדיגען.
אונ ווען דיין גרעסטער טהייל פון דיינע יארין וועט אריבער אן ... מעגסטו שוין
זיין זיכער אז (ה' אלהיך עמך) גאט ברוך הוא וועט זיין מיט דיר תמיד אויף דיא
איבריגע יאהרין אויך (לא חסרת דבר) וועסט ניט מינערין קיין רייד פון דיא תורה,
נאר וועסט אלץ מקיים זיין: אזוי ווי דיא גמרא זאגט (כיון שעברו רוב שנותיו של
אדם ולא חטא שוב אינו חוטא) ווען עס גייט אריבער דיא גרעסטע טהייל יאהרין פון
מענטש אן זינד וועט ער שוין ניט זינדיגען: (כד) (קומו) שטייט אויף פון אייער
נארישען שלאף פון אייער נארישע פערגעניגענס וואס האבין ניט קיין אייביגען
באשטאנד. (סעו) ציהט צו דיא אייביגע פערגעניגענס, זייט צו פארבעסערין אייערע
מעשים. צו פעריכטען דיא ... אפראמין דיא שווערע ... מיט דיא דערנער

וואס

וואס דערלאזין נישט די נשמה ארויף אין איהר ארט . (ועברו את נחל ארנן) אונ פארט אין דעם טייך פון דיא תורה וואס ווערט גרופין ארנן (ווייל עס איז געוועזן דאמאלס מיט די יודין צוויי ארונות וואס אין זייא איז גילעגין דיא תורה . אונ אויך ווייל ארנן איז דער טייטש עס מאכט זינגען דיא תורה מאכט פרייליך דעם מענטש וואס לערינט איהר). אונ אפשר וועט איהר זאגין אז דער יצר הרע לאזט ניט . (ראה נתתי בידך את סיחן) זיי מיט שכל אז איך גיב איבער אין דיין האנד דעם יצר הרע וואס ווערט גירופין סיחן (ווייל ער גיט דיר זיינע עצות מיט זיינע שיינע רייד וואס ער פיינט זייא אויס ביא דיר . סיחן מאכט סיחה נאה שיינע רעדונג) (מלך) וואס ער ווערט אויך גרופין מלך זקן וכסיל ער איז איין אלטער נארישער קיניג , ער קיניגט איבער דיא מענטשין פון אנפאנגס אן מיט זיינע נארישע אנרעדינג. אונ דערמאן זיך (חשבון האמרי) דוא וועסט דארפין זאגין ארעכינונג פון דיינע מעשים וואס דוא האכט געטוען בעולם הזה . פאר דעם בית דין של מעלה , דאמאלס ווען דוא וועסט דאס גידענקין (ואת ארצו) זיינע ערדליכע תאוות וואס דער יצר הרע רעדט דיר אן זייא צו טוען (החל רש) הייב אן זיי פון דיר אפ צו טרייבין (והתגר בו מלחמה) אונ רייז זיך מיט דעם יצר הרע אונ האלט מיט איהם מלחמה, ווארום איך שטיי דיר צו הילף :

ג (ט) (צידנים יקראו לחרמן שרין והאמרי יקראו לו שניר) דיא צידנים רופין דעם בארג חרמון מיט דעם נאמין שרון, אונ דער אמרי רופט איהם שנור. איז דאס ניט צו פאר שטיין וועגין וואס דער ציילט אונז דיא תורה וויא אזוי זייא האבען דעם בארג גערופין , זאגט דער אוהב ישראל אזוי עפ״י רמז . ווארום ווען דיא ישראל געהן אין גוטען וועג זייא טוען גאטס ווילען . טהוט דאך גאט זייא אויך זייער ווילען אונ גיבט זייא וואס זייא בעדארפין , ווערט בעקאנט גאטס כח דורך זיי אויף דיא וועלט. ווערט עס גערופין ימין ה׳ רוממה דיא רעכטע האנד פון גאט ברוך הוא איז דערהויבין . אזוי דעסט גלייכין פארקערט ווען דיא ישראל זינדיגן זיי טוען ניט גאטס ווילען , טוהט זיי דאך גאט אויך ניט זייער ווילן , ווערט עס גרופין אז דיא רעכטע האנד פון גאט איז גיפאלען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (איכה ב׳ ג׳) (השיב אחור ימינו) ער האט אפגיקערט זיין רעכטע האנד ארונטער . אונ ווען דיא רעכטע האנד וואס דאס איז דער כח הקדושה איז דערהויבין איז דיא כח הטומאה גיפאלין . אונ חלילה פארקערט ווען דער כח הטומאה איז דערהויבין דורך דיא זינד איז דער כח הקדושה גיפאלין , ווערט עס גרופין דיא לינקע האנד איז דערהויבין . אונ דער יצר הרע ווערט גערופין מיט דעם נאמין חרמן ווייל ער פאנגט אריין דיא מענטשין אין דיין נעץ אונ מאכט זיי פארוויסט. (חרמן קען מען טייטשין אנעץ אויך וויסט). דאס איז דער רמז אין פסוק. (צידנים) דאס מיינט מען די רשעים וואס זייא געהן אין דער זייט פון גיטן וועג (יקראו לחרמן) זיי רופין צו זיך דעם יצר הרע אונ געהן אין זיינע וועגין אונ מיט דעם מאכין זייא (שרין) . דאס ווארט שרין איז ראשי תיבות פון שמאל רוממה ימין נופל דיא לינקע זייט דאס איז דער כח הטומאה זאל זיין דערהויבין . אונ דיא רעכטע זייט דאס איז דער כח הקדושה זאל זיין גיפאלין . (והאמרי) אבער דיא צדיקים וואס זיי לויבין אונ דוהמען צו גאט ברוך הוא (יקראו לו) טוען נאר איהם רופין צו זיך ער זאל זייא אנרעדין אביסיל צו עסין אונ צו טרינקען דאס זיי זאלין כח האבין צו לערנין תורה אונ צו טוען מצות אונ מעשים טובים וואס דורך דעם קומט ארויס (שניר) שניר מאכט דיא ראשי תיבות שמאל נופל ימין רוממה) דיא לינקע זייט דאס איז דער כח

הטומאה

הטומאה זאל זיין געפאלין און דיא רעכטע זייט דאס איז דער כח הקדושה זאל זיין דערהויבין. איבער דעם בדארפין מיר זעהן נאר צו גיין אין גוטין וועג צו טוען גאטס ווילען דאס דער כח הקדושה זאל זיין דערהויבין:

# פרשת ואתחנן

(כג) (ואתחנן אל ה׳) און איך האב גיבעטין צו גאט. דער מדרש שוחר טוב זאגט אויף דעם פסוק, אז משה האט גיזאגט צו השי״ת (כבר התרתי לי שבועה במדין אעברה ואראה את הארץ), איך האב זיך שוין פון לאנג מתיר גיוועזן אשבועה ווען איך בין גיוועזן אין מדין, דריבער בעט איך יעצט איך וויל אריבער געהן דעם ירדן און זעהן דאס לאנד ארץ ישראל, איז דאך דער מדרש ניט צו פאר שטיין, קען מען אזוי זאגין, ווארום ווען יתרו האט גזאגט צו זיינע טעכטער (שמות ב׳ כ׳) זייא זאלין רופין צו משה, שטייט דארט אין פסוק כ״א (ויואל משה לשבת את האיש וגו׳) זאגט דיא גמרא אז משה האט גישווארין צו זיין שווער יתרו אז ער זאל פון איהם ניט אוועק געהן. און ווען גאט האט צו איהם גיזאגט אז ער זאל געהן ארויס נעמין דיא יודין פון מצרים האט גאט צו איהם גיזאגט. זייא דיר מתיר דיא שבועה וואס דוא האסט גישווארין אז דוא זאלסט פון דיין שווער יתרו ניט אוועק געהן, האט משה יעצט גירעכינט אזוי וויא גאט האט איהם געהייסען אז ער זאל זיך זעלבסט מתיר זיין דיא שבועה. אזוי האט גאט זיך אויך זעלבסט מתיר גיוועזן דיא שבועה וואס ער האט גישווארין אז משה זאל ניט אריין גיין קיין ארץ ישראל, דאס איז דיא כונה אין דעם מדרש וואס פריער שטייט, און אויך דיא זעלביגע כונה אין דיא פסוקים, זאגט משה. (ואתחנן אל ה׳) און איך האב גיבעטין צו גאט (בעת ההוא) אין דיזע צייט ווען איך האב שוין איין גענומען דאס לאנד פון סיחון ועוג. האב איך גירעכינט אז גאט ברוך הוא האט זיך מתיר גיוועזן דיא שבועה וואס ער האט גישווארין אז איך זאל ניט אריין געהן קיין ארץ ישראל. (לאמר) איך האב זיך אזוי גיטראכט: (כד) (אדני ה׳ אתה החלות) דוא גאט האסט דאך מיר געהייסין אז איך זאל זיך זעלבסט פאר שווערין מיין שבועה וואס איך האב גישוואוירין צו מיין שווער יתרו. ווען איז דאס גיוועזן (להראות את עבדך את גדלך) ווען דוא ביסט צו מיר געקומען ווייזין ביים סנה דיין גרויסקייט (ואת ידך החזקה) אין דיין שטארקע מאכט, דורך דעם וואס פון דעם שטעקין איז דאמאלס געווארין א שלאנג. (אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך) און דער נאך ווען דוא האסט גישלאגין צו פרעה מיט דיא מצריים דיא צעהן מכות וואס זייא זענען גיוועזן פיי אזאלכע מכות וואס זענען געקומען פון הימעל און פיי אזאלכע מכות וואס זענען געקומען פון דיא ערד, האט מען פון דעם געזעהן אז עס איז ניט דא נאך אזוי אגאט וויא דוא וואס ער זאל שאפין פיי אין הימעל און פיי אויף דיא ערד, האסטו מיר דאמאלס געהייסען איך זאל זיך מתיר זיין מיין שבועה, דריבער רעכין איך אז יא האסט זיך אויך מתיר גיוועזן דיין שבועה. דריבער, בעט איך פון דיר: (כה) (אעברה נא) זאל איך אריבער גיין דעם ירדן, (ואראה את הארץ הטובה וגו׳) און זעהן דאס גוטע לאנד. (ההר הטוב הזה) און דעם גוטען בארג וואס אויף איהם וועט געבויעט זיין דיא שטאט ירושלים. (והלבנון) און דער בית המקדש וואס דורך איהם ווערט ווייס די זינד פון די ישראל: (כו) (ויתעבר ה׳ בי) האט גאט אויף מיר געצערינט און האט מיר

ניט צו גיערט וואס איך האב איהם גיבעטין. אונ דאס איז גיוועזן (למענכם) פון אייערט
וועגין. דאס איך זאל באגראבין ווערין אין חוץ לארץ. אונ ווען עס וועט זיין אין פיהל
צייטען שפעטיר ווען איהר וועט זינדיגען אונ איהר וועט פארטריבען ווערין אין גלות אונ
איהר וועט דארט שטארבין. אונ דערנאך ווען עס וועט זיין תחיית המתים, וועט איהר
דורך מיר אויפשטיין תחיית המתים אונ איך וועל דאמאלס מיט אייך געהן קיין ארץ
ישראל. אויך איז דיא כונה אזוי וויא ספרים שרייבין אז ווען משה וואלט גיוועזן אריין
גיגאנגען קיין ארץ ישראל אונ ער וואלט גיוועזין גיבויעט דעם בית המקדש וואלט
ער קיינמאהל ניט חרוב גיווארין. אונ דערנאך ווען דיא יודין וואלטין גיזינדיגט וואלט
גאט ברוך הוא ניט גיקענט אויסלאזין זיין כעס אויף דעם בית המקדש. וואלט ער
דאך חלילה דיא יודין אין גאנצין פארלענד. דריבער איז משה ניט אריין גיגאנגען קיין
ארץ ישראל אונ ער האט ניט גיבויעט דעם בית המקדש. דריבער ווען דיא יודין
האבין גיזינדיגט האט ער פארגאסין זיין גאנצין כעס אויף דעם בית המקדש, אונ דיא
יודין זענין געבליבין לעבין. נמצא דאס וואס משה איז ניט אריין גיגאנגען קיין ארץ
ישראל איז עס נאר גיוועזן פון וועגין דיא יודינס טובה. (ולא שמע אלי) אונ דורך
אייער טובה וועגין האט גאט ניט גיהערט צו מיר וואס איך האב איהם גיבעטין,
(ויאמר ה׳ אלי) אונ דער מדת הרחמים האט צו מיר גיזאגט, אז דאס וואס מען טהוט
מיר ניט מיין ווילען איז דאס מצד רחמנות אויף דיא יודען, (רב לך) עס איז פאר דיר
זעהר אגרויסע זאך אז דורך דעם וואס דוא וועסט יעצט ניט געהן קיין ארץ ישראל.
וועלין דיא יודען בלייבען לעבין. דריבער (אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה) זאלסטו
שוין מעהר ניט רעדין וועגין דעם: (כז) (עלה ראש הפסגה) גייע ארויף אויף דעם שפיץ
פון דעם בארג, וואס מען קען פון איהם ארום קוקין אין אלע זייטין, דאס מיינט מען
באקלעהר מיט דיין רוח נבואה וואס שפעטיר וועט זיין (ושא עיניך) אונ הייב אויף
דיינע אויגין (ימה וצפונה ותימנה ומזרחה) וועסטו זעהן אז דורך דעם וואס דיא יודין וועלין
זינדיגען וועלין זייא מוזען פאר טריבען ווערין פון זייער לאנד אונ וועלין פאר שפרייט
ווערין אויף אלע פיר זייטין פון דיא וועלט. וועסטו אליין זעהן (כי לא תעבר את הירדן
הזה) אז דוא בעדארפסט ניט אריבער געהן דעם ירדן. פון וועגין זייא זאלין דורך דיין
זכות אויף שטיין תחיית המתים: רש״י שרייבט אויף דעם פסוק א׳ ואתחנן. (אין חנון
בכל מקום אלא לשון מתנת חנם. אעפ״י שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים
אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם) ווען אויך דיא צדיקים קענין פאר לאנגען
פון השי״ת ער זאל זייא טוען זייער פארלאנג וועגין זייערע גוטע מעשים. פון דעסט
וועגין בעטין זייא ניט אז גאט זאל זייא טוען זייער פארלאנג פון וועגין זייערע גוטע
מעשים. נאר זיי בעטין אז גאט זאל מיט זייא טוען חסד אונ זייא דאס שענקין. אי
דאך קשה דאס צו זאגין אז דיא צדיקים זאלין פאר לאנגען שכר פיר זייערע מעשים
טובים. דיא משנה אין אבות פארזאגט דאך (אל תהיו בעבדים המשמשים את הרב
על מנת לקבל פרס) ווען איהר מענטשין טוהט מעשים טובים זאל אייער כונה ניט זיי
פון וועגין שכר צו נעמין? נאר דיא כונה פון דעם איז אזוי. ווארום ספרים שרייבי
אז ווען דער מענטש איז מתפלל צו השי״ת וועגין פרנסה. באדארף זיין די כונה זיינ,
פון וועגין ער זאל האבין מיט וואס זיך צו ערנעהרי דאס ער זאל קענין זיך פאר נעמי
צו לערנין תורה אונ צו טוען מעשים טובים, או׳ דאס איז אויך גיוועזן דיא כונו
פון משה רבינו וואס ער האט גיבעטין צו השי״ת ער זאל איהם אריין לאזין קיין אר
ישראל

ישראל, איז זיין כונה געוועזן פון וועגין ער זאל קענין מקיים זיין דיא מצות וואס זענין נוהג אין ארץ ישראל, וואס אין אנדערע לאנד קען מען זייא ניט מקיים זיין, דאס איז דיא כונה אין דיא ווערטער וואס רש״י זאגט. (אעפ״י שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים) ווען אויך דיא צדיקים ווען זייא קומען בעטין פון השי״ת עטוואס איז דאך זייער כונה וועגין דעם דאס זייא זאלין דורך דעם קענין טוען מצות ומעשים טובים. פון דעסט וועגין בעטין זייא נאר אז השי״ת זאל מיט זייא טוען חסד אונ זייא געבין דאס וואס זייא פארלאנגען:

ד (ד) (ואתם וגו׳) דער אור פני משה טייטשט אזוי. (ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם) אונ איהר קענט זיין באהעפט אין אייער גאט דורך אייערע גוטע מעשים אונ גוטע מדות, למשל צו זיין אבעל רחמים אזוי ווי השי״ת איז אבעל רחמים אונ דעסטגלייכן אונ דורך וואס קען מען צו דעם קומען, (חיים כלכם) איהר בדארפט זיך בערעכינען דאס איהר בדארפט אלע לעבין. דריבער בדארף יעדער מענטש זיך מרחם זיין. אויף דעם חבר אונ איהם טובות צו טוען. אונ אויך בדארפט איהר בארעכינען (היום) אז אייער לעבין איז ניט אויף אייביג עס איז נאר אויף היינטיגען טאג, אונ צו מארגען קען חלילה זיין וועט ער שוין זיין אין קבר. וועט ער ניט פאר לאנגען קיין פרעמדס. אונ אויך ניט זעהר פיל צו פאר זאמלען. וועט ער וועלין דעם אנדערין אויך עטוואס געבין: אונ דער ס׳ ראשי בשמים טייטשט אזוי. (ואתם הדבקים) אונ איהר זאלט אלע זיין בייא זאמען בעהעפט איינער מיט דעם אנדערין עס זאל בייא אייך ניט זיין קיין מחלוקת אונ שנאה. דאמאלס (הדבקים בה׳ אלהיכם) וועט איהר זיין בעהעפט אין אייער גאט. אונ איהר זאלט ניט מיינען אז מען קען אנדערש ניט זיין בעהעפט אין גאט נאר נאך דעם טויט. זאגט דער פסוק חיים ווען אויך איהר לעבט. אונ אויך זאלט איהר ניט זאגין. אז ניט אלע קענין צו דעם צו קומען. זאגט דער פסוק (כלכם) איהר אלע קענט צו דעם צוקומען. אונ אויך זאלט איהר ניט זאגין אז נאר ווען דער מענטש איז אויף דיא עלטער איז שוין פון איהם דער יצר הרע אפגעשוואכט דאמאלס קען ער זיך באהעפטין אין גאט, אבער אין דיא יונגע יאהרין ניט. זאגט דער פסוק (היום) אין יעדערין טאג קען מען צו דעם צוקומען: אונ דער ס׳ דגל מחנה אפרים טייטשט אזוי ע״פ רמז. ווארום דאס איז ידוע אז אין דיא פרשיות פון קריאת שמע איז דא צוויי הונדערט מיט פינף אונ פערציג ווערטער. אונ ווען דער חזן זאגט נאך אמאל דיא דרייא ווערטער ה׳ אלהיכם אמת. איז עס באזאמען צוויי הונדערט מיט אכט אונ פערציג ווערטער. דאס איז אנטקעגין דיא צוויי הונדערט מיט אכט אונ פערציג אברים פון מענטש. דורך דעם וואס דער מענטש זאגט די ווערטער מיט גרויס כונה קריגט ער חיות אין אלע זיינע אברים. דאס איז דער רמז (ואתם) דאס ווארט ואתם קען מאכין ואמת. (הדבקים בה׳ אלהיכם) דורך דעם וואס איהר זאגט צום סוף קריאת שמע נאך אמאל דיא ווערטער ה׳ אלהיכם אמת. אונ איהר בעהעפט דאס ווארט אמת צוא דיא ווערטער (ה׳ אלהיכם חיים כלכם היום). דורך דעם וועט איהר קריגין חיות אין אייערע אלע אברים: (כז) (והפיץ ה׳ אתכם בעמים) אונ גאט וועט אייך פארשפרייטין צווישין דיא פעלקער. (ונשארתם מתי מספר וגו׳) אונ איהר וועט איבער בלייבין ווייניג מענטשין דאס מען וועט אייך קענין איבער צעהלין. איז דאך קשה איינמאל פאר וואס שטייט והפיץ ה׳ דאס איז דאך מדת הרחמים. עס האט בדארפט צו שטיין והפיץ אלהים. אונ נאך איז קשה, נאט ברוך הוא האט דאך גיזאגט

צוא אברהם אז מען וועט זייגע קינדער דיא ישראל ניט קענין איבערצעהלין נאר ספרים שרייבען אז דאס וואס דיא ישראל זענין פערשפרייט געווארין אויף דיא גאנצע וועלט, איז עס פאר זייא אטובה. ווארום ווען זייא וואלטען געוועזן אין איין ארט וואלטין זיך אלע פיינד אויפגעזאמעלט אונ זייא אויסגיהרגית. אבער ווען זייא זענין פערשפרייט צווישען אלע פעלקיר. ווען אויך איין פאלק מיט זייא עטוואס שלעכטס בלייבט זיי ניט ביי דיא איבעריגע פעלקיר. נמצא אז דאס וואס זייא זענין פרשפרייט צווישען אלע פעלקיר איז עס פאר זייא אטובה. אונ דורך דעם וואס זייא זענין פערשפרייט אויף דיא גאנצע וועלט אונ זייא געפינען זיך ביסלעך ווייס אומעטום. קען מען זייא דאדורך איבער ציילין. נאר ניט דעם גאנצין כלל ישראל קען מען איבר ציילין. נאר בפרט פון יעדער שטאט אין יעדער מדינה קען מען איבער ציילין. דאס זאגט דער פסוק והפיץ ה' אתכם דער מדת הרחמים וועט אייך פאר שפרייטין בעמים צווישען אלע פעלקער ביי יעדער פאלק אביסיל. דריבער ונשארתם מתי מספר וגו' וייל איהר וועט בלייבין צווישען דיא אלע פעלקער וועט מען אייך קענען איבער ציילין:

ה (כא) ותאמרו וגו' אין איהר האט געזאגט נון אונזער גאט האט אונז געוויזען זיין הערע אונ זיין גרויסקייט. אונ זיין קול האבין מיר געהערט פון פייער היום הזה ראינו כי ידבר אלהים אדם וחי דיזעם טאג זעהן מיר אז עס קען זיין אז גאט זאל רעדין מיט אמענטש אונ ער בלייבט לעבין: (כב) ועתה למה נמות' אונ אצונד וועגין וואס זאלין מיר שטארבין. כי תאכלנו האש הגדלה הזאת עס וועט אונז נאך פאר ברענען דיזעם גרויסעם פייער. אם יוספים אנחנו לשמע את קול ה' אלהינו עוד ומתנו ווען מיר וועלין נאך מערין צו הערין דאס קול פון גאט. וועלין מיר דאך שטארבין. איז דאך דיא קשיא. זיי זאגין דאך זעלבסט אין פריערדיגין פסוק אז דיזעם טאג האבין זיי געזעהן אז עס קען זיין אז גאט זאל רעדין מיט אמענטש אונ דער מענטש בלייבט לעבין. וואס האבין זיי פליצלונג יעצט מורא געקריגען אז זיי וועלין שטארבין. ווען זיי וועלין נאך הערין גאטס קול' נאר די כוונה פון די פסוקים איז אזוי. ווארום דאס איז ידוע פון ספרים. אז דער מענטש דורך זייגע גיטע מדות וואס ער פירט זיך ווען ער לעבט בעולם הזה איז ער זוכה צו איין גרויסע מעלה נאך זיין טויט בעולם הבא. אונ דא ביי קבלת התורה האבין זיי דאך זוכה געוועזן צו די גרעסטע מעלה. זיי האבין געהערט זעלבסט גאטס קול. זאגין זיי. יעצט זעהן מיר אז ווען דער מענטש לעבט קען ער אויך זיך אויס ארבייטין ער זאל צו קומען צוא אזוי אהויכע מדרגה. ועתה אונ אצונד ווען עס איז יוא אזוי למה נמות וועגין וואס זאלין מיר שטארבין. כי תאכלנו האש הגדלה הזאת ווען מיר זעהן אז ווען מיר לעבין נאך ברענט אויף ארום אונז אזעלכעם גרויסע הייליג פייער דאס געטליכע פייער ברענט ארום אונז. נאר אם יוספים אנחנו לשמע וגו' ווען מיר וואלטין וויסען אז נאך דעם טויט וועלין מיר זוכה זיין צו אגרעסערע מדרגה ומתנו איז ביי אונז רעכט אז מיר זאלין שטארבין: (כז) לך אמר להם גו' משה אין זאג זיי. געהט צו טוען מצות אין מעשים טובים ווען איהר לעבט בעוה"ז דורך דעם שובו לכם ווען עס וועט קומען די צייט איהר זאלט אייך אוועק קערין פון עולם הזה איהר זאלט שבא בן, לאלהיכם וועט איהר גלייך אריין קומען אין אייערע גיגעלטין בעולם הבא:

והיה

(יב) **והיה** עקב תשמעון את המשפטים האלה) אין עס וועט זיין ביים סוף נאך דעם ווען איהר וועט הערין די אלע משפטים. (ושמרתם ועשיתם אותם אונ איהר וועט זיי היטען אונ וועט זיי טוען. (ושמר ה' אלהיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבתיך) דער פאר וועט גאט דיין גאט היטען צו דיר דעם בונד אונ דיא גנאדע וואס ער האט געשוואָרין צו טוען צו דיינע עלטערין. פרעגט דער אור פני משה אין דעם פסוק עטליכע קשיות: איינס אין סוף פון פרשה ואתחנן (פסוק י"א) שטייט ושמרת את המצוה ואת החקים ואת המשפטים וגו' אין די זאלסט היטען דיא באפויל אין די גיזעץ אונ דיא משפטים. אונ דא שטייט נאר משפטים אליין. אונ קיין מצות אונ חקים שטייט נים. צווייטענס וואס זאגט דער פסוק (והיה עקב תשמעון) אונ ווען איהר וועט הערין (ושמרתם ועשיתם) אונ איהר וועט היטען דיא מצות אזויא וויא דער דין איז פון דער תורה צו טוען. וואס דארף שטיין דאס ווארט תשמעון איהר וועט הערין, דאס איז דאך אגעוויס ווען זייא וועלין טוען דיא משפטים. וועלין זיי דאך געוויס פריער הערין? אונ נאך איז קשה דער פסוק פירט דא אוים (ושמר וגו' אשר נשבע לאבתיך) אונ ווען דוא וועסט היטען צו טוען דיא משפטים וועט גאט צו דיר היטען זיין חסד אונ וועט מקיים זיין וואס ער האט געשווארין צו דיינע עלטערין. איז קשה ממה נפשך. האט ער געשווארין בדארף ער מקיים זיין ווען אויך זיי וועלין נים היטען, אונ ווען זיי וועלין היטען קומט דאך זיי שכר ווען אויך ער וואלט נים געשווארין. נאר דיא כוונה אין פסוק איז אזוי. דער פסוק אין די פריערדיגע סדרה זאגט ושמרת וגו' דוא זאלסט היטען דיא מצות אונ דיא חקים אונ דיא משפטים, אונ דאס איז ידוע אז מצות אונ משפטים פארשטייט מען דעם טעם פון זיי. אבער דער טעם פון דיא חקים פארשטייט מען נים. נאר לעתיד לבוא וועט נתגלה ווערין דער טעם פון די חקים אויך. אבער היינט ווייסט מען נים דעם טעם פון דיא חקים נאר דעם טעם פון די מצות אונ משפטים דאכט זיך אז מען ווייסט. דארובער וועט אפשר דער מענטש וועלין זאגין אז דיא מצות אונ משפטים. וואס איך ווייס נים דעם טעם פון זיי, בדארף איך צוא טוען, אבער דיא חקים וואס איך וויים נים דעם טעם פון זייא, למשל, כלאים, שעטנז, פרה אדומה, זיי בדארף איך נים מקיים זיין. קומט דער פסוק אונ זאגט. איהר מענטשין זאלט נים רעכינען אז דעם טעם פון דיא מצות אונ משפטים ווייסט איהר. דעם ריכטיגען טעם פון זיי אונ די כוונות מיט דיא ריכטיגע סודות פון זיי ווייסט איהר נים. נאר (והיה עקב) עס וועט זיין ביא דעם סוף דאס מיינט מען לעתיד לבוא (תשמעון) וועט איהר פארשטיין (את המשפטים האלה) דיא דאזיגע משפטים, עס וועט צו אייך נתגלה ווערין די ריכטיגע סודות פון די משפטים. וואס איהר רעכינט אז איהר ווייסט היינט אויך דעם טעם פון זיי. אונ אויך דער טעם פון דיא חקים וועט צו אייך נתגלה ווערין. אונ דריבער (ושמרתם ועשיתם אתם) זאלט איהר היטען צו טוען אלע מצות אונ משפטים אונ אויך אלע חקים. אונ דער מענטש זאל נים פרעגין פאר וואס גיט מיר נים גאט ברוך הוא מיין שכר פאר דיא מצות בעולם הזה. זאגט שוין דיא גמרא, היום לעשותם ומחר לקבל שכרם, דאס מיינט מען היינטיגען טאג דאס איז בעולם הזה בדארף מען טוען מצות. אונ מארגין דאס איז בעולם הבא וועט מען נעמין דעם שכר. נאר פון דעסט וועגין זאל דער מענטש נים זארגען פון פרנסה וועט ער נעמין צו מפרנס זיין זיך מיט זיין ווייב אונ קינדער. זאגט דער פסוק (ושמר ה' אלהיך לך את הברית ואת החסד) גאט ברוך הוא וועט צו דיר היטען זיין

ברית

ברית אונ ווערט מיט דיר טוען חסד. אונ דאס וועט ער ניט טוען וועגן דעם שכר פון דיינע מצות. נאר (אשר נשבע לאבתיך) ווייל ער האט געשווארין צו דיינע עלטערין כלומר גאט ברוך הוא וועט דיר געבין פרנסה פון וועגין דעם זכות פון דיינע עלטערין. אונ דיין שכר פאר דיינע מצות וועט זיין באהאלטען פון דיינעט וועגין לעולם הבא: (יג) (ואהבך) אין דורך דעם וואס דיא וועסט מקיים זיין אלע מצות אונ חקים אונ משפטים וועט ער דיר ליעב האבין. (וברכך והרבך וגו׳) אונ וועט דיר בענטשין אונ וועט דיר פאר מערין. אונ וועט דיר מיט דיינע קינדער מפרנס זיין מיט זיין ברכה וואס ער וועט דיר שיקען אין דיין פאר מעגין. אונ דאס אלץ וועט ער דיר געבין וועגין דעם זכות פון דיינע עלטערין. אין זיין שכר וועט זיין געהיט פון דיינעט וועגין לעולם הבא: אונ נאך קען מען טייטשען דעם פסוק (יב) אין (יג) (והי׳) דיא אותיות פון דעם ווארט (והיה) איז דיא זעלביגע אותיות פון שם הוי׳. נאר ניט כסדר. אונ ווען דער שם הוי׳ שטייט ניט כסדר ווייזט עס אויף דין אונ פורעניות. איז דער רמז אין פסוק אזוי. (והיה) אונ עס וועט זיין שטארק דער מדת הדין. פאר דעם וואס (עקב תשמעון וגו׳) איהר וועט אפלעגין תשובה צו טוען אויף דעם סוף. איהר וועט זאגין. אז אויף דיא עלטער דאמאלס וועט ער צייט האבין צו צו הערין. וועט דער מדת הדין מקטרג זיין נאר (ושמרתם) איהר זאלט אפ ווארטען. אונ זאלט היטען דיא צייט. ווען וועט שוין אנקומען (ועשיתם אתם) דיא צייט דאס איהר זאלט שוין קענין טוען דיא מצות, כלומר פריער נאך פאר דיא צייט זאלט איהר שוין גלוסטען צו טוען. למשל, לולב צו בענטשין אונ אין סוכה צו זיצן זאלט איהר נאך פריער גלוסטען צו זיי מקיים זיין דיא באפויל פון גאט ברוך הוא. אונ דעסט גלייכען אלע מצות זאלט איהר זעהן וואס אומגיכסטען אריין האפען אמצוה צוא טוען, אונ נאך אמצוה. ווארום דער מענטש ווייסט דאך נישט וואס שפעטער וועט זיין. אונ ווען איהר וועט זיך אזוי פירען (ושמר ה׳ אלהיך וגו׳) וועט דיר דער מדת הרחמים (וואס דאס איז דער שם הוי׳) מיט דעם מדת הדין, וואס דאס איז דער שם אלהיך) דיר היטען דעם ברית אונ דעם חסד. דער מדת הדין וועט שוין ניט מקטרג זיין נאר אדרבא ער וועט אויך ווערין פול מיט רחמנות. אונ נאך קען מען זאגין דיא כוונה פון דעם ערשטען פסוק (והיה עקב תשמעון וגו׳) אונ ווען עס וועט זיין ביי אייך גוט גליבט דיא מצות פון השי״ת אז נאר דארום ווייל איהר הערט זייא פון השי״ת דארום (ושמרתם ועשיתם אתם) וועט איהר זייא היטען צו טוען. אונ אייער כוונה וועט ניט זיין פון וועגין דעם שכר וואס מען וועט אייך געבין. דריבער (ושמר וגו׳) וועט דיר גאט ברוך הוא היטען דעם ברית אונ דעם חסד, אונ וועט דיר געבין אלעס גוטס ניט ווייל דוא טועסט דיא מצות, דאס עס זאל דיר אפגירעכינט ווערין פון דעם שכר לעולם הבא. נאר (אשר נשבע לאבתיך) ווייל ער האט געשווארין צו דיינע עלטערין וועט ער דיר געבין וואס דוא בדארפסט בעולם הזה, אבער דער עיקר שכר פאר דיינע מצות וועט מען דיר געבין בעולם הבא: (יד) (ברוך וגו׳) מיר געפונען ביי משה רבינו ווען אויך ער האט גיהאט אין זיך פול גוטע מדות פון דעסט וועגין רימט איהם דיא תורה נאר מיט דיא מדה ענוה. וואס ער איז גיוועזן אגרויסער עניו. זעהן מיר דאך אז דיא מדה פון ענוה איז זעהר אגוטע מדה, ווארום דורך איהר האלט זיך דער מענטש ניט בגאווה אנטקעגין דעם אנדערין. אונ אויך טראגט ער ניט קיין שנאה אויף קיין מענטש, אונ איז קיינעם ניט מקנא.

אונ

אונ ווען ער איז אזוי קען ער דאך טוען פול מצות אונ מעשים טובים. דאס איז דער פסוק מרמז. (ברוך תהיה מכל העמים) דיא זאלסט זעהן צו זיין דער גרעסטער עניו פון אלע מענטשין (דאס ווארט ברוך קען מען טייטשען בענין) דאס מיינט מען זיך צו האלטין נידעריג (לא יהיה בך עקר ועקרה) ווען דוא וועסט זיך אזוי האלטין, וועט שוין ממילא ביי דיר ניט זיין קיין אונפרוכטבאר פון מצות, נאר דוא וועסט טוען פול מצות. (ובבהמתך) אונ אויך מיט דיין גשמיות וועסטו פול מתקן זיין, דהיינו ווען דוא וועסט עסין וועט זיין דיין כוונה לשם שמים צו האבין כח צו לערנין. אונ נאך קען מען טייטשען דעם פסוק אזוי. דיא משנה (א) אבות (פרק ה') זאגט (איזה עשיר השמח בחלקו) וועלכער מענטש איז רייך, ווען אויך ער האט ניט קיין פול פארמעג. דער מענטש וואס ער פרייעט זיך מיט זיין ביסיל פארמעג וואס גאט האט איהם איינגעטיילט, אונ ער באגייט זיך מיט דעם אונ גלוסט ניט נאך מותרות. דער מענטש איז דער רייכסטער פון אלע מענטשין. דאס זאגט דער פסוק (ברוך תהיה מכל העמים) יעדער מענטש בדארף זיך רעכינען דאס ער איז דער גיבענטשטער אויף דיא וועלט מיט פול פארמעג מער פון אלע מענטשין, ווארום ווען ער וועט ניט גלוסטען נאך איבריגם. נאר וואס ער האט איז גענוג איז ער דאך רייך. אונ דאמאלט (לא יהיה בך עקר ועקרה) וועט קיינער פון דיר ניט זיין אפגעריסען פון דעם שורש. ווארום ווען ער וועט זיך באגיגען מיט דעם וואס ער האט וועט ער קענין צייט האבין צו לערנין דיא תורה הקדושה וואס זיא איז פון הימעל, אונ ווען דער מענטש לערינט איהר ווערט ער דורך איהר אנגעבונדען אין הימעל אין דעם ארט וואס די נשמה איז פון דארט ארויס גענומען. אונ דריבער שטייט אויך דאס ווארט (עקרה) וואס דאס ווייזט אויף ווייבער וואס זיי האבין אין זיך דיא שלעכטע מדה פון מקנא זיין. אונ באריבער רעדין זיי אלין אן דעם מאהן ער זאל זיך אויך אין דעם אנדערין מקנא זיין, אונ דורך דעם קומט ארויס מחלוקת. פאר זאגט דער פסוק אז דאס זאל ניט זיין ביי זיי. (ובבהמתך) ווען אויך ביסט עוסק אין גשמיות דוא האנדילסט, ווען דאס איז ניט ווענין איבריגם נאר ווענין דעם וואס מען בדארף האבין צו לעבין פון ווענין צו האבין כח צו לערנין, וועט מען זיין צו געבונדען צום שורש העליון: (טו) (והסיר ה' ממך כל חלי) אונ ווען דו וועסט האבין אין זיך דיא מידה פון ענוה אין הסתפקות וועט גאט פון דיר אפטוען אלע קראנקהייטען וואס זיי קומען צום מענטש דורך דעם וואס ער איז דעם אנדערען מקנא. (וכל מדוי מצרים הרעים אשר ידעת) אונ אלע קראנק-הייטען פון די מצריים וואס דוא ווייסט פון זיי, דאס זיי זענין געקומען אויף זיי דורך דעם וואס זיי האבין זיך געהאלטין בגאוה. (לא ישימם בך) וועט ער זיי אין דיר ניט טוען. ווען דוא וועסט ניט האבין אין זיך דיא שלעכטע מידה פון גאוה. (ונתנם בכל שנאיך) אונ ער וועט דיא קראנקהייטען געבין אויף אלע דיינע פיינד וואס האלטין זיך בגאוה אנטקעגין דיר:

ח (א) (כל המצוה) אלע מצות ווען דוא געמסט טוען. זאל דיין כוונה זיין (אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות) ווייל איך באפויל עס היינט דארום זאלט איהר היטען צו טוען. אבער אייער כוונה זאל ניט זיין פון ווענין צו נעמען שכר. ווארום (למען תחיון ורביתם) ווען אייער כוונה וועט נאר זיין פון ווענין איהר זאלט לעבין אונ איהר זאלט זיך פארמעהרין (ובאתם וירשתם את הארץ וגו') אונ איהר זאלט קומען אונ ירשינען דאס לאנד: (ב) (וזכרת את כל הדרך) זאלסטו זיך אבער

דיר

ער מאנען דעם גאנצין וועג אשר הוליכך ה' אלהיך זה ארבעים שנה במדבר וואס דיין גאט האט דיר געפירט פערציג יאהר. אין דיא מדבר. פאר וואס איז דאס געוועזן למען ענתך ווייל דיא האכט געמיינט אז דיא וועסט ווערין אין דעם לאנד געפייניגט. ווארום אייער כוונה צוא געהן אין דעם לאנד איז ניט געוועזן צוא היטען גאטס באפויל. נאר פון אייער טובה וועגין. אין ווען דיא מרגלים האבין אייך געזאגט אז דאס לאנד איז ניט קיין גיט לאנד האט איהר שוין ניט געוואלט טוען גאטס בפעל. דארום זענט איהר געבליבען אין דיא מדבר פערציג יאהר. לנסתך דיר צו דער הויבען לדעת צו וויסען את אשר בלבבך וואס ביי דיר אין הארץ איז. התשמר מצותיו צו דוא וועסט היטען זיינע מצות ווייל ער האט דיר געהייסען אם לא צו נישט. צו דיא וועסט טוען דיא מצות נאר צו נעמען שכר. זאלסטו דאס בערעכינען אז עס איז ניט גיט צו טוען דיא מצות מיט דיא כוונה צו נעמין שכר. נאר ווייל גאט האט געהייסן זייא טוען צוא בדארף מען איהם הערין: (ג) ויענך וירעבך ויאכילך את המן וגו' אונ גאט האט דיר געפייניגט אין האט דיר געהייסען ליידין הונגער. אונ דער נאך האט ער דיר גיגעבין דעם מן צוא עסין. וועלכעם דיא האסט פון דעם נאר ניט געוויסט אונ ניט דיינע עלטערין. למען הודיעך פון וועגין דיר צו מאכען וויסען. כי לא על הלחם לבדו אז ניט דורך דיא פאר דינסט וואס דער מענטש ארבייט זעלבסט אויף דיא וועלט. אדער ער האנדילט אין פאר דינט. וואס ער רעדט זיך איין. אז דאס ברויט וואס ער האט פון דעם פאר דינט האט ער זיך זעלבסט פאר דינט. דאס מיינט דער פסוק מיט דיא ווערטער להם לבדו זיין זעלבסט ברויט. כלומר זיינע אייגענע פאר דינסט יחי' האדם לעבט דער מענטש: (כו) נאר על כל מוצא פי יחי' האדם דורך דעם וואס גאט ברוך הוא רעדט ארויס מיט זיין מויל אז דער מענטש זאל אזוי פיל פערדינען. פון דעם לעבט דער מענטש. אזוי וויא בייא דעם מאן. ווארום מסתמא ווען זייא זענען גיוואריין געפייניגט אין זענען געוועזן הונגעריג האבין זיי מסתמא געזוכט פול אופנים פון וואס זיך מפרנס צוא זיין. אונ עס האט זיי אלעם ניט געגליקט. נאר דאס וואס זייא האבין גאר ניט גירעכינט דאס איז זיי געקומען. אזוי בדארף יעדער מענטש בייא רעכינען אז ניט דאס וואס זיין שכל באקלערט דאס ער זאל מאכין דאס גישעפט וועט ער פון דעם האבין פרנסה. נאר פון דעם וואס גאט וויל. איבער דעם בדארף מען נאר פון איהם בעטין אויף פרנסה נאר מען דארף טוען אויך ווארום מען ווייסט דאך ניט. דורך וואס וויל איהם גאט מפרנס זיין: נאך קען מען טייטשען, כי לא על הלחם לבדו) ניט דורך דעם וואס דער מענטש עסט נאר פון וועגין צו זעטיגען דעם גוף ווייל עס גלוסט איהם דיא זאך צום עסין וואס דאס ווערט גערופין (לחם לבדו) ברויט זעלבסט. קיין געטליכקייט איז אין דעם ניט. (יחיה האדם) ציהעט דער מענטש זיין חיות. וואס מיט דעם אמת מיינט מען דאס חיות פון די נשמה הקדושה. ווארום דאס חיות פון דעם גוף איז דאך אין אבהמה אויך. אונ ווען דער מענטש עסט נאר פון תאוה וועגין ווערט ער ניט גרופין אדם, נאר אבהמה בצורת אדם. זאגט דער פסוק אז דאס טויג ניט (כי) נאר (על כל) אויף אלע זאכין וואס דער מענטש טוט הן ווען ער עסט הן ווען ער טרינקט, הן ווען ער שלאפט, הן ווען ער האנדילט, זאל אלץ די כוונה זיין (מוצא פי ה') ער זאל קענין אוים ברענגין די באפויל פון גאט ברוך הוא ער זאל האבין כח צוא לערנין צו טוען מצות גמילות חסדים. צדקה צו

טוען

טוען. מיטפאוועלכע כוונות (יחיה תאדם) ציעט דער מענטש די חיות פון הקדוש ברוך הוא: (ד) (שמלתך) דיין קלייד. דאס מיינט מען דער אור אלוה. דאס געטליכע ליכט וואס עס ווערט גיגעבין אויף דעם מענטש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית ג' כ"א) ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבשם) אונ גאט האט גמאכט צו אדם הראשון אונ צו זיין ווייב העמדער פון פעל אונ האט זיי אנגעקליידעט. זאגט דיא גמרא אז אין דעם חומש וואס דער תנא ר' מאיר האט גילערינט איז געוועזן געשריבען אין דער זייט (כתנות אור) דאס ווארט אור מיט איין אלף. איז דער טייטש איין ליכטיגע העמד, אזוי ווי דער תרגום שרייבט (לבושין דיקר) איין טייערע אנקליידונג געטליכקייט. (לא בלתה מעליך) וועט ניט ווערין פארפוילט פון דיר. נאר, ורגלך לא בצקה) אז דיינע פיס זאל ניט זיין געשוואלין, דאס מיינט מען דער גוף (וואס ווערט גרופין (רגל) פיס. אנטקעגין דאס געטליכקייט. אזוי ווי עס שטייט גאט האט גיזאגט צו משה (של נעליך מעל רגליך) זאלסט ניט זיין געהויבן. ער זאל זיך ניט האלטין בגאוה. ער זאל זיך אויף זיין חבר ניט דער הויבן, אזוי ווי דאס טייג דערהויבט זיך דורך די הייוועז. אזוי וועט ער וועלין זיין דערהויבען דורך דעם יצר הרע. פארזאגט עס דער פסוק. דער מענטש זאל זיך ניט גרעסין אויף זיין חבר. אונ ווען דער מענטש וועט זיך אזוי נוהג זיין (זה ארבעים שנה) דיא ערשטע פערציג יאהר, וועט ער שוין זיין פארזיכערט אז עס וועט ביי איהם בלייבין דער אור אלוה, אזוי וויא די גמרא זאגט ווען עס גייט אוועק צום מענטש מיינסטען זיינע יאהרין אן זינד וועט ער שוין ניט זינדיגען: (ט) (ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם) דער כלי יקר טייטשט אזוי. דאס לאנד ארץ ישראל איז אזוי איין לאנד וואס ניט דורך ארימקייט וועסטו עסין אין איהר גאר ברויט. (לא תחסר כל בה) עס פעלט אין איהר גאר ניט. עס איז דא אין איהר אלע גוטע פרוכט. פון דעסט וועגין פון גרויס חשקות צו די תורה וואס אין דעם לאנד איז גלוסט זיך גאר ניט קיין שום מאכל צו עסין נאר ברויט פון וועגין צו דערהאלטין דאס לעבין. אזוי וויא דיא משנה אבות זאגט (כך היא דרכה של תורה) אזוי בארף זיך פירען דער מענטש וואס וויל לערנין תורה. (פת במלח תאכל) ברויט מיט זאלץ צו עסין, ניט גלוסטין קיין איבריגס, נאר וואס נייטיג צום לעבין איז. (ארץ אשר אבניה ברזל) ארץ ישראל איז אזוי איין גוט לאנד. אז איהרע שטיינער דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וועלן אויך זייא גיבען זיך ניט נאך קיין תאוות אונ עסין ניט קיין איבריגס. פון דעסטוועגין זענין זייא שטארק וויא אייזען. (ומהרריה תחצב נחשת) אונ דורך איהרע בערג דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וועסטו אויסהאקין דיא שלאנגען דאס מיינט מען דאס שלעכטיגקייט וואס דאס איז גליך צו א שלאנג: (יב) (פן תאכל) זאלסט זיין געהיט צו עסין (ושבעת) ווען דו ביזט שוין זאט. (ובתים טבים תבנה) אונ גוטע הייזער וועסט דו וועלין בויען (וישבת) ווען אויך דוא ביסט שוין בזעצט. דוא זאלסט נאר עסין ווען דוא ביסט הונגעריג, אבער ניט פרעסין וויא א בהמה. אונ ווען דוא האסט אשטוב צום וואהנען. בדארפסטו ניט פארדרעהן זיך מיט בנינים ווארום דאס וועסט דוא מיט זיך ניט מיט נעמין: (טו) (המוליכך במדבר הגדול והנורא) דוא זאלסט ניט פארגעסין אין דיין גאט וואס ער האט דיך געפירט אין די גרויסע מדבר דיא פארכטיגע (נחש שרף ועקרב) וואס דארט איז דא שלאנגען אונ עגדיסען (וצמאון אשר אין מים) אונ דארט איז אדארשטיג ארט וואס עס איז גישט דא קיין וואסער. דיא גמרא ירושלמי זאגט ווען איין שלאנג טייט

אמענטש

אמענטש אבים. ווען דער שלאנג פעדירט זיך צו דיא וואסער שטארבט דער מענטש. אונ ווען דער מענש פעדירט זיך צו די וואסער שטארבט דער שלאנג. דאס איז די כוונה אין פסוק אין דיא מדבר געפונט זיך שלאנגען, אונ קיין וואסער איז דארט נישט דא. מען זאל זיך פעדירן צו זייא. נאר גאט ברוך הוא האט מיט דיר געטוען נסים. (המוציא לך מים מצור החלמיש) אונ ער האט דיר אויסגעצויגען וואסער פון פעלזין שטיין, פון וועגין דו זאלסט האבען באלד וואסער ווען די שלאנגען שטארבן: טו (יד) (הרף ממני ואשמידם ואמחה את שמם מתחת השמים) גאט ברוך הוא זאגט

צו משה, לאז אפ פון מיר, זאלסט ניט מתפלל זיין אויף זייא. איך וויל זייא פארטיליגען. אונ זייער נאמין אפמעקין פון אונטער דעם הימעל. ואעשה אותך לגוי עצום ורב ממנו) אונ איך וועל דיר מאבען צו איין שטארק פאלק אונ פיל מער פון איהם. איז דאך קשה טאמער וועלין זיי אויך זינדיגען. וועלין זיי דאך אויך פארלענד ווערין. נאר מע קען אזוי זאגין דיא כוונה אין פסוק. (עצום) דיינע קינדער וועלין זיין שטארק אין גאטס דינסט. זיי וועלין זיך שטארקין אין דיא תורה אונ אין דיא מצות (ורב) זייא וועלין טוען פיל מצות. (ממנו) דורך איהם. דורך דעם פריערדיגען פאלק. ווען זיי וועלין זיך דערמאנען דעם סוף וואס עס איז געווארין פון דיא יודען ווייל זיי האבין מיר ניט געהארכט. זיי וועלין זיך פון זיי אראפ נעמין אמוסר: (כא) ואת חטאתכם אשר עשיתם את העגל) אונ אייער זינד וואס איהר האט געמאכט דאס עגל (לקחתי ואשרף אתו באש) האב איך גענומען אונ האב איהם פארברענט אין פייער (ואכת אתו) אונ האב איהם צושלאגען (טחון היטב) אונ גוט צומאהלין. איז דאך קשה וועגין וואס זאגט ער דיא ווערטער (ואת חטאתכם) אונ אייער זינד, עס האט דאך געקענט שטיין (ואת העגל אשר עשיתם) אונ דאס עגל וואס איהר האט געמאכט? אונ נאך איז קשה, ער זאגט, איך האב איהם פארברענט אין פייער, אונ דערנאך זאגט ער, איך האב איהם צושלאגען אונ גוט צומאהלין, ווען ער האט איהם שוין פריער פארברענט, געשיקט זיך שוין נישט צו זאגין צושלאגין אונ צומאהלין, אונ אויך איז קשה דער פסוק האט גאר בדארפט צו שטיין פריער, נאך דעם פסוק ט"ז וואס ער זאגט דארט, (וארא וגו׳) אונ איך האב געזעהן אז איהר האט געזינדיגט צו אייער גאט, איהר האט געמאכט צו אייך דאס געגאסענע עגל. האט בדארפט נאך דעם צושטיין דער פסוק, וואס ער זאגט. אז איך האב דאס עגל גענומען אונ האב איהם פארברענט? וועגין וואס שטייט דער פסוק דא נאך דעם ווען ער זאגט שוין אז ער האט געבעטין פערציג טאג פון גאט, אונ ער האט אויך געבעטין פון אהרן'ס וועגין? נאר מען קען אזוי זאגין עפ"י רמז, אין פסוק (שמות ל"ב ל"ד) שטייט, (וביום פקדי ופקדתי וגו׳ אין דעם טאג וואס די יודין וועלין זינדיגען אונ איך וועל אויף זיי באפוילין שטראף וועל איך זיי דאמאלס אויך שטראפין אויף דעם זינד פון עגל, (אונ אויך דער חורבן בית הסקדש איז געוועזען דורך דעם זינד פון עגל אזוי ווי די גמרא זאגט אויף דעם פסוק וואס ירמיהו הנביא זאגט (איכה א׳ ט"ז) (על אלה אני בוכיה) דיא כוונה איז אזוי. (על אלה) וועגין דעם ווארט אלה וואס דיא יודין האבין געזאגט אויף דעם עגל (אלה אלהיך ישראל). דאס איז דיין גאט, דורך דעם איז חרוב געווארין דער בית המקדש אונ ווען השי"ת האט געוואלט די יודין פארלענדין וועגין דעם עגל. האט משה צו איהם געזאגט, דוא ביסט דאך איין ארך אפים, דוא דערלענגערסט דיינע צארין, אונ שטראפסט ביסליכווייס ווייטער זייא אויך שטראפין ביסליכווייס.

האט

האט איהם השי"ת געזאגט סלחתי איך בין זיי מוחל נאר ניט אין גאנצין, נאר כדברך אזוי ווי דוא האסט גירעדט איך וועל זיי ביסליכווייס שטראפין. מיט דעם איז שוין אלץ פארענטפערט. דער פשט פון פסוק איז אזוי (ואת חטאתכם) אונ אייערע פול זינד (אשר עשיתם) וואס איהר האט געטוען (את העגל) דורך דעם עגל. אונ אויך די זינד פון עגל (לקחתי) האב איך צו גענומען מען זאל אייך מיט אמאהל ניט פאר-לענגען. נאר (ואשרף אתו) איך האב די זינד פארברענט (באש) דורך דעם פייער וואס עס איז גיווארין פארברענט דער בית המקדש. (ואכת אתו) אונ איך האב דיא זינד פיינאנדער געשלאגען (טחון היטב) גוט צו מאהלין דאס איהר זאלט ניט ווערין געשטראפט מיט אמאהל אויף די זינד נאר ביסליכווייס (עד אשר דק לעפר) ביז עס האט גימאכט דין צוא דיא ערד. כלומר דיא ערד ארץ ישראל איז גיווארין וויסט. (ואשלך את עפרו) אונ איך האב גיווארפין מיט מיין תפלה דיא ערד פון דעם עגל, כלומר דעם חטא פון איהם, (אל הנחל) צום טייך פון צרות וואס עס וועט אויף אייך קומען אין גלות (הירד מן ההר) וואס דער טייך צרות וועט אויף אייך גידערין דורך דעם בארג דאס איז דער יצר הרע כלומר ווען איהר וועט זינדיגען דורך דעם יצר הרע אונ מען וועט מען אייך שטראפין וועט מען אייך שטראפין וועגין דעם זינד פון עגל אויך:

י (יב) (ועתה) אונ יעצט, כלומר יעדערע רגע קענט איהר גערופין ווערין מיט דעם נאמין (ישראל) וואס דאס ווייזט ישר-אל רעכט פארטיגע מיט גאט. (מה ה' אלהיך שאל מעמך) דיין גאט פארלאנגט פון דיר אז דוא זאלסט זיך האלטין זעהר נידעריג, צו זיין איין עניו, זאלסט זיך וועלבסט פרעגין (מה) וואס בין איך, איך בין דאך גאר ניט חשוב. דאס ענוות זאל ניט זיין פון כח דעם יצר הרע. למשל, ווען דער מענטש זעהט אקאמפאניע פון שלעכטע מענטשין געהן אונ טוען שלעכטע מעשים. זאגט צו איהם דער יצר הרע גיי אויך מיט זייא. אונ ווען דער מענטש בארעכינט זיך אונ זאגט ווי קום איך צו זיי עס פאסט ניט פאר מיר צו גיין טוען דאס שלעכטס. זאגט צו איהם דער יצר הרע (מה אתה) וואס ביסט די דען מער חשוב פון זיי דו ביסט דאך גלייך אמענטש ווי זיי, אזוי מין ענייוות טויג ניט. אונ אויך ווען דיזער מענטש קען זיי שטראפין דאס זיי זאלין אויך ניט טוען דאס שלעכטס, זאל ער זיך ניט רעכינען ווי גאר נישט אונ זאגין מה אני וואס בין איך פאר אחשוב איך זאל זיי מוסר זאגין. אזוי מין ענייוות טויג ניט. (כי אם) נאר דיא ענייוות זאל זיין (ליראה את ה' אלהיך) מהמת דעם וואס דיא האסט מורא פאר דיין גאט. זאלסט דיא זיך היטען פון צו טוען שלעכטס. אונ ניט לאזין אנדערע טוען שלעכטס. אונ אויך ווייזט עס דיא צוויי שמות ה' אלהיך אז סיי ווען דער השי"ת פירט מיט דעם מענטש מדת הרחמים וואס אויף דעם ווייזט דער שם (הוי') אונ סיי ווען ער פירט מיט מדת הדין וואס אויף דעם ווייזט דער שם אלהים. זאלסטו אלץ פיר איהם מורא האבין. (ללכת בכל דרכיו) צוא גיין אונ אלע זיינע וועגין. אמאהל בדארף דער מענטש באניצן דיא מדה פון רחמנות. אונ אמאהל די מדה פון אכזריות אויף דיא רשעים. ולאהבה אתו אונ איהם ליב צוא האבין, דורך דעם וואס דיא ועסט פאר איהם מורא האבין. וועסטו זיין געהיט פון עובר צוא זיין אויף דיא לא תעשה. אונ דורך דעם וואס דיא וועסט איהם ליעב האבין וועסטו מקיים זיין די מצות עשה (ולעבד את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך)

אונ זאָלְסט דינֶען דַיין גָאט מִיט דַיין גַאנְצֶן הַארְץ אונ מִיט דַיין גַאנְצֶן לֶעבֶּן. כלומר וֶוען אויך דִי עֶסְט אונ טְרִינְקְסְט וָואס דָאס אִיז דַיין לֶעבֶּן. זָאל עֶס נָאר זַיין פון וֶועגְן צוּא הָאבֶּין כח גָאט צוּא דִינֶען: (יג) (לשמר את מצות ה׳ ואת חקתיו) צוּא הִיטֶען דִיא מצות פון גָאט אויך זַיינֶע חקים (אשר אנכי מצוך היום) וָואס אִיך בֶּעט פַאר דִיר הַיינְטִיגֶען טָאג. דֶער מֶענְטְש בַּדַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעכֶינֶען אַז הַיינְטִיגֶן טָאג אִיז גִיגֶעבֶּין גִיוָוארִין דִיא תורה. אונ וֶוען עֶס אִיז יֶעצְט גִינֶעבֶּין גִיוָוארִין טִיעֶט מֶען עֶס מִיט חשק. אונ אויך אִיז דִיא כוונה. (היום) הַיינְטִיגֶן טָאג. דֶער מֶענְטְש בַּדַארְף רֶעכֶינֶען אַז נָאר דֶעם טָאג וֶועט עֶר לֶעבֶּין. אונ מָארְגֶען קֶען זַיין וֶועט עֶר שְׁטַארְבֶּען, אִיבֶּער דֶעם בַּדַארְף עֶר זֶעהֶן וָואס מֶער מצות צוּ טוּעֶן יֶעדֶערִין טָאג. אונ אויך דַארְף דֶער מֶענְטְש וִויסֶען אַז דִיא כוונה פון דִי מצות אִיז נִיט פון גָאטְס טובה וֶועגִין נָאר (לטוב לך) פון דַיין טובה וֶועגִין עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין בעולם הבא: (כ) את ה׳ אלהיך תירא) דָאס פַארְזָאגְט דֶער פָּסוּק צוּ דֶעם גְרוֹיסֶען צַדִיק וָואס עֶר אִיז זוכה אַז גָאט זָאל רוּפֶען זַיין נָאמִין אויף אִיהְם. דָאס עֶר אִיז זַיין גָאט. זָאגְט מֶען אִיהְם דוּא זָאלְסְט פַאר דַיין גָאט מוֹרָא הָאבֶּין. ומכל שכן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין (אתו תעבד) וֶוען דוּ קוּמְסְט פַאר אִיהְם תפלה טוּעֶן וָואס דָאס וֶוערְט גרוּפְן עבודה. זָאלְסְטוּ זִיך גוּט בְּרֶעכֶינֶען פַארְוָועמִין דוּא שְׁטֶעלְסְט זִיך מתפלל זַיין. פַאר אַזוֹי אַגְרוֹיסֶען גָאט וָואס עֶר הָאט אַלֶם בַּאשַׁאפֶען אונ אִיז אמלך אִיבֶּער אַלֶע. אונ וֶוען מחמת דֶעם וֶועסְטוּ מוֹרָא הָאבֶּין פַאר אִיהְם צוּ מתפלל זַיין. (ובו תדבק) זָאלְסְטוּ זִיך אויך בְּרֶעכֶינֶען אַז עֶר אִיז אויך אַגְרוֹיסֶער בעל רחמים. עֶר קוּקְט זִיך אוּם אויף אַלֶע אונ הָארְכְט אוֹיס אַלֶע תפלות וֶועסְטוּ זִיך אִין אִיהְם בַּאהֶעפְטִין אונ צוּ אִיהְם מתפלל זַיין. אויך אִיז דִי כוונה (ובו תדבק) זָאלְסְט זִיך אִין אִיהְם בַּאהֶעפְטִין זָאלְסְט אִין זִיך הָאבֶּין זַיינֶע מידות. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אבעל רחמים אונ עֶר דֶערְבַּארִימְט זִיך אויף דִיר אונ אִיז דִיר מוחל אויף דַיינֶע זִינְד וָואס דוּ הָאסְט אַנְטְקֶעגִין אִיהְם גֶעזִינְדִיגְט. אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיך אויך מרחם זַיין אויף דֶעם אַנְדֶערִין אונ זָאלְסְט מוחל זַיין דֶעם וָואס הָאט דִיר עֶפִּים שְׁלֶעכְטְס גֶעטִיהְן. (ובשמו תשבע) אונ אִין זַיין נָאמִין זָאלְסְטוּ וֶוערִין גֶעשְׁוָוארִין. כלומר פון גְרוֹים מוֹרָא פַאר אִיהְם זָאלְסְטוּ נִיט שְׁוֶוערִין אִין זַיין נָאמִין, נָאר וֶוען מֶען וֶועט דִיר בַּאשְׁוָוארִין אִין זַיין נָאמִין זָאלְסְטוּ מקבל זַיין. אויך אִיז דִיא כוונה. (ובשמו תשבע) דוּ דַארְפְסְט זִיך דֶערְמַאנֶען אַז אִין זַיין נָאמִין בִּיסְטוּ בַּאשְׁוָוארִין גֶעוָוארִין וֶוען דוּ בִּיסְט נָאךְ גִיוֶוען
אִין דַיין מוּטֶערְס בּויךְ. אִיהְם צוּא הָארְכֶען:

(יא) (ו) (ואשר עשה וגו׳) אונ וָואס גָאט הָאט גִימַאכְט צוּא דתן ואבירם. וָואס דִיא הֶערְד הָאט גִיעֶפִינְט אִיהְר מויל אונ הָאט זֵייא אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען מִיט זֵייעֶרֶע הַייזֶער (ואת כל החוקים אשר ברגליהם בקרב כל ישראל) אונ דָאס גַאנְצֶע בַּאשְׁטַאנְד וָואס עֶס אִיז בַּיי זֵייעֶרֶע פִּים שְׁרַייבְּט רש״י (זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו) דָאס מֵיינְט מֶען דָאס גֶעלְד וָואס דָאס שְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְש אויף זַיינֶע פִּים. אִיז דָאךְ דִיא קשיא. נָאךְ דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אָרוּמַאן וָואס הָאט נִיט קַיין גֶעלְד שְׁטֵייט נִיט. אונ אויך וָואס קוּמְט אוּנְז דִיא תורה מִיט דִיא וֶוערְטֶער צוּ וַוייזֶען. זָאגְט דֶער ס׳ כלי יקר אַזוֹי. דֶער רמב״ם רֶעכֶינְט אוֹיס פִיר מעלות פון מֶענְטְש. חכמה. גבורה. אונ גוּטֶע מידות. אונ רַייכְקַייט. דִיא עֶרְשְׁטֶע דְרַייא מעלות זֶענֶען אִין מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט. אונ דִי פֶערְטֶע מעלה אִיז אויסְוֶוייניג פון מֶענְטְש דִיא מעלה פון חכמה אִיז בַּייא דֶעם מֶענְטְש אִין מוח אונ אִין הארץ. אונ דִי מעלה

פֿון

פון גבורה שטאמט פון הארץ. וואַרום ווען דאס הארץ פון מענטש איז שוואך איז ער ניט קיין גבור. אונ דיא מעלה פון גיטע מידות איז אויך ביי דעם מענטש אין הארץ. אָבער דיא מעלה פון עשירות איז אויסוויינינג פון מענטש. אונ ווען דער מענטש שטארבט נעמט ער עס ניט מיט מיט זיך עס בלייבט איבער אויף דיא ערד. איבער דעם הייסט עס גערופין עס איז ביי די פיס. ווייל דער מענטש בדארף מרעטין דאס עשירות מיט דיא פיס. עס דארף ביא איהם קיין חשיבות האבין. אונ דיא מענטשין פירין זיך אבער ניט אזוי. זיי האלטין דאס געלד זעהר חשוב. עס איז ביי זיי גירעכינט וויא עס אלט זיי אויף אין גאנצין. אונ דאס איז זעהר גאנץ אויפהאלטונג. אָבער באמת איז עס זעהר אנידעריגע זאך. נאר דער מענטש נעמט עס צליין אונ שטעלט עס אויף אויף זיך עס זאל אויף איהם האבין צוא שאפין. אונ עס פירט איהם אראפ פון דעם רעכטין וועג. אונ דורך דעם קומט דער מענטש צוא אלע שלעכטס. ווייל ער וויל האבין פיל עשירות קריגט ער זיך מיט אלע מענטשין אונ ווייל זיי אלע ברצחינען. אונ גיט שלעכטע וואג אין שלעכטע מאס. אונ איז מבטל גאנצע טעג אין נעכט. אונ איז צליך נאר צביין געטיען אין דיא נארישקייט פון עשירות. אין וואס איז דער סוף. דאס ברענגט איהם אין גהינם אריין. דאס זאגט דער פסוק. גי״ענקטיץ וואס גאט האט געטוען צו דתן אונ אבירם ווייל זיי האבין זיך גיהאלטין בגאוה אונ האבין געפירט מחלוקת האט דיא ערד אויפגיעפינט איהר מויל אונ האט זיי איינגעשלונגען זיי מיט זייערע הייזער מיט זייערע גיצעלטין. אונ דורך וואס איז עס צו זיי געקומען זיי זאלין פירין מחלוקת ואת כל היקום אשר ברגליהם) דורך די געלד וואס דאס איז גאר אנידעריגי זאך עס איז גאר ביי דיא פים אונ זיי האבין עס גאר גימאכט פאר אגאנצע שטארקע זאך. אונ גילגל בוויים איז עס אויפגעשטאנען אויף זיי אונ עס האט זיי אראפ געווארפען אין גיהנם אריין: (ח) (ושמרתם את כל המצוה) אונ איהר זאלט היטען צלע באפויל (אשר אנכי מצוך) וואס איך באפויל דיר (היום) היינטיגן טאג. דיא תורה מיט איהרע מצות בדארף זיין געליבט צלע טאג ביי אייך גלייך ווי מען וואלט איהר היינטיגן טאג צייך גיגעבין, (למען תחזק) דורך דעם וועט איהר זיך שטארקען אויף דעם יצר הרע וואס ער רעדט אייך אפ פון איהר. אונ דורך דעם וואס איהר וועט היטען דיא תורה מיט דיא מצות (ובאתם וירשתם את הארץ) וועט איהר קומען אונ וועט ארבין דאס לאנד דאס מיינט מען עולם הבא (דורך דעם שטייט הארץ מיט איין ה׳ צו ווייזען אויף דעם לאנד וואס עס איז ידוע (אשר אתם עוברים) עולם הזה וואס איהר לעבט אין איהר איז עס נאר גלייך ווי אקרעטשמע וואס מען פארט דורך איהר (שמה לרשתה) דארט אהין קיין עולם הבא איהר צו ארבען: (י) (כי הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה) (עפ״י רמז קען מען אזוי זאגין דער פסוק זאגט צום מענטש, דוא באדרפסט וויסען אז דאס לאנד פון עולם הבא וואס דוא קומסט אהין איהר צו ארבין אויף אייביג (לא כארץ) איז ניט אזוי ווי דאס לאנד פון עולם הזה וואס זיא ווערט גרופין (מצרים) איינגשאפט ווייל דעם מענטש איז אין איהר זעהר פיל ענג (אשר יצאתם משם) וואס איהר זענט פון דארט ארוים גיגאנגען, זיא איז ניט אייער ארט אויף אייביג, אינ דוא בדארפסט זעהן (אשר תזרע את זרעך) אז ווען דוא לעבסט בעולם הזה זאלסטו פארזעהן דיינע זאמען. דוא זאלסט לערנין תורה אונ טוען מצות אונ מעשים טובים (והשקית ברגליך) אונ זאלסט מאכין [illegible] אין דיין

נוף וואס ווערט גרופען רגל ער איז די פים צו די נשמה. זאלסטו איהם בעולם הזה אנטרינקען מיט פיל תורה ומצות (כגן הירק) אזוי ווי דער גארטין וואס עס וואקסט אין איהם גרינע גראז: (יא) (והארץ אשר אתם עוברים) אונ דאס לאנד עולם הזה וואס איהר גייט דורך איהר (שמה לרשתה) אהין קיין עולם הבא איהר צו ארבין (ארץ הרים) זיא איז אלאנד פון בערגער. ווייל עס איז אין איהר דא אלע זאכין וואס דער מענטש בדארף. מאכט דער יצר הרע צום מענטש איהר גליך ווי בערגער, כלומר ער ברענגט אריין אין גאוה ער זאל זיך רעכינען ער איז העכיר פון אלע. גלייך ווי ער זיצט אויף דעם שפיץ בארג, אבער דע סוף פון דעם איז (ובקעות) ער פאלט אריין אין טאהל פון גיהנם דורך די שלעכטע מידה פון גאוה אזוי ווי די גמרא זאגט (כל המתיהר נופל בגיהנם) דער וואס האלט זיך בגאוה פאלט אריין אין גיהנם. אונ אפשר וועט דער מענטש זאגין וועלין ווען עס איז דא אזוי איצר הרע מיט וואס קען איך זיך מציל זיין פון איהם, זאגט אויף דעם דיא גמרא (אלמלא עוזרו לא היה יכול לקיים (לנצחו) ווען גאט וואלט ניט העלפין דעם מענטש פון דעם יצר הרע וואלט ער זיך קענין איהם ניט גיקענט העלפין. נאר פון דעסט וועגין דארף דער מענטש זיך אליין אויך נעמין צו דעם. דאס זאגט דער פסוק (למטר השמים) צו דעם רעגין פון הימעל כלומר צו דעם ערוועקונג וואס ער קומט צום מענטש פון הימעל (תשתה מים) זאלסטו טרינקען וואסער פון די תורה זאלסט זיך אליין אויך נעמין צו דעם: (טו) (ונתתי עשב בשדך לבהמתך) אונ איך וועל געבין גראז אין דיין פעלד פון וועגין דיינע בהמות. אונ דער נאך ווען דוא האסט שוין זייא גיגעבין צו עסין (ואכלת ושבעת) זאלסטו עסין אונ זעטיגט זיין זאט, אזוי ווי די גמרא זאגט, אז מען בדארף פריער געבין די בהמות צו עסין אונ דערנאך אליין: (כב) (כי אם שמר תשמרון את כל המצוה הזאת) ווען איהר וועט היטען די אלע מצות מיט די כוונה (אשר אנכי מצוה אתכם לעשתה) ווייל איך משה פארבית עס אייך פון גאט צו טוען, אייער כוונה זאל ניט זיין פון גאוה וועגין אדער פון שכר וועגין, נאר (לאהבה את ה' אלהיכם) איהר זאלט ליעב האבין אייער גאט (ללכת בכל דרכיו) צו געהן אין אלע זיינע וועגין, (לדבקה בו) אונ צו באהעפטין זיך אין איהם. צו האבין רחמנות אויף דעם אנדערין אזוי וויא ער האט רחמנות. נאר וועגין דעם זאל זיין אייער כוונה פון דעם טוען דיא מצות. באמאלס: (כג) (והוריש ה' את כל הגוים האלה מלפניכם) וועט גאט פארטרייבען די אלע מקטריגים פון אייך (וירשתם גוים גדלים ועצמים) אונ איהר וועט ארבין די גרויסע אונ די שטארקע מקטריגים (מכם) וואס זיי זענין גיווארין פון אייך. כלומר די משחיתים אונ די מלאכי חבלה וואס זענין גיווארין דורך אייערע עבירות, וועט איהר דורך דיא תשובה אונ דורך די תורה זיי מבטל זיין: (כד) (כל המקום אשר תדרך כף רגליכם) אונ אלע ערטער וואס עס וועט טרעטין די טריט פון אייערע פים, דאס מיינט מען אייערע גופים, (בו) זאל אלץ זיין אין איהם אין השי"ת. כלומר ווען דער גוף גייט עסין אונ טרינקען זאל זיין דיא כוונה וועגין צו האבין כח גאט צו דינען. אונ אויך בדארפט איהר וויסען אז (לכם יהיה) מיט דעם טיעט איהר ניט צו גאט, נאר צו אייך זעלבסט טיעט איהר מיט דעם אטובה. (מן המדבר) פון עולם הזה וואס זיא איז גלייך צו די ווייסטע (והלבנון) ביז עולם הבא וואס זיא איז ווייס קלאר (מן הנהר נהר פרת) פון עולם הזה וואס זיא איז גלייך צום ים, אזוי וויא אין ים פארמערין זיך דיא פיש אזוי בעולם הזה איז דא פרי' ורבי'. אונ אויך נאר דא בעולם הזה קען דער מענטש פא מערין זיין תורה אונ מצות:

# ליקוטי מוסר מברית אברהם

**אברהם** אבינו האט געזאגט צום רבונו של עולם אנכי עפר ואפר דאס הייסט אז דער מענטש איז גלייך ווי ערד אונ אש צלפחד בן חפר דער מענטש איז גלייך גוויא אשאטן וואס לויפט איבער. אזוי וויא דוד המלך האט געזאגט וואס איז דער מענטש אויף דער וועלט אונ וואס איז זיין לעבן ווארום ווען אפילו אמענטש וואלט לעבן טויזנד יאר איז דאך גלייך וויא נעכטיגער טאג אונ בפרט אז דעם מענטשינס לעבן איז נאר זעכציג אדער זיבעציג יאר אין יעדערן טריט זיינעם שטייט אים דער טויט אנטקעגין ווארום ער קען דאך ניט וויסן וואס עס קען זיך טרעפן איבער אשעה אונ דער סוף פון דעם מענטשין איז אז ער מוז דאך שטארבין אונ מוז זיך אום קערין צוא דער ערד נפסד והפר דער מענטש איז אזוי אזאך וואס עס ווערט פון איר גאר נישט. ווארום נאך אמענטשינס טויט פאר געסט מען אן אים גלייך וויא ער איז גאר אויף דער וועלט גיט גיוועזן. זאגט ווייטער דער מחבר בין המצרים הייתי איך בין גיוועזן אויף דער נארעשער וועלט. עולם הפוך ראיתי האב איך גיזעהען וויא דיא וועלט איז גאר נישט. ווארום צייט דער מענטש לעבט גייט ער מער ניט נאך תאוות עולם הזה. אויף זיין סוף דער מאנט ער זיך גאר ניט איך האב אקוק גיטאן אין אנהייב פרק עקביא אונ האב דארטין גיזעהן וויא ער שטראפט דעם מענטשין אז ער זאל זיך פאר היטען פון עבירות. (רע רע יאמר · על שובני בתי חומר) עס איז זייער שלעכט דעם מענטשין וואס ער לעבט אויף דער וועלט. וואס זיא איז נאר הבל ובן הוא אומר אונ אזוי זאגט ער (הלא המה בעב״ר. היום כאן) דער צייט פון איין טאג איז דער מענטש דא (ומחר בקבר) אונ מארגין קען ער שוין ליגין אין קבר (הגוף כלה ומהוסר אבר) דער גוף פון דעם מענטשין ווערט צוא פוילט אז עס בלייבט ניט איבער קיין שום אבר (מי מנה עפר יעקב) ווער קען אויס שרייבען דעם צער וואס דער מענטש האט פון חבוט הקבר. וויא רבי עקביא לערינט אונז (משנתי קב ונקי) זיין משנה וואס ער לערינט אונז איז זייער אמת (כי הוא יגיד עקב) דען ער דער ציילט אונז דעם סוף פון דעם מענטשין (ובחבל בא) ווארום מיט נארעשקייט קומט דער מענטש אויף דער וועלט. כלומר דער מענטש קומט נאר פון תאוות עולם הזה וואס עס איז נאר נארעשקייט (ובחשך ילך. אין דעם פינסטערין קבר מוז דער מענטש אוועק גיין (עשיר ורש אביון) עס זיינע אלע גלייך. אגביר אדער איין ארומאן, אלע מוזין שטארבין אונ אפ געבין דין וחשבון פאר הקב״ה אונ דאס איז זיא דרייא זאכין וואס רבי עקביא לערינט אונז אין זיין משנה (דע מאין באת) דער מענטש זאל זיך ארום קוקין פון וואנען ער קומט ארויס (ולאן אתה הולך) אונ וויא אהין דער מענטש מוז אוועק גיין (ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה) אונ פאר וועמען וועסט די מוזען אפ געבין דין וחשבון פאר השי״ת וואס ער איז איין (יודע מחשבות) אונ פאר איהם קען מען גאר ניט לייקענען ווארום ער ווייס אלע מחשבות וואס דער מענטש טראכט (נבני המהכל בספר) דעריבער דוא מענטש קוק זיך גוט איין אין דעם ספר וואס רבי עקביא לערינט אונז וועסטו געווים זיין פאר היט פון איין עבירה דעריבער זאלסטו געהן צוא טאן תשובה. אונ בזכות דעם וועלין מיר זוכה זיין צוא דער לעבן אונזער גואל צדק במהרה בימינו וואס דענצמאל וועט מקוים ווערין (בלע המות לנצח) אז דער טויט וועט שוין אויף אייביג בטל ווערין אונ השי״ת וועט אונזערע טרערין גאר אפ מעקין פון אלעמען במהרה בימינו אמן:

כו) **ראה** וגו' דער אור פני משה טייטשט אזוי: דיא גמרא זאגט כשאמרו ישראל נעשה ונשמע פסק יצר הרע מהם. וכאשר אמרו למשה דבר אתה עמנו ונשמעה וגו' חזר יצר הרע למקומו. ווען דוא יודין האבין פאר קבלת התורה גיזאגט נעשה ונשמע מיר וועלין טוען וואס גאט וועט אונז אנזאגען. אונ מיר וועלין הארכען וואס דוא חכמים וועלין אונז אלע מאהל זאגען. איז דער יצר הרע פון זיי אבגעטוען געווארין. אונ דערנאך ווען זיי האבין גיזאגט צוא משה דבר אתה עמנו ונשמעה רעד דיא צוא אונז אונ מיר וועלין פון דיר הארכען. מיר האבין מורא צו הערין פון גאט ברוך הוא. איז דער יצה"ר צוריק גיקערט צו זיי. אין אויך שטייט אין ספרים. ווען דוא יודין וואלטין גיוועהן גיהערט דיא גאנצע תורה פון השי"ת אליין וואלט קיין ספק ניט גיוועהן קיין שאל. אין דיא דינים פון דיא תורה. נאר ווייל זיי האבין ניט גיהערט פון השי"ת זעלבסט נאר פון משה. איז גיווארין ספיקות אין דיא פשטים פון דיא תורה. אונ דורך דעם איז גיווארין מחלוקת ביי דיא יודין, אין פון דעם איז גיווארין דערנאך דער גלות אונ דער חורבן. דאס זאגט משה צו זיי. ראה זעט מיט שכל אונ באקלער עם אנכי נתן לפניכם ווייל איך משה טוא געבין דיא תורה פאר אייך. דריבער איז היום ברכה וקללה איז דא אין יעדער טאג דיא ברכות אונ אויך דיא קללות. ווען דער יצר טוב שטארק זיך ביי אייך אויף דעם יצה"ר איז חל אויף אייך דיא ברכות. אונ ווען חלילה דער יצה"ר שטארקט זיך קומען אויף אייך דיא קללות. אבער ווען השי"ת זעלבסט וואלט גיוועהן מיט אייך גירעד וואלט דאך דער יצה"ר שוין ניט גיוועהן וואלט נאר תמיד גיוועהן ברכות: נאך קען מען זאגין אז דריבער זאגט ער דאס ווארט "ראה" זע אלשון יחיד גלייך וויא ער רעד צו איין מענטש. ווארום דיא נשמות ווערין ארויסגענימען פון אונטער דעם כסא הכבוד. נמצא מצד הנשמה זענין אלע יודין איינס. זאגט משה צו זיי. ראה זעה אנכי נתן לפניכם איך גיב פאר אייך אעצה וויא אזוי גאט ברוך הוא צוא דינען. היום איהר בדארפט זיך בארעכינען דאס נאר דיזעם טאג האט איהר צוא לעבין. אונ דורך דעם ברכה וקללה. וועט זיין דיא ברכה באזונדער צוא דיא צדיקים. אונ דיא קללה באזונדער צו דיא רשעים: דער ס' כלי יקר טייטשט אזוי. ראה וגו' איז דאך קשה דער פסוק הייבט זיך אן מיט דעם ווארט (ראה) זעה רעד ער דאס צו איין מענטש אונ דער נאך זאגט ער נתן לפניכם איך גיב פאר אייך רעד ער שוין גאר צוא אסך מענטשין? נאר דיא גמרא זאגט לעולם ידמה לאדם כאילו כל העולם כלו מחצה על מחצה זכיות ועונות עשה מצוה אחת הכריע את עצמו ואת כל העולם כלו לכף זכות. דער מענטש בדארף תמיד רעכינען אז דיא מעשים פון דיא מענטשין פון דיא וועלט וועגען גלייך אויף גלייך ווי פיל עבירות זיי טוען אזוי טוען זיי אנטקעגין דעם מצות. אונ ווייל יעדער מענטש איז איין ערב אויף זיין חבר קומט אויס ווען דער מענטש טוט עפים איין עבירה ווערט דיא עבירה גיליינט אויף אלע מענטשין. אונ פארקערט ווען ער טועט א מצוה ווערט דיא מצוה גיליינט אויף אלע מענטשין. איבער דעם קען זיין אז מיט דעם וואס דער איינציגער מענטש טוט איין מצוה מאכט ער שווערער דיא שאהל פון דיא מצות פון אלע יודין. אונ דעסט גלייכען חלילה פארקערט. דאס זאגט דער פסוק צוא יעדער מענטש. ראה זעה אנכי נתן וואס איך גיב דיא תורה אונ דיא מצות אונ באפעל דור אז דיא זאלסט זייא היטען. ווען די וועסט זייא היטען אונ טוען וועט

עם

עס בייא מיר אזוי חשוב זיין לפניכם וויא עס איז פאר אייך אלע כלומר דיא מצוה וועט אראפ שווערין דיא שאל פון דיא מצות פון דעם גאנצין כלל ישראל. אונ אויך היום די בדארפסט יעדערין טאג רעכינען וויא היינטיגען טאג ניב איך דיר דיא תורה מיט דיא מצות דאס די זאלסט זיא לערנין אונ טוען מיט פיל חשק. היום ברכה וקללה עס וועט אויף אייך קומען דיא ברכות ווען איהר וועט יוא היטען דיא תורה מיט דיא מצות. אונ ווען ניט וועט חלילה קומען דיא קללות. אונ עס זאל ניט קשה זיין וויא אזוי קען עס זיין אז פון השי"ת וואס ער איז הטוב והמטיב זאל קומען קללות. זאגט דער פסוק היום אזוי ווי דער טאג כלומר די זין וואס זיא שיינט בייא טאג איז איהר נאטור. ווען אויך זיא איז איינע. פון דעסט וועגין טוט זיא צוויי אלערליי זאכין וואס איין זאך איז פארקערט פון דיא אנדערע. דורך איהר היטץ ווערט צושמאלצען פארליווערטע זאכין למשל וואקס. עס ווערט צונאנגען אונ עס ווערט נאס ווי וואסער. אונ דורך איהר היטץ ווערט פארגליווערט נאסע זאכין למשל איין איי. זיא מאכט שווארין פרברענט דאס פנים פון מענטש וואס ער שטייט באיים טייך אונ וואשט אמלבוש. אונ דער מלבוש ווערט דורך דיא זין וויים. זעהן מיר אז דאס פרענדירונג ווערט אונ דיא זאכין וואס זענען מקבל פון איהר זעהרע נומצען. אזוי אויך דיא ברכות אונ דיא קללות קומען נאר נאך די מענטשינס מעשים נאך וואס זענען מקבל די נוץ פון השי"ת: (כז) את הברכה וגו' דיא ברכה וועט איהר האבין ווען איהר וועט צו הערין צו דיא באפעל אשר אנכי מצוה אתכם היום וואס איך באפעל אייך היינטיגען טאג איהר בדארפט יעדערין טאג רעכינען אז היינטיגן טאג איז גיגעבין גיווארין דיא תורה. וועט איהר זיא טוען מיט פיל חשק. אונ אוך זאלט איהר בארעכינען אז נאר היינטיגען טאג האט איהר צו לעבין דרום וועט איהר ניט טוען קיין שלעכטץ: (כח) והקללה אם לא תשמעו אל מצות ה' אלהיכם אונ די קללה וועט זיין ווען איהר וועט ניט צו הערין צו די באפויל פון אייער גאט, וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם דורך דעם וואס איהר וועט אפקערין פון דעם וועג וואס איך באפעל אייך. צו רעכינען היום אויף יעדערין טאג אז אין איהם איז גיגעבין גיווארין דיא תורה. נאר זיי זאגין דיא תורה איז שוין איין אלטע. זיא איז ניט פר היינטיגע מענטשין וועגין. אונ אויך ברעכינען זיא ניט אז נאר דעם טאג האבין זיי צו לעבין. איבער דעם טוען זיי אלעס שלעכטעס ללכת אחרי אלהים אחרים צו גיין נאך די פיהרונג וואס דיא פעלקער די היידען פורין זיך וואס זיי דינען אנדערע געטיר אשר לא ידעתם וואס איהר קענט זייא ניט. דורך דעם וועט קומען דיא קללות. אונ עס זאל ניט הארין קיין קשיא דער השי"ת איז דאך הטוב והמטיב איין גוטער וואס ער טוט מיט אנדערע גוטס, וויא אזו זאגט ער אז ער וועט זיי געבין דיא קללות? פאר ענטפערט עס דער פסוק אליין. די תורה איז גלייך ווי אריצעפט דער וואס נעמט איין וועט ער זיין שטארק עס וועט אויף איהם ניט קומען דיא קללות: אונ דער וואס וועט ניט נעמען דעם ריצעפט חלילה וועט זיך אויף איהם צו טשעפין דיא קללות: אוך בדארפין מיר זעהן וויא געטריי השי"ת איז צו אונז בייא דיא ברכות שטייט את הברכה אשר תשמעו איז דער טייטש דיא ברכות גיב אייך נאך פריער איידער איהר נעמט זיך מקיים זיין דיא תורה אביא אייער מחשבה איז נאר צו נעמען זיך צו תורה ומצות שיק איך שוין אייך דיא ברכה פון וועגין איהר זאלט דערנאך צוא הערין צו דיא מצות

און

אונ טוען . אונ בייא דיא קללות שטייט (והקללה אם לא תשמעו) ווען וועט קומען
דיא קללה דער נאך ווען איהר וועט שוין ניט צו הערין צו דיא מצות . דער נאך ווערט
איהר ווערין גישטראפט : (כט) (והי׳ כי יביאך ה׳ אלהיך אל הארץ) דער ס׳ עיר
גבורים טייטשט דעם פסוק עפ״י רמז אזוי אונ עס וועט זיין ווען דיין גאט וועט
דיר ברענגין אין דעם לאנד עולם הבא (אשר אתה בא שמה לרשתה) וואס דיא
קומסט דארט צו ירשינען אויף אייביג (ונתת את הברכה) ווערסטו געבין דיין בענטשונג
כלומר דיין חלק שכר בעולם הבא ווערסטו האבין (על) בייא הר גריזים דיא צדיקים
וואס זייא דערצערנין דעם יצר הרע וואס ווערט גרופן הר . את הקללה אונ די קללות
דיא פרענות דיא שטראף ווערין רוהען (על הר עיבל) אויף די רשעים וואס ווערין
פאר פונקטערט דורך דעם יצר הרע : (ל) (הלא המה) דער עיקר באצאהלונג . סייא
דאס גוטס וואס מען וועט געבין צו דיא צדיקים סיי דיא שטראף וואס מען וועט
געבין צו די רשעים . איז דארט בעולם הבא . (בעבר) וואס זייא איז אויף די אנדערע
זייט הירדן פון עולם הזה וואס ווערט גרופין ירדן וייל ירדן איז דער טייטש אראפ
נידערין . אונ עולם הזה איז איין אראפ גענידערטע וועלט (אחרי דרך מבא השמש)
עוה״ב איז נאך דעם טויט וואס דאס ווערט גרופין זון אונטערגאנג (בארץ הכנעני)
אונ עולם הבא וואס צו איהר קומט מען דורך ענוות וואס דער מענטש איז אעניו .
ער איז אונטערטעניג . (היושב בערבה) די צדיקים זיצען דארט ביי השי״ת וואס אויף
איהם שטייט אין פסוק תהלים ס״ח ה׳ לרכב בערבות גאט ברוך הוא וואס ער זיצט
אויף דעם הימעל וואס ווערט גרופן ערבות מול הגלגל עוה״ב איז אנטקעגין עוה״ז
וואס זיא ווערט גרופין גלגל ווארום דיא ברואים אין איהר דרעהן זיך . דער שטארבט
דער ווערט געבארין . אצל אלוני דיא צדיקים זיצען דארט בעוה״ב ביי השי״ת וואס
ער האט זיי בשווארין כורה אז זיי זאלין לערנין דיא תורה :

יב (ד) לא תעשון כן פריער זאגט ער אן אז מען זאל פאר ברענען דיא געטשין
בילדער . זאגט דא דער פסוק . ווען איהר וועט ניט אזוי טוען נאר איהר
וועט לאזין אין אייער לאנד שטיין דיא געטשין בילדער קען דאך זיין אז איהר
וועט ווערין נאך זיי איבער גירעט וועט איהר גורם זיין לה׳ צו דעם מדת הרחמים
אז ער זאל זיין אלהיכם מדת הדין אונ דאס וועט אייך גורם זיין צו גיין אין גלות :
(ו) והבאתם שמה איהר זאלט זעהן צו ברענגען מיט זיך לעולם הבא עלתיכם אייער
בראנדאפפער דאס מיינט מען דיא מצות וואס זיי זענען שייך צוווישען מענטש מיט
גאט וזבחיכם אונ דיא מצות וואס זיי זענען שייך צווישן מענטשין איינער מיט
דעם אנדערין ואת מעשרתיכם אונ אייער צדקה וואס איהר טיילט אפ אצענט חלק
פון אייער פארמעג . ווארום די מצוה פון צדקה איז דער דין אז דער מענטש איז
ניט כתויב צו געבין מעהר פון איין פינפט חלק , דאס מיינט דיא תורה מיט דעם
ווארט מעשרתיכם אייערע צווייי צענטיל דאס איז איין פינפטייל ואת תרומת ידכם
אונ דאס אויפהויבונג פון אייערע הענד ווען איהר הויבט זיי אויף צום הימל אונ
טוט תפלה צו השי״ת ונדריכם אונ אייערע צו זאג וואס איהר טוט אנדר
ונדבתיכם ווען אייער הערץ באוויליגט אייך צו טוען אמצוה אונ דער יצר הרע
וויל אייך אפרעדין פון צו טוען דיא מצוה זאלט איהר טוען אנדר אז איהר זאלט דיא
מצוה טוען ובכרת בקרכם וצאנכם אונ דאס בעסטע פון אייערע רונדער אונ שאף
וואס איהר מאכט מיט דעם עסין די ארומע לייט : (ז) ואכלתם שם וועט איהר עס

עסין

עסן דארט בעוה"ב. כלומר דעם שכר פון אייערע מצות וועט איהר עס דארט נעמן לפני ה' אלהיכם דער שכר וועט זיין דאס וואס איהר וועט נהנה זיין פון זיו השכינה ושמחתם אונ איהר וועט זיך מיט דעם פרייען בכל משלח ידכם דורך דעם אלעם וואס איהר האט אוים גישטרעקט אייערע הענד צו טוען מיט זיי מצות אונ מעשים טובים אתם ובתיכם אשר ברכך ה' אלהיך איהר אונ אלע אייערע הויז געזונד וואס גאט האט דיר גיבענטשט. אויך איז די כוונה ושמחתם בכל משלח ידכם וגו' ווען איהר שטרעקט אוים אייערע הענד צו געבין צדקה בדארפט איהר געבין מיט שמחה אונ זיך ניט מצער זיין אויף דעם וואס עס ווערט יעצט וויינעגער אשר ברכך ה' אלהיך וואורום גאט ברוך הוא איז דער נאך מבלא טויזונד מאל אזוי פיל ער שיקט דיר אביין די ברכה אין דיינע אוצרות: (ח) לא וגו' דער מענטש זאל ניט זאגין. בעולם הזה בדארף איך זיך נאך געבין דיא תאות פון עוה"ז אונ בעוה"ב וועל איך טוען מצות זאגט דער פסוק איהר בדארפט וויסען אז בעוה"ב לא תעשון ככל אשר אנחנו עשים פה היום וועט איהר ניט קענין טיען מצות אזוי וויא איהר טוט בעוה"ז. וואורום בעוה"ז איש כל הישר בעיניו קען דער מענטש טוען וויא עס גיפעלט איהם. ער האט דיא בחירה צו טוען גוטס אדער שלעכטס. אונ ווען ער שטארק זיך איבער דעם יצר הרע אונ טועט גוטס קומט איהם שכר. אונ דער מענטש זאל ניט פרעגין. פאר וואס זעהט מען פיל מענטשין וואס לערנין תורה אונ טוען מצות אונ עס גייט זיי בעוה"ז זעהר שלעכט. פאר ענטפערט עס דער פסוק: (ט) כי לא באתם עד עתה איהר טועט ניט קומען ביז דאמאלס כלומר ביז איהר קומט בעוה"ב אל המנוחה ואל הנחלה וגו' וואורום גאט ברוך הוא האט אייך גיגעבין אז דער עיקר רוהע זאל נאר זיין בעוה"ב. איבער דעם בדארפט מען זעהן צו טוען בעוה"ז פיל מצות אונ מעשים טובים: דרובער (י) ועברתם את הירדן ווען איהר וועט אריבער דעם ירדן דאס מיינט מען עוה"ז וישבתם בארץ וועט איהר זיך באזעצין אין דעם לאנד עוה"ב אשר ה' אלהיכם מנחיל אתכם וואס גאט אייער גאט מאכט עס אייך ארבין. והניח לכם מכל אביכם מסביב וישבתם בטח אונ ער וועט אייך בארוהען. פון אלע אייערע פיינד דאס מיינט מען ווען איהר האט אמאהל גטוען איין עבירה אין דורך דעם איז בעשאפן גיווארין אמלאך אקטרג אפיינד. אונ ווען איהר וועט טוען תשובה וועט גאט ברוך הוא אייך בארוהען פון זיי. אונ איהר וועט זיצן פארזיכערט אין גן עדן: (יג) השמר דיא מענטש זיי געהיט זעהר פון דעם יצה"ר לך איך זאג עס דור פון דיין טובה וועגין. די זאלכט זיך בארעכינען פן תעלה עלתיך טאמער וועט דיין נשמה וואס זיא גייט אויף אלע נאכט אין הימל. וועט שוין דארט בלייבן. אונ אויך בארעכין בכל מקום אז השי"ת איז אין אלע ערטער. ער זעהט אלץ וואס דיא טוסט. אונ אויך אשר תראה בדארפסטו זיך דערמאנען אז דיא אליין וועסט זעהן דיינע עבירות זענען פאר שריבען מיט דיין האנד, אונ דיא וועסט ניט קענין לייקינען: (יט) השמר לך זיי דיר געהוט פן תעזב את הלוי דיא זאלסט ניט פאר לאזין דעם לוי דאס מיינט מען דעם יצר טוב. זאלסט ניט זאגין. אין דיא יונגע יאהרין בדארף איך זיך אנטוען תענוגים. בדארף איך צו הערין דעם יצר הרע. אונ אויף דיא עלטער וועל איך הערין דעם יצר טוב. זאג איך דיר זאלסט אזוי ניט טוען. נאר כל ימיך על אדמתך אלע דיינע טעג וואס די לעבסט אויף דיין הערד בדארפסטו נאר הערין דעם יצר טוב אונ דעם יצר הרע גאר ניט.

אונ

אונ ווען דער יצר הרע וועט קומען וועט אבער קומען צוא דיר מיט זיינע זיסע אנרעדונג. זאלסטו זעהן אז כל ימיך אין אלע דיינע טעג זאלסטו זיך דערמאנען אז עס וועט קומען אצייט על אדמתך אז דיא וועסט ליגין אויף דיא הערד דיא וועכט שטארבין וועסטו שוין ניט הערין דעם יצה"ר: (כ) כי ירחיב ה' וגו' ווען דיין גאט וועט פאר ברייטערין דיין גרעניץ אזוי וויא ער האט גירעד צוא דיר ואמרת אכלה בשר דורך דעם וועסטו זאגין. איך וויל עסין פלייש. ווען דיא בינקט געוועזין נאהונט לעבין דעם בית המקדש האט זיך דיר ניט געגלוסט צו עסין פלייש נאר ווייל דיא בינסט ווייט גיווארין פון בית המקדש כי תאוה נפשך לאכל בשר דאמאלס וועסטו גלוסטין צו עסין פלייש בכל תאות נפשך תאכל בשר מיט דיין גאנצין גלוסט זאלסטו עסין פלייש. כלומר כל זמן דיא קענסט זיך אפווענדין פון דעם זאלסטו זעה זיך אפ צו ווענדין. נאר ווען עס שטארקט זיך אויף דיר דיא תאוה קענסטו עסין: נאר זאלסט וויסען אז דורך דעם וואס דיא וועסט זיך נאך געבין נאך דיא תאוות: (כא) כי ירחק ממך המקום וגו' וועט זיך השי"ת וואס ער ווערט גרופן מקום פון דיר דער ווייטערין: דעם פסוק קען מען טייטשען אויף דעם חורבן בית המקדש. כי ירחק ווען עס וועט ווערין דער ווייטערט ממך דורך דיר. כלומר דורך דיינע שלעכטע מעשים וועט דער ווייטערט ווערין המקום אשר יבחר ה' אלהיך לשום שמו שם דאס ארט וואס דיין גאט ווערט עס אויסקלייבען צו טוען זיין נאמין דארט. כלומר ער וועט חרוב ווערין. וזבחת מבקרך ומצאנך זאלסטו זיך שעכטין פון צוא עסין רונדער אונ שאף כלומר דיא זאלסט זיך אפ שיידין פון מותרות אונ תאוות. אשר נתן ה' לך ווען אויך גאט האט אלע ברואים דיר גיגעבין דיא קענסט זיי עסין. נאר כאשר צויתך באופן דיא זאלסט טוען אזוי וויא איך האב דיר באפוילען. ואכלת דיא קענסט עסין בשעריך ווענין דעם דאס דיא זאלסט קענין זיצן אין דיינע טויערין דאס מיינט מען אין בית המקדש אונ לערנען בכל אות נפשך וויא עס גלוסט דיין נשמה כלומר ווען דיא עסט זאל זיין דיין כוונה פון ווענין צוא האבין כח צו לערנן וואס דאס איז דער תענוג פון דיא נשמה: (כב) אך וגו' זאגט דער פסוק ווען אויך דיא קענסט עסין פלייש. פון דעסט ווענין זאלסטו ניט תמיד עסין פלייש. נאר כאשר יאכל את הצבי ואת האיל אזוי וויא עס ווערט גיגעסין דער הירש כן תאכלנו אזוי זאלסטו עסין פלייש. כלומר אזוי וויא אהירש איז דאך שווער צו האפין ווארום ער לויפט זעהר גיך. נמצא ניט שטענדיג קען מען עסין הירש פלייש. נאר אמאהל. אזוי אויף דעם זעלביגין אופן זאלסטו עסין פלייש, ווארום דיא בדארפסט וויסען הטמא והטהור יחדו יאכלנו עס קען חלילה דורך דעם וואס די וועסט זיין אריין גטוען אין דיא תאווה פון פלייש עסין אז דיא טומאה זאל זיך ביי דיר אוים גלייכען מיט דיא טהרה. כלומר דער יצה"ר זאל האבין גלייך צוא שאפין אויף דיר גלייך מיט דעם יצר טוב. איבער דעם דארף מען זיך ניט פיל צו לאזין נאך דיא תאוה פון פלייש עסין. ווארום גיוועהנטליך ווען עס גלוסט זיך תמיד פלייש צו עסין דארף מען דאך האבין אסאך געלד בדארף מען דאך תמיד ארבייטן צוא פאר דינען. בלייבט ניט קיין צייט צו טוען אין עבודות הבורא. דארום פאר זאגט דער פסוק אויף דעם. נאך קען מען טייטשען. אך דאס באדארפסטו מענטש וויסען כאשר יאכל את הצבי ואת האיל ווען ער הייבט נאר אן צו ווערין אפגיגעסין דער יצר הרע וואס ער ווערט גרופן צבי איין הירש ווייל ער לויפט זעהר גיך וויא איין

הירש

הירש אנרעדין דעם מענטש שלעכטס צו טוען כן תאכלנו אזוי וועסטו איהם דעם יצה"ר שוין אין גאנצין אויפעסין. ווארום דער רמב"ם ברענגט אז דער ספר פון תשובה בדארף זיין למשל. ווען דער מענטש האט זיך פריער צופיל נאך גיגעבין תאוות דארף ער זיך דער נאך גאר אין גאנצין אפשיידין פון תאוות אונ דער נאך ווען ער איז שוין אזוי איינגעוואהנט זיך אפ צוא שיידין פון תאוות קען זיך ער ביסליכווייס צוריק נעמין צו דיא זאכין וואס ער בדארף זיי האבין. ווארום דאמאלס ווען ער האט שוין דעם יצה"ר געבראכין פון זיך וועט ער איהם שוין ניט שאטין ווען ער וועט זיך נעמין עס וואס צו תאוות עוה"ז וועלכע ער בדארף עס צוא האבין. דאס זאגט דער פסוק ווען דוא וועסט זיך נעמין צום יצה"ר אונ וועסט איהם אין גאנצין פון זיך מבטל זיין דער נאך קען שוין זיין הטמא והטהור יחדו יאכלנו אז דער יצה"ר מיט דעם יצ"ט זאלין גלייך בייא דיר זיין. אונ וועסט גיט אראפ געהן פון רעכטין וועג: (כג) רק נאר ווען קענסטו צוא דיא מדרגה צוא קומען חזק די זאלסט זיך זעהן צו שטארקין דיא זאלסט צום אנהייב נאר הערין צום יצר טוב וואס ער פאר זאגט דיר לבלתי אכל הדם דיא זאלסט ניט עסין קיין בלוט. כלומר דיא זאלסט זיך ניט נאך געבין נאך דיא תאוות וואס דאס קומט פון דעם דערהיצונג פון בלוט. ווארום דיא באדארפסט וויסען כי הדם אז דיא תאוות וואס עס קומט דורך דעם בלוט הוא הנפש מאכסט דוא מיט דעם אפגם אין דיא נשמה. ולא תאכל הנפש בדארפסטו זעהן אז דוא זאלסט ניט פאר לענדין דיא נשמה עם הבשר דורך דיא תאוות וואס דער גוף גלוסט: (כד) לא תאכלנו זאלסט דאס בלוט ניט עסין. כלומר דיא איבריגע תאוות זאלסטו זיך ניט נאך געבין על הארץ דורך דעם גוף וואס איהם גליסט. ווארום דיא בדארפסט וויסען תשפכנו כמים אז דורך דיא תאוות וועסטו דעם גוף צו גיסען אזוי ווי וואסער. כלומר ער וועט ניט האבין קיין בשטאנד. אזוי וויא עס איז ידוע אז דורך צוא פיל תאוות ווערט דער גוף אפגעשלאפט: (כה) לא תאכלנו זאלסט דאס בלוט ניט עסין למען ייטב לך ולבניך אחריך פון וועגין עס זאל גיט זיין צו דיר אונ צו דיינע קינדער נאך דיר. ווארום דיא טבע פון בלוט איז ווער עס עסט אים ווערט אין איהם דיא מדה פון אכזריות אונערבארומקייט. אונ ווען דיא עלטערין האבין אין זיך דיא שלעכטע מדה מאכין זיי איינגעווארצילט אין זעהרע קינדער אויך דיא שלעכטע מדה. דאס זאגט דער פסוק דיא זאלסט ניט עסין קיין בלוט. פון וועגין עס זאל גוט זיין צו דיר. דיא זאלסט האבין אין זיך גוטקייט. אונ אויך דיינע קינדער. כי תעשה הישר בעיני ה' דיא וועסט טוען וואס עס רעכטפארטיג אין גאטס אויגען די וועסט ניט זיין קיין אכזר דיא וועסט רחמנות האבין אויף דעם אנדערין. נאר ווען עס קומט אויס מען בדארף אמאהל באניצין דיא מדה פון אכזריות. ווארום ווען השי"ת האט די מדה גיטאכט אויף די וועלט בדארף זיא דאך זיין. נאר דיא מענטש'ש ווייסטו ווען דיא בדארפסט באניצען דיא מדה פון אכזריות. ווען מיט דעם וועסטו טוען דאס וואס עס איז רעכט פארטיג פאר גאט. למשל אויף ארשע בדארף מען ניט קיין רחמנות האבין אונ אמאהל אפילו אויף זיך זעלבסט בדארף מען זיין איין אכזר. למשל ווען דער יצר הרע קומט צום מענטש'ש אונ זאגט איהם. קוק זיך נאר ארום. וואס פאר אשוואכע בריאה די ביסט. וועגין וואס בדארפסטו זיך פייניגען דיין שוואכען גוף אויפשטיין פריא דאווינען אונ דער נאך לערנין. דיא שלאף דיר בעסער גוט אויס. דער נאך

גיעסטו

וועסטו אויך ניט פאר זאמען צו דאווינען. אנטקעגין דעם שלעכטען גידאנק. בדארף דער מענטש אויף זיך וועלבסט זיין איין אכזר אונ דווקא פריא אויפשטיין גיין דאווענען אונ לערנען. ווארום מיט דעם אמת איז אזוי אכזריות איין גרויסע רחמנות וואס ער האט אויף זיך רחמנות ער זאל ניט ווערין איבער גירעד פון דעם יצר הרע. נאך קען מען זאגין דיא כוונה אין דעם פסוק. לא תאכלנו למען ייטב לך ולבניך אחריך די כוונה פון דעם וואס די ערט ניט דאס בלוט זאל ניט זיין פון וועגין דעם עס זאל דיר גיט זיין אונ דיינע קינדער. ווארום ווען דיין כוונה וועט נאר זיין וועגין דעם. קען חלילה דער יצה"ר דיר אנרעדין אונ וועט דיר אויפווייזען אז חען דיא וועסט יוא עסין דאס בלוט וועט דיר גוט זיין. (כו) נאר תעשה הישר בעיני ה' דיין כוונה זאל זיין וויל גאט ברוך הוא האט עס פאר זאגט ניט צוא עסין. אונ אזוי בדארף זיין דיא כוונה ביי אלע מצות: (כז) רק קדשיך אשר יהיו לך ווען דיא מענטש ווילסט אז דיינע הייליקייט. דאס מיינט מען די מצות עשה וואס דורך זיי ציהעסט דיא אויף זיך ארויף דיא קדושה ונדריך דיינע נדרים דאס מיינט מען די מצות לא תעשה. אזוי ווי די גמרא זאגט ווען דער יצה"ר רעדט אן דעם מענטש ער זאל עובר זיין אויף איין לאו אין דיא תורה. זאל ער טוען אנדר. תשא זאלסטו דער הויבין. כלומר דיין כוונה ווען די טועסט די מצות. אדער דיא ביסט געהיט ניט עובר צו זיין אויף אלאו זאל ניט זיין פון כבוד וועגין. נאר וועגין השי"ת וואס ער איז דער הויבן. דאמאלס ובאת אל המקום וועסטו קומען אין דעם ארט וואס עס איז ידוע דאס איז אין גן עדן אשר יבחר ה' וואס השי"ת וועט עס אויסקלייבען פון דיינעט וועגין: (כז) ועשית ווען אזוי וועסט זיך אזוי פירען וועסטו מאכין עלתיך דיין נשמה וואס זיא גייט ארויף אין הימל הבשר והדם אונ אויך דעם גוף וואס ער איז פון פלייש מיט בלוט על מזבח ה' אלהיך אויף דעם מזבח של מעלה וואס ער איז ביי גאט ודם זבחיך אונ דאס בלוט וואס עס ווערט פון דיר געמינערט ווען דיא ציעסט זיך אפ פון עבירות. אדער ווען דיא פאסט ישפך על מזבח ה' אלהיך וועט עס ווערין ארויף גינאסין אויף דעם מזבח של מעלה. והבשר תאכל ווען דיא וועסט זיך אזוי פירן קען דיין גוף וואס עס איז פלייש עסין ווי פיל ער וויל אביא די כוונה פון דעם זאל זיין נאר פון גאטס וועגין: (יג) (א) את כל הדבר ווען איהר נעמט זיך צו טוען אמצוה בדארפסטו איר זעהן איהר אין גאנצין צו קאנטשען איר זאלט ניט אין מיטן אפלאזין. ווארום אשר אנכי מצוה אתכם איך פאר זאג אייך דיא מצות וועל איך געבין פח צו טוען אתו תשמרו לעשות איר בדארפט אפווארטען אין האפען ווען וועט שוין קומען די צייט איהר זאלט קענין מקיים זיין די מצוה. בדארפסט וויסען אז מיט דעם וואס איר טועט דיא מצות לא תסף עליו וועט איהר אויף גאט קיין כח ניט פאר מערין ולא תגרעו ממנו. אונ ווען חלילה איהר טועט ניט דיא מצות. וועט איהר פון איהם גאר קיין ניט מינערין ער איז דער זעלבינער. נאר פאר אייך איז דיא טובה פון די מצות: (ז) כי יסיתך אחיך וגו' ווען דיין ברודער דיין פאטערס זין אדער דיין מוטערס זין אדער דיין זון אדער דיין טאכטער אדער דיין ווייב אדער דיין פריינד וועט דיר איבער רעדין בסתר לאמר אין פאר בארגיניש וועט ער דיר זאגען נלכה ונעבדה אלהים אחרים וגו' לאזין מיר געהן אונ דינען אנדערע געטיר. זאגט דער פסוק ווייטער אז מען בארף דעם מסית דעם אנדערער טייטין. איז דאך דיא קשיא מען איז דאך ניט מחייב קיין

מענטש מיתה נאר ווען עס איז דא עדות ווען ער האט געטוען די עבירה. אונ דא ווען ער רעד איהם אן צו דינגען פרעמדע געטער שטילערהייט איז דאך ניט דא קיין עדות קומט איהם דאך ניט קיין מיתה? זאגט די גמרא אז מען שטעלט אין אפאר־בארגיגעם חדר עדות. אונ דיזער מענטש וואס מען האט איהם דאס אנגירעדט קומט זיך לעבין דעם חדר באזאמען מיט דעם אנרעדיר. אונ ער פרעגט איבער דעם אנרעדיר. וואס האסטו מיר עפיס פריער געזאגט. אונ ער זאגט איהם נאך אמאהל דאס זעלבע אונ די עדות הערין עס דורך די וואנד גייען די עדות צו בית דין אונ זאגין עדות קען מען איהם שוין מחייב זיין מיתה. דאס איז דער פסוק מרמז מיט די ווערטער בסתר כלומר מען שטעלט עדות אין אפארבארגינעם ארט לאמר אונ ער הייסט איהם אז ער זאל איהם זאגין וואס ער האט פריער געזאגט. אונ ער זאגט איהם נאך אמאהל די זעלביגע ווערטער נלכה ונעבדה וגו' אונ די עדות הערין עס איז דם גוטע עדות:

יד (כב) עשר תעשר זאלסט זעהן צו געבין מעשר. איז דאך קשה עס האט דאך געקענט שטיין איינמאל דאס ווארט עשר וועגין וואס שטייט צוויי מאל עשר תעשר? נאר דער נאטור איז ביי צדקה געבין אז דאס ערשטע מאל איז שווער. דער יצה"ר לאזט ניט. אבער ווען דער מענטש שטארקט זיך איבער איהם אונ גיט צדקה איז שוין ביי איהם דער נאך גרינגער צו געבין. דאס זאגט דער פסוק עשר ווען די וועסט איינמאל נאר אנהויבען צו געבין מעשר תעשר וועסטו שוין דער נאך גווים געבין מעשר. אויך איז דער פסוק מבטיח דעם מענטש. עשר ווען די וועסט געבין מעשר וועסטו זוכה זיין תעשר את כל תבואת זרעך היוצא השדה אז די אלע תבואה וואס וואקסט דאס יאהר וועט עס איבער איאהר זיין מעשר פון דיין תבואה. ווארום איבער איאהר וועט די תבואה זיין צעהן מאל אזוי פיל וויא דאס יאהר שנה שנה אונ אזוי וועט זיין אלע יאהר עס וועט אלע מאהל וואקסען צעהן מאהל אזוי פיל וויא דאס פריערדיגע יאהר: אין מדרש רבה פרשה תשא שטייט אמרו ישראל אפילו בשעה שאנו נוהגין צדקה ואנו מביטין במעשיו יש לנו בושת פנים שנ' לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים ואימתי אנו באים בזרוע כשאנו מוציאין המעשרות מן הבית. די ישראל זאגען אפילו אין די צייט ווען מיר גיבען צדקה אונ מיר קוקען זיך איין אין אונזערע מעשים האבין מיר בושה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו דיר גאט איז די צדקה אונ צו אונז איז די בושה. אונ ווען קומען מיר מיט שטארקייט ווען מיר פיהרען ארויס די מעשרות פון שטוב איז דאך דער מדרש גאר ניט צו פארשטיין. נאר מען קען אזוי זאגין. ווארום ווען דער מענטש גיבט צדקה באדארף ער זעהן צו געבין מיט פיל שמחה ער איז מקיים דעם ווילין פון השי"ת. נאר עס איז דאך אבער שווער אז ער זאל פון דעם האבין שמחה. ווען ער זעהט אז ביי איהם ווערט וויניגער ווארפט איהם דער יצר הרע ארין אין זארג. נאר פון דעסט וועגין האט ער דאך אמצוה וואס ער האט געגעבין צדקה אונ עס איז פאראן אסארט צדקה וואס דער מענטש גיט עס נאר מצד רחמנות ווייל ער קען ניט ליידען וויא דער ארומאן לייד הונגער גיט ער איהם. איז דאך דאס גלייך וויא ער האט נאר אויף זיך רחמנות. ער וויל פון זיך דעם עגמת נפש אפטוען גיט ער איהם צדקה. אבער דאס איז ניט אזוי גוט: ווארום דער עיקר פון צדקה געבין באדארף נאר זיין ווייל גאט ברוך הוא האט געהייסן געבין. נאר פון דעסט וועגין גאט ברוך הוא איז אבעל רחמים טוט ער חסד מיט דעם מענטש אונ גיט איהם פיל

שכר

שכר פיר אזוי אצדקה אויך. נמצא דעם שכר נעמט דער מענטש פון השי"ת נאר דורך חסד פון השי"ת. אבער ווען דער מענטש גיט מעשר איז דאך באמאלס דער ארומאן נישטא ביי איהם טוט ער עס ניט מצד רחמנות נאר וייל השי"ת האט עס גיהייסין. אונ דער נאך ווען דער ארומאן קומט צו איהם נעמען דעם מעשר ניט דער בעל הבית איהם מיט פיל שמחה. ווארום ער האט עס דאך שוין פון לאנג אפגעשייד: עס איז דאך שוין ניט זיינס. דער יצר הרע רעדט איהם נאר נישט אפ פון דעם, פיר אזוי סארט צדקה קומט איהם שוין דער שכר מיט דעם דין. מיט דעם איז שוין גאנץ גוט צו פאר שטיין דעם פשט פון מדרש. אפילו בשעה שאנו נותנין צדקה. אפילו אין אצייט ווען מיר גיבען צדקה ואנו מביטין במעשינו אונ מיר קוקען זיך אבער ארום אויף אונזערע גישעפטין אונ מיר האבין עגמת נפש פון דעם וואס דורך דעם וואס איך גיב עס אוועק צום ארומאן בלייבט ביי אונז וויניגער. אונ אויך ווען מיר גיבען שוין גיבען מיר עס נאר וייל מיר קוקען אויף אונזערע מעשים. כלומר אויף דעם ווירקונג וואס עס וועט מאכין ביי אונז כלומר עס וועט דורך דעם געבין די צדקה אפגטוען ווערין אונזער עגמת נפש יש לנו בשת הפנים דורך אזוי צדקה האבין מיר בושה ווען מיר נעמין שכר פון השי"ת. ווארום דאס איז נאר אגישאנק. שנאמר לך ה' הצדקה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא דיר גאט איז דיא צדקת פון דעם שכר וואס די גיסט אונז פאר אונזער צדקה געבין. איבער דעם ולנו בשת הפנים האבין מיר בושה וואס מיר געמין גישענק. אימתי אנו באין בזרוע אונ ווען קומען מיר צו נעמין דעם שכר מיט דעם דין כשאנו מוציאין המעשרות מן הבית ווען מיר געבין מעשר צוא דיא ארומעלייט גיבען עס מיר נאר וייל גאט ברוך הוא געהייסין. אונ מיר געבין עס בשמחה קומט אונז שכר מיט דעם דין. נמצא לערנען מיר פון דעם אפ אז מען בדארף געבין צדקה מיט שמחה: (כז) והלוי אונ דער יצר טוב וואס ווערט גרופן לוי וואס ער מאכט דעם מענטש ער זאל זיין באהעפט צו גאט אשר בשעריך וואס זיין גאנצער פערגעניגען איז נאר דאס וואס דיא לערינסט אין בית המדרש לא תעזבנו זאלסט איהם ניט פאר לאזין זאלסט נאר טוען וואס ער הייסט דיר טוען כי אין לו חלק ונחלה ווארום ער האט ניט קיין טייל אין דעם גוף וואס דיא מאכסט איהם פעט מיט דיא תאוות פון עוה"ז עמך וואס דאס בלייבט מיט דיר ווען די ליגסט אין קבר. אויך קען מען דעם פסוק אזוי טייטשען אויף דעם יצר הרע. זאגט דער פסוק והלוי אונ דעם יצה"ר וואס ער איז מיט דיר באהעפט פון אנהייב אז אשר בשעריך וואס ער ליגט ביי דיינע טויערין אזוי ווי עס שטייט אין בראשית ולפתח חטאת רובץ ביי דיין טיר ליגט דער יצה"ר. לא תעזבנו זאלסט איהם אויך ניט פארלאזין. מען בדארף עסין אונ טרינקען מען זאל האבין כח צו לערנין אונ צו טוען מצות. (כו) נאר מען בדארף זעהן אין לו חלק ונחלה עמך ער זאל ניט האבין איבער דיר צו שאפין ער זאל דיר ניט אפציען צוא זיך נכנעבין זיך תאוות עוה"ז וואס עס ניצט ניט צו עבודות הבורא:

טו (י) נתן געבין תתן לו זאלסטו געבין צו דעם ארומאן. איבער דעם שטייט צוויי מאהל נתן תתן צו ווייזען ווען דער מענטש גיוואהנט זיך נאר איינמאל צו געבין צדקה איז איהם שוין דער נאך גרינגער צו געבין צדקה. דאס זאגט דער פסוק נתן ווען דיא וועסט נאר אנהויבין צו געבין תתן לו וועסטו איהם שוין אלע מאהל געבין. ולא ירע לבבך בתתך לו אין עס זאל דיר ניט שלעכט זיין אויף דיין

הארץ

הארץ ווען די ניכט איהם ווארום די בדארפסט ברעכינען (כג) דאס בגלל הדבר הזה
וועגין דיא זאך יברכך ה׳ אלהיך בכל מעשיך ובכל משלח ידך בענטשט דיר השי״ת
דיינע געשעפטין וועגין דיא זאלסט האבין וואס צו געבין צדקה אונ ווען די וועסט
זאגין עס איז אשלעכטע צייט צו געבין צדקה וועט ער צו נעמין זיין ברכה וועט נאך
ערגער זיין חלילה :

**טז** (ז) ובשלת אונ דיא זאלסט קאכין די שלמי חגיגה וואס די ברענגסט מיט דעם
קרבן פסח אדער כען קען טייטשען ובשלת דיא זאלסט בראטין דעם קרבן
פסח ואכלת וגו׳ אונ זאלסט עסין אין ירושלים ופנית בבקר והלכת לאהליך אונ
זאלסט זיך קערין אין דער פריא אונ דיא זאלסט גיין צו הויז, איז דאך קשה פאר
וואס ביי אנדערע ימים טובים פאר זאגט מען ניט מען זאל אין דער פריא פון
דאנען אוועק געהן. נאר ביי פסח פאר זאגט מען. נאר ווייל ער וועט דאך דארפין
אויף חג שבועות ווייטער געהן קיין ירושלים. אונ ארץ ישראל האט גיהאלטין פיר
הונדערט טייל אויף פיר הונדערט טייל. אונ ירושלים איז אין מיטען. נמצא בדארף
מען האבין צוואנציג טאג פון ירושלים צו הויז ווארום אמענטש קען אפגעהן אין
אטאג צעהן טייל איז אין צוואנציג טאג גייט ער אפ צוויי הונדערט טייל וואס עס
איז פון ירושלים ביז עק ארץ ישראל אין עק צוואנציג טעג צוריק אויף שבועות. אונ
אין מיטען איז דאך שבת אויך איבער דעם בדארף מען זיך איילען וואס אומגיכסטען
אוועק צו געהן פון וועגין ער זאל קענין גיך צוריק קומען אויף חג שבועות :

# פרשת שפטים

(יח) **שפטים** ושטרים תתן לך וגו׳ ריכטערס אונ גיוועלטיגערס זאלסטו געבין צו
דיר אין אלע דיינע שטעדט וואס גאט גיט דיר צו דיינע שבטים.
ושפטו את העם משפט צדק אונ זיי וועלין ריכטען דאס פאלק איין ריכטיגען משפט.
פרעגט דער ס׳ כלי יקר. ווען עס שטייט תתן לך דוא זאלסט געבין צו דיר. האט
דער נאך גידארפט שטיין ושפטו אותך אין זיי וועלין דיר ריכטין. פאר וואס שטייט
נאר ושפטו את העם זיי וועלין ריכטן דאס פאלק? אויך האט בדארפט צו שטיין
ושפטו אונ זיי זאלין ריכטען. וואס שטייט עפים ושפטו וואס דאס איז דער טייטש
זיי וועלין ריכטין. גלייך וויא עס איז אנוויכע זאך? נאר דיא כוונה אין פסוק איז
אזוי. דער פסוק קומט פאר זאגען דעם פיהרער פון שטאט. ווען ער נעמט אויף
איין רב אין שטאט זאל ער ניט אויפנעמין זיינעם אבאקאנטין פון וועגין דעם. אז
ווען ער וועט עפים האבין מיט איינעם אדין תורה וועט איהם דער רב צו פסקינען.
אונ דורך דעם וועט ארוים קומען אז דער רב וועט קיינעם ניט קענין פסקינען
קיין ריכטיגען דין תורה. ווארום דיא מענטשין וועלין איהם קענין פרעגין. פאר וואס
נעבמין האט דער רב זיין באקאנטען דעם פיהרער פון שטאט דעם זעלביגען דין
תורה אנדערס גיפאסקענט. דאריבער זאגט אן דער פסוק דיא פיהרער פון שטאט
שפטים ושטרים תתן לך דיא זאלסט אויפנעמין אזעלכע דיינים אונ ארב וואס זייא
זאלין דיר אויך משפטין גלייך וויא איין אנדערין. דאריבער שטייט אלשון יחיד לך
צו דיר וועט שוין ממילא זיין ושפטו את העם משפט צדק אז ווען דיא איבריגע
מענטשין פון שטאט וועלין קומען צו איהם האבין אדין תורה וועט ער זיי גערוים
משפטין

משפטין משפט צדק אריכטיגען משפט. ווארום מהדאך דיר וואס דיא בינסט דער פיהרער פון שטאט תקיפות ער ניט אונ ער משפט אריכטיג דין תורה מכל שכן אנדערע מענטשין וועט ער געווים ניט חנפינען נאר ער וועט געווים משפטין אריכטיגען דין תורה: עפ"י רמז זאגט דער אור פני משה קען מען דעם פסוק אזוי טייטשען. שפטים ושטרים תתן לך דער פסוק זאגט דאס צו יעדער מענטש. דיא זאלסט געבין אין דיר שפטים ריכטערס. כלומר דיא זאלסט מאכין דיינע גידאנקען זיי זאלין דיר ריכטין אז דוא זאלסט מקיים זיין דיא מצות עשה. ושטרים אונ אויך זאלין זייא אויף דיר גיוועלטיגין דיר אפ צו באהיטין פון צו עובר זיין אויף דיא מצות לא תעשה. אונ אים אנפאנגם וועו עס איז דיר שווער ווייל דער יצר הרע רעדט דיר אפ פון דעם זאלסטו איהם זאגין בכל שעריך וגו' אז דיא ווילסט זיך אזוי פירין. פון וועגין צו ירשינען דיא אלע שטעט אין גן עדן. אונ אויך לשבטיך מען דארף זיך היטען פון עובר צו זיין אויף דיא לא תעשה. פון וועגין דיא מורא פאר דיא ריכטער מען זאל ניט ווערין געשטראפט בעולם הבא אין ביסליכווייס וועו דיא וועסט זיך נאר אזוי איינגעוויינען וועט זיין ושפטו זיי ביידע סייא דער יצר טוב דער גיטער גידאנק סייא דער יצר הרע דער שלעכטער גידאנק וועלין ריכטין את העם דאס פאלק. דאס מיינט מען דיא אברים פון גוף משפט צדק אריכטיגין משפט זיי וועלין איהם פיהרען אין ריכטיגען וועג. ווארום דיא גמרא זאגט מתוך שלא לשמה בא לשמה וועו אויך פון אנפאנגם נעמט זיך דער מענטש טוען מצות פון וועגין צו נעמין שכר. אונ זיך צו היטען פון עבירות פון וועגין ער זאל ניט געשטראפט ווערין. אבער צום סוף וועט ער שוין טוען פון גאטס וועגין: (כא) לא תטע וגו' דיא גמרא זאגט כל אדם שיש בו גסות ראוי לגדעו כאשרה דער מענטש וואס האלט זיך בגאוה איז ער ווערט צוא ווערין אויסגעשניטען גלייך וויא אליינדען בוים. דאס איז דער פסוק מ"מז לא תטע לך אשרה דיא מענטש זאלסט ביא זיך זעלבסט ניט איינפלאנצען דיא מדה פון גאוה וואס דאס איז גלייך וויא עבודה זרה: כל עץ אויך יעדער תלמיד חכם וואס ער לערינט די תורה וואס זיא ווערט גערופען עץ חיים. זאל זעהן נזהר זיין ניט צו האלטין זיך בגאוה. אצל מזבח וגו' דורך דעם וואס ער איז גאהונט ביא גאט וואס ער לערינט זיין תורה וואס דאס איז גלייך וויא ער מאכט אמזבח אונ איז מקריב קרבנות: (כב) ולא תקים אונ דיא זאלסט זיך זעלבסט ניט אויפשטעלין מצבה איין באשטאנד. דיא זאלסט ניט גיין מיט גאוה. אשר שנא ה' אלהיך ווארום גאט האט עס פיינט: נאך קען מען זאגען דיא פונה אין פסוק עפ"י רמז איז אזוי ולא תקים לך וועו דיא שטאט מענטשין נעמין אויף אין שטאט איינעם ער זאל זיין דער מנהיג אין שטאט זאלין זייא ניט אויפנעמען מצבה אשטיין. דאס מיינט מען אזעלכין מענטש וואס ער האט ניט אין זיך דיא מדה פון רחמנות וואס זיין הארץ איז הארט וויא אשטיין עס ארט איהם גאר ניט דאס געוויין פון ארומע געדריקטע מענטשין. אשר שנא ה' אלהיך גאט האט עס פיינט. מען דארף אויף נעמין אזעלכין מענטש וואס ער איז אבעל רחמים אבעל יושר וואס ער איז זיך מרחם אויף דיא מענטשין וואס בארפין האבין רחמים: למשל וועו מען גייט מאכין אסקלאטקע אויף געלד צו צאלין עפים אפאדאטיק דארף מען רחמנות האבין אויף דיא ארומע מענטשין מען זאל זיי נאר ווייניג שטעלין אדער גאר ניט. מען דארף נאך פארשטיין טאמער איז דא אזעלכע מענטשין וואס האבין ניט צוא עסין אונ שעמין זיך אוים צוא זאגין. זאל מען זיי שטיצן: דער ס' שפתי

צדיקים

צדיקים טייטשט אזוי דיא פסוקים עפ"י רמז. דיא גמרא זאגט אל תהי רשע בפני עצמך דער מענטש בדארף זיך ניט רעכינען אז ער איז ארשע. אונ אויך שטייט אין פסוק משלי לפני מלך אל תתהדר פאר דעם מלך השי"ת זאלסטו זיך ניט רעכינען פאר אשיינעם מענטש. נאר מען בדארף זיך רעכינען פאר אמיטילעם מענטש. ניט ווערר קיין צדיק. אונ ניט קיין רשע. דאס איז דא דער פסוק מרמז לא תטע לך די מענטש זאלסט זיך ניט פאר פלאנצען אשרה כל עץ קיין געלויבטען בוים. געריממטער מער פון אנדערע בוימער. דיא זאלסט זיך ניט רעכינען וויא איין געלויבטער אונ געריממטער מענטש. מער פון אלע. אצל מזבח ה' אלהיך אשר תעשה לך ביי דעם מזבח פון דיין גאט וואס דיא מאכסט ביי דיר. כלומר אין בית המדרש אדער אין בית הכנסת. וואס דארט לערינסט דוא אונ טועסט תפלה. וואס דאס איז גלייך וויא דיא ביסט מקריב אקרבן צו גאט אויף דעם מזבח של מעלה. דארט זאלסטו זיך אויך ניט האלטין בגאוה. אונ זיך ניט רעכינען גרעסיר פון אלע: (כב) ולא תקים לך מצבה אונ אויך זאלסטו ניט ביי זיך באשטעלין קיין באשטאנד. כלומר צו רעכינען עס אויף ריכטיג אשר שנא ה' אלהיך אז דיא ביסט געציינט ביא השי"ת. דאס טויג אויך ניט. ווארום וויא דער מענטש וועט זיך האלטין ארשע וועט ער זאגען עס איז שוין איבערגעבט מיין תורה אונ עבודה. השי"ת האט מיר שוין פיינד ער וועט זיך גאר אויף דעם ניט וועלין אומקוקן. נאר דער מענטש בדארף זיך תמיד רעכינען פאר אבינוני ניט קיין צדיק אונ ניט קיין רשע:

יז (ו) על פי שנים עדים וגו' דיא גמרא זאגט אז השי"ת איז מעביר דיא ערשטע עבירה פון מענטש. ער שטראפט ניט אויף איהר. נאר ווען דער מענטש טועט אבער די זעלביגע עבירה עטליכי מאל. וואס דורך דעם ווערט עס ביי איהם גלייך וויא איין היתר ער רעדט זיך איין אז מען מאג די זאך טוען. דאמאלס טרעפט מען איהם אויף איהר. דאס איז דער פסוק מרמז על פי שנים עדים דורך צווייא עבירות או שלשה עדים אדער דורך דרייא עבירות. וואס דיא עבירות זענין עדות אויף דעם מענטש אז ער האט זייא געטוען. ווארום פון יעדער עבירה ווערט בשאפען אמלאך רע. קומען זייא עדות זאגען אויף דעם מענטש דאס זייא זענען בשאפען געווארין דורך איהם. יומת ווערט ער געטייט המת דער רשע. וואס ווען אויך ער לעבט ווערט ער גערופן אנגעשטארבינער. ווארום זיין לעבין איז ניט קיין לעבעדיגע לעבין. ווארום דער עיקר כוונה פון לעבין איז נאר צוא טוען מצות אונ זאל ניט עובר זיין קיין עבירה. אונ ווען ניט חלילה איז דאך דאס לעבין קיין לעבין ניט ולא יומת על פי עד אחד דורך איין עבירה ווערט ער ניט געטייט. כלומר דורך דיא ערשטע עבירה ווערט ער ניט געשטראפט: (ז) יד העדים תהיה בו דער כח פון דיא עבירה איז שולט אויף איהם בראשונה אונ אנפאנגס דאס מיינט מען בעולם הזה להמיתו איהם צוא מאכען גלייך וויא אגעשטארבינער. ויד כל העם אין דער כח פון דעם פאלק דאס מיינט מען דיא אברים פון מענטש באחרונה אים לעצט דאס איז בעולם הבא. זיי וועלין אויף איהם עדות זאגען אויף דיא עבירות. אזוי וויא דיא גמרא זאגט אז דיא אברים פון מענטש זאגין עדות אויף דיא עבירות. ווארום עס שטייט אין פסוק כי נר מצוה ותורה אור דיא מצוה וואס דער מענטש טועט איז צוא איהם איין ליכט עס לייכט פאר איהם. אונ דיא תורה וואס ער לערינט איז אפייער. עס לייכט פאר איהם. עס מאכט דעם מענטש אז ער זאל שיינען וויא אפלאם פייער,

אינ

אונ אויך שרייבען ספרים אז יעדער אבר וואס מען טוט מיט איהם אמצוה ווערט דער אבר אליכטיגער אבר. דורך דיא מצוה גייט אפ פון דעם אבר דאס גשמיות אונ עס בלייבט רוחניות. אונ ווען הלילה דער מענטש טוט עבירות ווערען דיא אברים פינסטער אונ שווארץ. דאס איז דיא כוונה פון דעם וואס עס שטייט אז דיא אברים זאגין עדות. זייא בדארפען ניט זאגען מיט קיין מויל. נאר קוקענדיג אויף זייא זעהט מען שוין אלס. דאריבער זאג איך דיר מענטש ובערת הרע מקרבך דיא זאלסט זעהן אויס ראמען פון דיר דאס שלעכטס. זאלסט צוא דיר דעם יצר הרע ניט ארייי לאזין דיר אנצורעדין צוא טוען עבירות: (ח) כי אונ אויך בדארפסטו ברעכינען אז עס וועט קומען אזוי אצייט. אז יפלא ממך עס וועט פון דיר אפגעשייר ווערין דבר איין רעד למשפט צוא דעם משפט של מעלה. דיא וועסט ניט האבין מיט וואס זיך צוא פארענטפערין בייא ב"ד של מעלה. ווען מען וועט דיר משפטין בעולם הבא. בין דם לדם ווען מען וועט דיר פרעגין. וואס איז דער אונטערשייד פון דיין בלוט ביז דיין חברס בלוט. פאר וואס האסטו פאר גאסין דיין חברס בלוט מיט דיינע שלעכטע רייד. אונ דיא האסט עס נאר ניט געוואלט באמערקין אונ ברעכינען וויא פיל שמערצין מוזסט דיא דיין חבר וויא פיל בלוט צאפסטו פון איהם אפ מיט דיינע שלעכטע רעד. אונ ווען דיין חבר איז צוא דיר געקומען עפיס בעטין האסטו איהם געלאזט שטיין אונ איהם זיין ווילן ניט געטוען אונ ווען דיין חבר האט דיר אמאהל עפיס ניגעד אנווארט. ביסט דיא געווארין אויף איהם אין כעס פאר וואס ער פאר גיסט דיר דיין בלוט, מיט וואס איז זיין בלוט ערגיר פון דיין בלוט? בין דין לדין צווישן דיין דין אונ צווישן דיין חברס דין. ובין נגע לנגע צווישען דיין נגע אונ צווישען דיין חברס נגע. כלומר דאס וואס עס טרעפט דיר עפיס אשלעכטס ביסטו זעהר פאר זארגט אונ שרייסט. פאר וואס ברעכינסט דיא ניט וויא שלעכט עס איז אויך דיין חבר ווען איהם טרעפט עפיס. דברי ריבות בשעריך עס וועט זיין קריג רעד אין דיינע טויערין עס וועלין זיך אויפזאמלען אלע מליצים אונ אויך אלע מקטריגים אונ וועלין זיך קריגן וועגין דיר. דיא מקטריגים וועלין שרייען אונ וועלין אויס רעכינען דיינע אלע עבירות. ווען דיא וועסט זיך דאס ברעכינען וקמת וועסטו אויפשטיין פון דיין שלאף וואס דער יצה"ר פאר שלייפט דיר אין דעם שלאף פון תאות עולם הזה ועלית אונ דיא וועסט אלע מאהל שטייגען העכיר אל המקום אשר יבחר ה' אלהיך בו ביז דיא וועסט קומען צוא דעם ארט וואס גאט קלויבט עס אוים. צוא דיא גרעכטע מעלה. אונ ווען דיא וועסט זאגין. איך האב ניט אזוי פיל פארשטאנד צוא וויסען וועלכעס עס איז גלייך יוא צוא טוען אונ וועלכעס ניט: (ט) ובאת אל הכהנים זאלסטו קומען צוא די כהנים דאס מיינט מען דיא תלמידי הכמים הלוים וואס זייא זענין באהעפט צו גאט ברוך הוא ואל השופט וגו' אין צו דעם שופט. וועלין זייא דיר זאגין וואס מען בדארף יוא צו טוען אונ וואס ניט: (טו) שום תשים עליך מלך זאלסט מאכין איבער דיר איין קעניג. דאס מיינט מען דעם יצר טוב זאלסטו מאכין ער זאל האבין אויף דיר צו באפוילין. אשר יבחר ה' אלהיך בו וואס גאט קלויבט אויס אין איהם. מקרב אחיך פון דעם דאזיגען וואס ער וויל זיך באהעפטין צום השי"ת תשים עליך מלך זאלסטו מאכין איבער דיר אפיהרער. לא תוכל לתת עליך איש נכרי דיא טארסט ניט מאכין איבער דיר קיין פיהרער דעם יצר הרע וואס ער וויל דיך מאכין פאר אפרעמדין מענטש פון גאט אשר לא אחיך הוא דאס ער איז ניט דיין

באהעפטער

באהעפטער ער וויל דיר ניט באהעפטין צום השי"ת: (יח) ו וכי יבא הלוי אונ ווען דיא מענטש ווילסט אז דעד יצר טוב וואס ער ווערט גרופין לוי ווייל דאס ווארט לוי איז דער טייטש באהעפטין אין דער יצ"ט מאכט דעם מענטש דאס ער זאל זיין באהעפט צו גאט. אונ אויך איז מרמז אויף דעם דאס ווארט יבא וואס עס בטרעפט דרייצעהן. אויף דעם וואס ספרים שרייבין אז ווען דער מענטש ווערט דרייצעהן יאהר קומט צו איהם דער יצ"ט זאל קומען צו דיר. זאלסטו ויסען אז מאחד שעריך מכל ישראל פון דעם איינציגסטען דיינע טויערין כלומר דער בעסטער וואס דארט קומט באזאמען אלע ישראל. דאס מיינט מען דער בית המדרש. דורך דיא תורה וואס דיא וועסט דארט אין איהם לערנין וועט צו דיר קומען דער יצ"ט אשר הוא גר שם ווארום זיין וואהנונג איז דארט. ובא אונ ווען דער מענטש וועט שטארבין וועט ער קומען בכל אות מיט דיא גאנצע גלוסט נפשו פון זיין נשמה אל המקום אשר יבחר ה' צו דעם ארט וואס גאט ערווילט אום פיר דיא צדיקים בעוה"ב: (ז) ושרת אונ ער וועט באדינען צו השי"ת ניט פון וועגין שכר צו נעמין. נאר בשם ה' אלהיו פון גאטס וועגין ככל אחיו הלוים אזויא וויא אלע זיינע ברידער דיא צדיקים העומדים שם לפני ה' וואס זיי שטייען דארט אין דעם ארט פאר גאט: (ח) חלק כחלק יאכלו יעדער צדיק נעמט דארט בעוה"ב זיין שכר וויא אזוי ער האט זיך פאר דינט בעולם הזה. לבד ממכריו על האבות חוץ דעם שכר וואס יעדער נעמט וועגין דעם זכות פון זיינע אבות:

ימן (ב) שלש ערים וגו' דאס איז מרמז אויף דיא דרייא אלערלייא צייטין וואס עס איז ביים מענטש אין זיין לעבין. דיא ערשטע צייט ווערט גירופין ימי העליה. דיא טעג וואס דער מענטש שטייגט אלע מאהל העכיר דאס איז יונגע יאהרין. דיא צווייטע צייט ווערט גרופין ימי העמידה דיא טעג וואס דער מענטש שטייט אויף איין שטאנד. דאס איז דיא מיטעלע יאהרין. דיא דריטע צייט ווערט גירופין ימי הירידה דיא טעג וואס דער מענטש ווערט שון שוואכער דאס איז דיא עלטערע יאהרין. בדארף דער מענטש זיך אין דיא אלע דרייא צייטין אפשיידין פון תאוות: (ג) תכין לך הדרך דיא זאלסט דיר צו גרייטין אין וועג וואס אלע מענטשין גייען פון עוה"ז קיין עוה"ב ושלשת אונ זאלסט איינטיילין אין דרייען את גבול ארצך דעם גרעניץ פון דיין לאנד. דאס מיינט מען דאס לעבין פון גוף ווארום דער גוף ווערט גירופין ארץ ווייל ער איז פון ערד. זאלסטו דאס לעבין פון יעדער טאג איינטיילין אין דרייען איין דריטעל טאג לערנין מקרא דאס איז חומש אונ עשרים וארבע. אונ איין דריטעל טאג משניות. אונ איין דריטעל טאג גמרא. אשר ינחילך ה' אלהיך וואס דאס האט גימאכט ארבן אויף דעם בארג סיני והיה לנוס שמה כל רצח אונ דאס וועט זיין צו דיר דעם יצר הרע: (ד) ווזה דבר הרצח אונ דאס איז דיא רעד פון דעם יצר הרע. אשר ינוס שמה דיא מענטש דארפסט נאר זעהן אויף דיא וועלט ארום לויפען אונ האנדלען טאג אונ נאכט וחי אונ דאמאלס וועסטו לעבין אויף דיא וועלט. זאלסטו מענטש אבער וויסען אשר יכה את רעהו אז דער יצר הרע וויל דיר אין גאנצען דערשלאגין. ער רעדט דיר איין אז ער איז דיר אגוטער פריינד בבלי דעת נאר דיא האסט ניט קיין שכל צו באקלערין דאס וואס ער מיינט מיט זיין איינרעדונג צו דיר ווארום אין אמת והוא אונ דער יצר הרע לא שנא לו וגו' איז ניט דעם מענטשינס אשונא. נאר ער קומט איהם פרייען ווען ער הערט איהם ניט מען דעם מענטש

זעהר

זעהר פיל שכר אזוי וויא עס שוין באקאנט דער משל פון אמלך מיט זיין זון מיט דיא זונה : (ה) ואשר אונ דאריבער גיט מען דעם מענטש אעצה יבא ער זאל קומען את רעהו מיט זיין גזעלין דאס איז דיא נשמה ביער אין וואלד דאס מיינט מען דער בית המדרש לחטב עצים ער זאל ארום האקין זיינע בוזער דארט. דאס מיינט מען ער זאל אוים אויידלען דורך דיא תורה זיינע אברים. אונ ווען דער מענטש וועט אזוי טוען. דורך דעם ווען עס וועט קומען דיא צייט אז ונדחה ידו עס וועט ווערין אראפ געשטויסין זיין האנד פון דעם יצה"ר בגרזן מיט דעם מעסיר לכרות העץ אבצו־שניידען דעם בוים דאס מיינט מען דעם גוף. ונשל הברזל מן העץ וועט דער מעסיר אראפ פאלין פון דעם גוף ער וועט אויף איהם קיין שליטה האבין. נאר ומצא את רעהו ער דער מענטש וועט געפינען זיין גזעלין דעם השי"ת ער וועט קריגין התדבקות אלהות ומת אונ דורך דעם וועט ער אפ שטארבין פון דיא נארישע וועלט אזוי וויא אהרן אונ משה זענין געשטארבין. ונס אל אחת הערים האלה אונ וועט לויפין צו דיא שטעט פון עולם הבא. אונ אויף דעם איז מרמז דאס ווארט האלה דיא א' מאכט אשר דיא ה' הם. ל' לעולם. דיא ה' הבא וחי אונ ער וועט לעבין אייביגע לעבין : (ו) פן ירדף וגו' אין דער מענטש ווען ער וועט זיך דאס ברעכינען וועט ער זיך וועלין אין גאנצין אבשיידן פון עולם הזה זאכין. ער וועט ניט וועלין ארבייטין אויף דיא זאכען וואס מען דארף עס צום לעבין. פאר זאגט דער פסוק אז דאס טויג אויך ניט. זאגט דער פסוק פן ירדף גאל הדם אחרי הרצח טאמער וועט זיך דער מענטש נעמין צוא פרייאגן פון זיך דעם יצה"ר וייל ער וועט זיך איינרעדין אז דער יצה"ר וויל איהם זיך בלייט פארגיסין. וועט ער דער מענטש וועלין זיך פון איהם אוים לייזין. כי יחם לבבו זיין הארץ וועט זיך דערהיצין והשיגו אונ ער וועט דעם יצה"ר גרעכין כי ירבה הדרך ער וועט פארמערין צו לערנין תורה וואס זיא וייזט איהם דעם וועג פון לעבין הכהו אונ ער וועט דעם יצה"ר פון זיך אפ שלאגען. זאגט דער פסוק נפש פארגעס ניט אז דיא בדארפסט דער האלטין דאס לעבין. דיא בדארפסט עסין אונ טרינקען. בדארפסטו ארבייטין אונ האנדלען דיא זאלסט האבין פון וואס דיין לעבין צו ערהאלטען. אין אויך ברעכין אז ולו אין משפט מות צו איהם צום יצה"ר איז ניט קיין ריכט פון טויט. איהם קומט ניט אין גאנצין פון זיך אבצושטוסען, כי לא שנא הוא וגו' ווארום ער איז ניט דעם מענטשינס פיינד : (ז) על כן דאריבער אנכי מצוך לאמר פאר זאג איך דיר שלש ערים תבדיל לך דיא אלע דריי צייטן זאלסטו זיך נאר אבשיידן פון איבריגס. אבער הכרחיות דאס וואס מען טוז עס האבין צום לעבין בדארף מען וועגין דעם ארבייטן : —

ב (א) כי תצא למלחמה על איביך ווען דיא וועסט גיין אלטן מלחמה מיט דעם יצה"ר וואס ער איז דיין פיינד דאס איז נאר ווען דיא הייבסט אן איהם צו הארכען איז ער אויף דיר אין כעס פאר וואס דיא באשטייסט ניט אין דעם נסיון וואס מען האט איהם געהייסן ער זאל דיר פריבן וראית אונ דיא וועסט מיט שכל זעהן סוס אז דער שלעכטער גידאנק שטייט אנטקעגין דיר אזוי וויא אפערד אין דיא מלחמה ורכב אונ אויך וועכטו זעהן אקארעטע וואס דער יצה"ר ווייזט דיר אז ווען די וועסט איהם ארכען וועט ער דיר מאכין רייטן זעהר הויך. עם רב פיל פאלק וואס געהערין צום יצה"ר דאס מיינט מען דיא פיל שלעכטע גידאנקען מסך וואס זייא זענען פון דיר זעלבסט. וואס זיי רעדין דיר אן דיא זאלסט זיך נאך געבין דיא תאוות פון

עולם

עולם הזה. אונ ווען דיא וועסט דאס זעהן מיט דיין גדאנק אז אלע דיינע אברים אונ גדאנקען זענען נאר מסכים זיך נאך געבין תאוות. וועסטו ביי זיך אבגעלאזט זיין זיך צו ווערין אנטקעגין זיי. זאג איך דיר לא תירא מהם זאלסטו פאר זייא ניט קיין מורא האבין. כי ה' אלהיך עמך ווארום גאט דיין גאט וועט זיין מיט דיר צו העלפין דיר המעלך מארץ מצרים ער וועט דיר אויפברענגין פון דעם ענגין לאנד. דאס איז פון דיא שלעכטע גידאנקען וואס זיי צווינגען דיר צו פאלגין דעם יצה"ר: (ד) כי ה' אלהיכם דאס אייער גאט ההלך עמכם וואס ער גייט מיט אייך להלחם לכם צו האלטין מלחמה פון אייערט וועגין עם איביכם מיט אייערע פיינד להושיע אתכם אייך צו העלפין. דאריבער זאלט איהר ניט קיי מורא האבין. פרעגט דער ס' ישועות יעקב די קשיא. ער קומט זיי פאר זיכערין דאס זיי זאלין ניט קיין מורא האבין פאר דיא פיינד בדארף ער דאך זאגין כי ה' אלהיכם הלך עמכם וגו' דאס אייער גאט גייט מיט אייך. וואס זאגט ער עפים ההלך וואס ער גייט? זיי קענין דאך מורא האבין מאמער גייט ער ניט מיט זיי? נאר דיא זאך איז אזוי. ווארום ווען אויך ווען זיי זענען גינאנגען אין דיא מלחמה האבין זיי דאך פריער אנגעפרעגט אין אורים ותומים. אונ ווען ער האט זייא געהייסין זייא זאלין גיין מלחמה האלטין האבין זיי דאך אליין בדארפט זיין פאר זיכערט. זיי זאלין ניט קיין מורא האבין. נאר מיט דעם אמת. האבין זיי טאקע פאר דיא פיינד ניט קיין מורא גיהאט. נאר זיי האבין מורא גיהאט פאר השי"ת. טאמער וועט ער חוזר זיין פון זיין פריערדיגען גידאנק. אונ דאס קען זיין דורך צווייא ערלייא אופנים. איין אופן איז. ווען זייא האבין גיפרעגט אין אורים ותומים זענען זייא גיוועזן גיט. אונ דער נאך האבין זייא גיזינדיגט. קען דיא זינד חלילה גורם זיין אז השי"ת זאל חוזר זיין פון די פריערדיגע מחשבה. אונ נאך איין אופן קען זיין אז צום אנהייב זענין גיוועזן דיא פעלקער זעהר זינדיג. אונ דער נאך האבין זיי תשובה גיטאן. נאר מיר געפינען אז נאר דיא רעד וואס גאט רעדט אויף שלעכטים קען זיין אז ער זאל דער נאך חוזר זיין צוא טוען גיטים. אבער פון זיין רעדע צו גוטים איז ער ניט חוזר אויף שלעכטים. נמצא אז ווען דער פערבאט צו גיין מלחמת האלטין וואלט געוועזן ווייל דיא פעלקער זענען זינדיגע אונ השי"ת איז אויף זיי אין כעס. קען זיין אז ווען זיי וועלין טוען תשובה. וועט השי"ת חוזר זיין. אבער ווען דער פערבאט צו גיין מלחמה האלטין איז נאר וועגן דיא יודין פון זייער טובה וועגין ווייל דיא פעלקער האבין זיך באזעצט אין זייער לאנד וואס השי"ת האט עם אוועק גיגעבין צו זעהר פאטער אברהם איז שוין גאט ניט חוזר פון זיין מחשבה. דאס זאגט זייא דער כהן אין דעם פסוק. איהר בדארפט ניט קיין מורא האבין טאמער וועט השי"ת חוזר זיין פון זיין זאג. כי ה' אלהיכם ווארום אייער גאט ההלך עמכם וגו' וואס ער גייט מיט אייך אונ ער האט אייך געהייסין גיין מלחמה האלטין מיט אייערע פיינד איז זיין כוונה להושיע אתכם נאר וועגין אייך צוא העלפין איז דורך דאס צו גוטים. אונ פון גוטים איז ער ניט חוזר:
(י) כי תקרב וגו' עפ"י רמז קען מען אזוי טייטשן. השי"ת זאגט צוא דיא נשמה כי תקרב ווען דיא וועסט גענעהענען אל עיר צום גוף וואס ער ווערט גרופן עיר אשטאט אזוי ווי דער זהר זאגט אויף דעם פסוק עיר קטנה ואנשים בה מעט עיר קטנה דא גופא דבר נ"ש דער גוף פון מענטש איז גלייך וויא אשטאט מיט ווייניג מענטשין להלחם זאלסטו וויסען אז דיא בדארפסט אויף זיך נעמין צו האלטין מלחמה מיט דעם

יצה"ר עלי׳ װען דיא שְׂטָאט. דָאס אִיז דֶער גוף אִיהם מציל צו זַיין פון דֶעם יצה"ר וקראת אליה לשלום אונ זָאלְסְט רופֶען צום גוף צו שלום. כלומר דיא זָאלְסְט אִיהם נִיט הֵייסֶען אָבְּשֵׁיידֶען פון עֶסֶען אונ טְרִינְקֶען. נָאר אִיהם הֵייסֶען עֶר זָאל זַיין שלום מִיט דִיר. עֶר זָאל עֶסֶען אונ טְרִינְקֶען אונ זָאל לֶערְנֶען התורה אונ טוּעֶן מצות ומעשים טובים, דָאס הֵייסְט שלום עֶר זָאל טוּעֶן זַיין בַּאדֶערְפִינִיש אונ דַיין בַּאדֶערְפִינִיש. וָוארום וֶוען עֶר וֶועט נִיט עֶסֶען וֶועט עֶר דָאךְ נִיט הָאבֶּען קֵיין כח צו טוּעֶן מעשים טובים: (יא) והי׳ דֶער מדרש זָאגְט אוּמֶעטִים וִויא עֶס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט והי׳ אִיז אַפְרֵייד. אִיז דָא אויךְ אַזוי. והי׳ אונ עֶס וֶועט זַיין אַפְרֵייד אם שלום תענךָ אויב דֶער גוף וֶועט מִיט דִיר מסכים זַיין צו זַיין מִיט דִיר שלום. צוא טוּעֶן דַיין ווִילֶען. ופתחה אונ דִי שְׂטָאט. דָאס מֵיינְט מֶען דֶער גוף, וֶועט זִיךְ אָפֶּענֶען לךָ צו דִיר. דִי זָאלְסְט אִיבֶּער אִיהְם רשות הָאבֶּען צו שַׁאפֶען מִיט אִיהְם דָאס עֶר זָאל טוּעֶן פון דַיינֶעט וֶועגֶען מצות ומעשים טובים. והי׳ כל העם הנמצא בה אונ עֶס וֶועט זַיין אַז אַלֶע אברים גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דֶעם גוף והיו לךָ למס וֶועלֶען דִיר גֶעבֶּען מס. דָאס מֵיינְט מֶען זֵיי וֶועלֶין טוּעֶן דִיא מצות עשה. ועבדוךָ אִין וֶועלֶין זַיין בַּיי דִיר אַזוי וִויא קְנֶעכְט זִיךְ צו הִיטֶען נִיט עיבר צו זַיין אויף דִיא לא תעשה: (יב) ואם לא תשלים עמךָ אונ וֶוען זִיא וֶועט נִיט שלום מַאכֶין מִיט דִיר. אונ זִיא טְרֵייט אָפּ פון דִיר. נִיט צו טוּעֶן דַיין ווִילֶען זָאלְסְטוּ וִויסֶען ועשתה עמךָ מלחמה אַז זִיא וֶועט מַאכֶין מִיט דִיר אמלחמה. זִיא וֶועט דִיר גָאר נִיט וֶועלֶין אָנְהוֹיבֶּין צו הֶערֶין. אונ וֶועט דִיר אִיבֶּער פִירֶין. דְרִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר וצרת עלי׳ זָאלְסְט אויף דֶעם גוף בַּאלֶעגֶערֶין זָאלְסְט זֶעהֶן דֶעם גוף אַיין צוא הַאלְטֶין פון תאוות עֶר זָאל זִיךְ נִיט נָאךְ גֶעבֶּין קֵיין תאוות אונ נִיט וֶועלֶין קֵיין אִיבְּרִיגֶם: (יג) ונתנה ה׳ אלהיךָ בידךָ אונ השי"ת וֶועט דִיר הֶעלְפֶין אונ עֶר וֶועט דֶעם גוף צו דִיר אִין דִיא הֶענְד אִיבֶּער גֶעבֶּין. והכית את כל זכורה אונ דִי וֶועסְט צו שְׁלָאגֶין אַלֶע אִיהְרֶע אַנְדֶענְקֶערְם וָואס דֶערְמַאנֶען זִיא צו טוּעֶן שְׁלֶעכְטֶס. לפי חרב דורךְ דֶעם טְרִיקֶענְהֵייט וָואס דִיא וֶועסְט זֶעהֶן אַז דֶער גוף זָאל טְרִיקֶען זַיין פון אִיבְּרִיגֶע תַאֲוות:

# פרשת תצא

(י) כי תצא למלחמה על איביךָ וֶוען דִיא וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין הַאלְטֶין מלחמה אויף דַיין פַיינְד. אִיז קשה עֶס הָאט בְּדַארְפְט צו שְׁטֵיין כי תצא וֶוען אִיהְר וֶועט אַרוֹיס גֵיין על איביכם אויף אַייעֶרֶע פַיינְד? זָאגְט דֶער אור החיים אַז דֶער פָסוק קוּמְט מרמז זַיין אויף דִיא מלחמה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בְּדַארְף צוא הַאלְטֶין אַלֶע טָאג מִיט דֶעם יצר הרע. אונ דָאס אויךְ אִיז מרמז רש"י מִיט דִי וֶוערְטֶער במלחמת הרשות הכתוב מדבר דֶער פָסוק רֶעדט פון דִי מלחמה מִיט דֶעם יצה"ר וָואס עֶר ווִיל אַלֶץ דֶעם מֶענְטְשׁ אַיינְרֶעדֶין דָאס עֶר זָאל זַיין אִין זַיין רשות אִין רשות פון יצה"ר אויךְ רֶעט עֶר אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין אִין זַיין זֶעלְבִּיגֶען רשות. עֶר זָאל טוּעֶן וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט אִיהְם אונ זָאל נִיט הָארְכֶין וָואס כְּפָרִים פַאר זָאגִין נִיט צוא טוּעֶן. זָאגְט דֶער פָסוק כי תצא וֶוען דִיא מֶענְטְשׁ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין אונ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען למלחמה צו הַאלְטֶין מלחמה על איבךָ אויף דַיין פַיינְד דָאס אִיז דֶער יצה"ר. אִיז מֶען דִיר מַבְטִיח אַז ונתנו ה׳ אלהיךָ בידךָ גָאט ברוךְ הוא וֶועט אִיהְם אִיבֶּער גֶעבֶּין דִיר

אין

אין דיא הענד. ושבית שביו אין דיא וועסט פאנגען צוריק פון איהם וואס ער האט פון דיר גיפאנגען. דאס הייסט. דיא וועסט צוריק קומען צו די ערשטע מעלה וויא די ביסט גיוועזין פריער. איידער די ביסט גיווארין נאך איהם איבער גירעד. אונ דיא וועסט צוריק נעמען פון איהם דיא כחות הקדושה וואס ער האט בייא דיר צוא גענומען ווען דיא האסט איהם געהארכט אונ געזינדיגט. אונ יעצט אז די וועסט מיט איהם מלחמה האלטין וועסטו איהם מנצח זיין אונ בייא איהם דאס אפ נעמען: (יא) וראית אונ די וועסט זעהן מיט דיין שכל בשביה נאך דעם ווען די האסט שוין דעם יצה"ר געפאנגען אשת יפת תאר אשיינע אשה. דאס מיינט מען די נשמה הקדושה וואס ווען זיא קומט צום מענטש איז זעהר שעהן אין ריין. נאר דער יצה"ר האט איהר פריער צו זיך גיפאנגען. אונ יעצט והשקת בה זאלסטו צו איהר גלוסטן ולקחת לך לאשה אונ זאלסט איהר צוריק נעמען צו זיך פאר אנוייב כלומר דיא זאלסט איהר ליעב האבין אונ טוען פון איהרעם וועגין וואס די באדארפסט טוען: (יב) והבאתה אל תוך ביתך אונ זאלסט איהר אריין ברענגין צו דיר אין שטוב אריין דאס איז אין גוף אריין. וגלחה את ראשה אונ זאלסט איהר לאזין אז זיא זאל אפשערין די האר פון איהר קאפ, דאס מיינט מען פון דעם גוף וואס ער איז איהר קאפ. זאל זיא אפטוען די שלעכטע מדות אונ דיא איבריגע תאוות וואס דאס איז גלייך וויא דיא האר וואס זייא זענען אויך איבריג. ועשתה את צפרני' אונ זיא זאל ארום ריינינגען איהרע נעגיל. דאס מיינט מען די כחות פון דעם גוף וועט זיא מאכין ריין. למשל די פים וועלין ניט גיין דעם חבר אויסרינגען אגישעפט אדער אזוי עפעס שלעכטס. די הענד זיי זאלין ניט געבין קיין פאלשע וואג אין אפאלשע מאס. אין זאל ניט שלאגען דעם חבר. די מויל זאל ניט רעדין קיין רכילות קיין לשון הרע. קיין דברים בטלים. ליצנות. הניבות. די אויערין זאלין ניט הארכין קיין לשון הרע אין דברי ליצנות. אין נאך זאכען: (יג) והסירה את שמלת שבי' מעלי' אונ זיא זאל אפ טוען פון זיך דאס קלייד וואס זיא איז געוועזין אנגעקליידעט ווען זיא איז געוועזין גיפאנגען בייא יצה"ר דאס מיינט מען דעם כח הטומאה וואס דער יצה"ר האט אויף איהר פרשפרייט וישבה בביתך אונ זיא וועט זיצען אין דיין הויז דאס איז דער גוף. ובכתה אין זיא זאל וויינען דאס מיינט מען די זאלסט טוען תשובה את אביה אויף דעם וואס זיא איז גיווארין אפגעשייד פון איהר פאטער דאס איז השי"ת ואת אמה אין פון איהר מוטער דאס איז דיא כנסת ישראל ירח ימים אחודש צייט זאלסטו זעהן תשובה צוא טוען. דאס מיינט מען חודש אלול. ואחר כן תבוא אלי' אונ דער נאך וועסטו קומען צו איהר ובעלתה אונ וועסט זיך מיט איהר באהעפטין והיתה לך לאשה אונ זיא וועט ווערין צו דיר באהעפט: (יד) והי' אונ ווען עס וועט חלילה זיין אם לא חפצת בה אז דיא וועסט אין איהר ניט וועלין. דאס הייסט די וועסט זיך ניט וועלין פירין אין איהרע וועגין דאס די זאלסט אלע מאהל פאר מערין אונ פאר גרעסירען דיא קדושה ושלחתה לנפשה זאלסט זעהן לפחות איהר ניט פאר אונריינינגען מיט שלעכטע מעשים. נאר ווען זיא וועט בדארפין פון דיר אוועק געהן זאל זיא געהן צוא דעם ארט וואס איהר ווילין וויל אהין געהן. צוא דעם ארט וואס זיא איז פון דארט גענומען געווארין. ומכר לא תמכרנה אונ זאלסט איהר ניט פארקויפען צו דיא כחות הטומאה בכסף דורך דיא געלד וואס די גלוסט אויף צוא זאמלען. די זאלסט זעהן אז דאס געלד זאל חלילה ניט זיין דורך גזילה. אדער גניבה: רציחה. אונ דורך

פאל'שקייט

פאלשקייט לא תתעמר בה זאלסט אין איהר ניט פעלשין תחת אשר עניתה דער פאר וואס דיא פייניגסט איהר דיא טועסט ניט איהר ווילין. דאס זיא זאל דורך דיינע מעשים טובים העכיר ווערין. זעה חאטש זיא זאל ניט חלילה דורך דיינע מעשים רעים קלענער אונ נידעריגער ווערין: רש"י שרייבט אין פסוק י"א וראית בשביה אשת יפת תאר וחשקת בה ולקחת לך לאשה ווען די וועסט זעהן אין דעם גיפעננעניש פון דיא מלחמה אשיינע אשה. אונ דיא וועסט צו איהר גלוסטין. זאלסטו איהר נעמען פאר דיר צו אוייב. זאגט רש"י לא דברה תורה אלא כנגד יצה"ר דיא תורה רעד דאס מער ניט אנטקעגין דעם יצה"ר.. אם אין הקב"ה מתירה ישאנה באיסור ווארום ווען השי"ת וואלט ניט מתיר גיוועזן צו נעמען איפת תאר אין די מלחמה. וואלט דער מענטש איהר גענומען ווען אויך עם וואלט אסור גיוועזין צוא נעמין. איבער דעם האט עם דיא תורה מתיר גיוועזן. אבל אם נשאה סופו להיות שונאה וסופו להוליד כמנה בן סורר ומורה נאר אויב ער נעמט איהר וועט דער סוף זיין אז ער וועט איהר פיינד קריגען אונ וועט פון איהר האבין אשלעכטין זון. איז דאס ניט צוא פאר שטיין. ווארום עס איז דאך דיא קשיא נאך דעם נאך בדארף זיין אז אלע עבירות וואס דער מענטש גלוסט שטארק צוא דעם זאל די תורה מתיר זיין? נאר די כוונה איז אזוי. ווארום דאס איז ידוע אז דאס וואס דיא תורה פאר זאגט דעם מענטש ער זאל עס יוא טוען שטארקט זיך אויף איהם דער יצה"ר ער זאל עם ניט טוען. אונ דעסט גלייכין דאס וואס דיא תורה באפוילט ניט צו טוען. שטארקט זיך דער יצה"ר אויף דעם מענטש ער זאל אויף דעם עובר זיין אונ זאל עם יוא טוען. נמצא אז ווען די תורה וואלט באפוילין אויף דעם מענטש ער זאל דיא יפת תאר אין דיא מלחמה ניט נעמען. אונ ווען ער וועט איהר יוא נעמין וועט ער איהר צום סוף פיינד קריגן אונ וועט האבין מיט איהר אבן סורר ומורה. וואלט זיך דער יצה"ר גישטארקט אויף דעם מענטש ער זאל עובר זיין אויף דעם בפויל אונ זאל יוא נעמין. אונ דאס אנרעדונג פון יצה"ר וואלט זיך אויף איהם געשטארקט מער וויא דאס וואס ער וועט באטראכטן אז לסוף וועט ער איהר פיינד האבין אונ וועט האבין אשלעכטין זון. איבער דעם פאר זאגט די תורה צום מענטש ולקחת וגו' דיא זאלסט איהר יוא נעמען. נאר לסוף וועסטו איהר פיינד האבין. נמצא קומט דאך דער יצה"ר אנרעדין ניט צו נעמען איהר. אונ אויך דער ברעכינונג פון שפעטיר וואס ער וועט איהר פיינד קריגין אין וועט האבין אבן סורר ומורה. וועט עס דעם מענטש אפהאלטין פון איהר צו נעמען. דאס איז דיא כוונה אונ דיא ווערטער פון רש"י הקדוש: ט) כי וגו' עפ"י רמז קומען די פסוקים מרמז זיין אויף יעקב'ן מיט זיינע ווייבער רחל אונ לאה. אונ אויף זיין זון ראובן דער בכור. אונ אויף דעם וואס יעקב חאט אוועק גיגעבין ראובנ"ס בכורה צו זיין זון יוסף. זאגט דער פסוק כי תהיינה לאיש ווען עס וועט זיין צו אמענטש דאס מיינט מען יעקב שתי נשים צוויי ווייבער רחל אונ לאה. האחת אהובה והאחת שנואה איינע איז אגליבטע דאס מיינט מען רחל אונ איינע אנגיפיינטע דאס מיינט מען לאה וילדו לו בנים אונ זיי ועלין צוא איהם געווינען זין האהובה והשנואה לאה אונ רחל והי' הבן הבכור לשניאה אין דער זין דער בכור וועט זיין צו די געפיינטע דאס מיינט מען ראובן דער זין פון לאה. איז דאך קשה אויף אונזערין היילגען פאטער יעקב וויא אזוי האט ער עובר גיוועזן אויף דעם דין אונ ער האט דער נאך אוועק גיגעבין די בכורה צו יוספין? נאר דאס איז ידוע אז יעקב

ווען

וען ער האט תתונה גיהאט מיט לאה ן האט ער געמיינט אז זיא איז רחל. האט ער
דאך גיהאט אין זיין מחשבה אז דער ערשטער זון זיינער זאל זיין פון רחל ן. אונ
דער נאך אז עס איז גאר גיוועזן לאה אונ איהר זון איז דער בכור. בדארף דאך
רחל׳ס זון יוסף אויך זיין אבכור. האט יעקב אזוי גטוען. אנטקעגין די פארמעג וואס
דער דין איז אז דעם בכור קומט צוויי חלקים איז ראובן דער בכור. גאר אנטקעגין
דעם וואס יעקב האט גירעכינט יוספס צוויי קינדער מנשה אונ אפרים פאר זיינע
קינדער האט ער גימאכט יוסיפן פאר אבכור. זאגט דער פסוק: (טז) והיה ביום הנהילו
את בניו אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וואס ער וועט מאכין ארבין צוא זיינע
קינדער את אשר יהי׳ לו דאס פארמעגין וואס עס וועט זיין צו איהם לא יוכל לבכר
את בן האהובה על פני בן השנואה הבכור קען ער ניט מאכין דיא געליבטעם זין
דאס איז יוסף פאר אבכור מער וויא דער זון פון דיא געפיינטע דאס איז ראובן.
(טז) כי את הבכור בן השנואה נאר דעם עלטסטען זון דאס איז ראובן דער זון פון
לאה יכיר לתת לו פי שנים בכל אשר ימצא לו זאל ער דער קענען איהם צוא
געבין צווייא חלקים אין דער פארמעג וואס עס איז צוא איהם. (כו) נאר הוא דער
ראשית אנו וואס ער איז זיין ערשטער קרעפט אונ גידאנק דאס מיינט מען יוסף לו
משפט הבכרה צו איהם איז אויך דיא ריכט פון די בכורה דהיינו אנטקעגין דעם וואס
זיינע צוויי קינדער מנשה אונ אפרים ווערין גירעכינט אויף יעקב ן: (כב) וכי וגו׳ דער
פסוק קומט פאר ענטפערין אויף דעם וואס דער צדיק שטארבט. זאגט דער פסוק.
דער מענטש וועט אפשר וועלין פרעגין. וכי יהי׳ באיש קען דען זיין אין דעם
חשובן מענטש דער צדיק חטא משפט מות אזוי אגרויסע זינד וואס מען זאל איהם
דער פאר משפטין דאס ער זאל שטארבן? והומת אונ מען זעהט דאך אז ער
שטארבט. וועסטו וועלין זאגין אז עס איז ניט קיין ריכטיגער משפט. זאגט מען
דיר ותלית אתו זאלסט עס אנהייגען על עץ דורך דעם עץ הדעת. כלומר דורך
דעם וואס אדם הראשון האט עובר גיוועזן אויף גאטס בפויל אונ האט גיגעסין פון
דעם עץ הדעת וואס השי״ת האט פאר זאגט מען זאל פון איהם ניט עסין. דורך
דעם איז נגזר גיווארין דער טויט אויף דיא וועלט: (כג) לא תלין נבלתו וגו׳ דיא
גמרא זאגט תלמיד חכם שעבר עבירה ביום אל תהרהר אחריו בלילה וגו׳ כי בוודאי
עשה תשובה וען דיא זעהסט אז אתלמיד חכם טוט ביי טאג איין עבירה זאלסטו
ניט טראכטין אויף איהם ביי נאכט צו מיינען אז ער האט נאך ניט תשובה געטוען.
ווארום ער האט געווים גטוען תשובה. דאס איז דער פסוק מרמז לא תלין נבלתו
די זאלסט ניט איבער נעכטיגן דיא עבירה וואס דאס איז גלייך צו אנבלה על העץ
אויף דעם תלמיד חכם. וואס ער ווערט גרופין עץ. ווייל ער לערינט די תורה וואס
זיא ווערט גרופין עץ היים אלעבידיגער בוים כי קבר תקברנו ביום ההוא. נאר די
זאלסט וויסען אז די תורה וואס דער תלמיד חכם לערינט וועט זיא פון איהם דיא
עבירה אפטיען אין דעם זעלביגי טאג. כי קללת אלהים תלוי ווארום ווען די וועסט
קלערין אויף דעם תלמיד חכם טאמער האט ער נאך ניט גיטוען קיין תשובה איז
דאס אשאנד פאר גאט אז זיין טרייער דינער זאל פון איהם וועלין אפטרעטין.
ולא תטמא את אדמתך וגו׳ די גמרא זאגט לא חרבה ירושלים אלא על שהיו מבזים
בה תלמידי חכמים ירושלים איז חרוב גיווארין נאר וועגין דעם וואס זייא האבין
מבוזה

מבזה גיוועזן די תלמידי חכמים. זאגט דער פסוק דיא זאלסט ניט מבזה זיין דעם תלמיד חכם דורך דעם וואס די וועסט דענקען אויף איהם אז ער האט ניט געטוען תשובה. ווארום דורך דעם וועסטו גורם זיין אז די אומות וועלין זיך באזעצין אין דיין לאנד אונ וועלין דיין ערד פאר אונריינינגען: נאך קען מען אזוי טייטשן לא תלין נבלתו ווען דער מענטש וויל אז עס זאל זיך ביי איהם ניט אופהאלטין דיא עבירה. איז דא אעצה. על העץ דורך די תורה וואס ער וועט לערנין. כי קבר תקברנו די תורה וועט געוויס פארלירין דיא עבירה פון מענטש דאס ער זאל ניט איהר טוען. נאך אעצה איז דא. ביום ההוא דער מענטש זאל זיך דערמאנען אז נאר דעם טאג האט ער נאר צוא לעבין. אונ אויך זאל ער בארעכינען כי קללת אלהים תלוי אז עס איז אשאנדע פאר גאט ווען דער מענטש וואס ער איז נאטם באשעפיניש. קלערט ביא זיך צו זיין איהם אנקעגין אונ ניט צו טאן זיין באפויל. ווען די וועסט דאס אלץ נעמען אין גדאנק דאמאלס ולא תטמא את אדמתך וגו׳ וועסטו שוין געוויס ניט פאר אונריינינגען דיין גוף וואס דיין גאט האט דיר גיגעבין:

כב (ח) כי תבנה בית חדש עפ״י רמז קען מען אזוי טייטשן. ווען די מענטש בויעסט זיך פאר אנייעם בנין. כלומר, ווען דיא מענטש האסט געזינדיגט איז דאך דיין גוף וואס ער איז אזוי וויא אשטוב פאר דיא נשמה. גיווארין אונריין. אונ ווען דיא ווילסט תשובה טוען אונ באנייען דעם גוף ועשית מעקה לגגך זאלסטו מאכין איין ארומצאמונג ארום דיין דאך דאס איז דיין גוף זאלסטו פרצוימען ער זאל ניט גלוסטען נאך קיין מותרות אונ זיך ניט נאך געבין קיין תאוות. נאר פון דעסט וועגין ולא תשים דמים בביתך זאלסטו ניט פאר גיסען דאס בלוט פון דיין גוף דורך דעם וואס דיא וועסט זיך נאר וועלין אפהאלטין פון עסין. כי יפל הנפל ממנו דיא זאלסט אזוי ניט טוען. די מעגסט עסין אונ טרינקען. נאר ביסליכווייס זאלסטו זעהן אז דער יצה״ר וואס רעד דיר אן צו מותרות אונ תאוות זאל פון דיר אראפ פאלין דורך דעם וואס דיא וועסט איהם ניט הארכין צוא איבריגעם. אונ נאך קען מען טייטשען ולא תשים דמים בביתך זאלסט ניט פאר ברענגין דיינע צייטן נאר וועגין געלד כי יפל הנפל ווארום דער מענטש פאלט אראפ פון זיין מעלה ממנו דורך די געלד: (ט) לא תזרע כרמך כלאים. זאלסט ניט פאר זייען אין דיין ווייגארטען צומישונג עפ״י רמז מיינט מען דאס. ווען דיא לערינסט דיא תורה הקדושה זאלסטו אין איהר ניט לערנען קיין פאלשע פשטים. פן טאמער תקדש וועט זיא אפזונדירען המלאה דאס דער פילונג הזרע אשר תזרע די זאכען וואס דיא האסט פאר זייעט. כלומר דורך די פאלשע פשטים וואס דיא וועסט אויפטוען אין דיא תורה וועסט אפ זונדערין פון די קדושה די אמתע תורה ותבואת הכרם אונ דיא געוואוקס פון דעם ווייגארטין דאס איז די ריכטיגע פשטים פון די תורה: (יב) גדלים תעשה לך וגו׳ ציצית זאלסטו זיך מאכין אויף די פיר כנפות פון דיין קלייד אשר תכסה בה וואס מיט די מצוה פון ציצית וועסטו זיך בדעקין אנטקעגין דעם יצה״ר ער וועט ניט קענין שולט זיין אויף דיר. אזוי ווי אין די גמרא שטייט אמעשה וויא איינער איז געפארין צו אבארימטע זונה אונ ווען ער האט אויס געטוען דעם ארבע כנפות האבין איהם דיא ציצית געפאטשט אין פנים. האט ער זיך אפגעשייד פון דיא עבירה. דאס איז דער רמז אין דעם אנדערין פסוק (יג) כי יקח איש אשה ווען אמענטש וועט נעמען

איין

איין אשה ניט דורך קדושין נאר ובא אלי' ער וועט וועלין צו איהר קומען מיט איהר סנה זיין. איז דורך די מצוה פון ציצית וואס עס שטייט פריער ושנאה וועט ער איהר די אגנה פיינד קריגען: אונ אויף דעם איז מרמז דאס ווארט ושנאה דער ר מאכט ווייד דער ש' שראה. דער נ' נגדו. דער א' את. דער ה' הציצית. ער איז אראפ געניידערט פון איהר בעט וואריס ער האט גיזעהן דיא ציצית: דער ס' אור החיים טייטשט אזוי די פסוקים עפ"י רמז כי יקח איש אשה ווען דער מענטש נעמט צו זיך איין אשה דאס מיינט מען די תורה הקדושה ובא אלי' אונ ער וועט קומען צוא איהר כלומר ער וועט איהר לערנין ושנאה אונ דער נאך וועט ער זיא פיינד קריגען:

כג (ד) לא יבא עמוני ומואבי וגו' פון עמון אונ פון מואב זאל ניט קומען איינער פון זיי געסען פון אייך איין אשה: (ה) על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים וגו' וועגין דעם וואס זיי זענין ניט ארויס גיגאנגען אנטקעגין אייך מיט ברויט אונ וואסער אייך צו געבין. איז דאס זעהר ניט צוא פאר שטיין. פאר דעם וואס זיי האבין ניט גיגעבין ברויט אונ וואסער קומט זיי אזוי אשטראף? אויך וועגין וואס שטייט דאס ווארט דבר. אונ דאס ווארט קדמו. עס האט בדארפט שטיין על אשר לא נתנו? אונ אויך איז דא צו פרעגין. דיא גמרא זאגט אז עמון ומואב זענין גישטראפט גיווארין ווייל זייא האבין מפקיר גיוועזען זעהרע מעכטיר צו זנות. איז דאך קשה, אין פסוק שטייט עס גאר נישט אין פסוק שטייט נאר ווייל זיי האבין ניט געפאדערט מיט ברויט אונ וואסער? נאר דיא זאך איז אזוי. די גמרא (סנהדרין פ"א) זאגט אז זיי האבין אזוי געטוען. זיי האבין גימאכט פאלאטקעס אונ האבין באזעצט זונות אונ האבין דארט אנגעגרייט ויין. ביז זיי האבין דיא יודין אנגירעד מזנה צו זיין אונ צו טרינקען יין נסך אונ צו דינען עבודה זרה. וואריס ווען דיא יודין זענין גיוועזין הונגעריג אונ דארשטיג אונ ווען דיא זונות האבין זיי צו זיך אריין גערופין אין דיא פאלאטקעס אריין אונ דיא זונות זענין נאך גיוועזן נאקעט אונ זיי האבין זייא דארט גיגעבין עסין אונ טרינקען איז שוין קיין חידוש נישט וואס דיא יודין זענין גיווארין איבער גירעד אונ האבין געדינט עבודה זרה. ווען אבער די מאנסלייט וואלטין געוועזין ארויס גיגאנגען אנטקעגין זיי פריער מיט ברויט אונ וואסער. אונ וואלטין ניט גימאכט קיין פאלאטקעס. וואלטין דיא יודין ניט געדינט עבודה זרה אונ וואלטין ניט מזנה גיוועזין. דאס זאגט דער פסוק על דבר וועגין די זאך כלומר וועגין די כוונה וואס עס איז גיוועזן אין אשר לא קדמו וואס די מאנספערזאהנען האבין ניט גיפאדערט אתכם אייך פריער פאר זייערע ווייבער בלחם ובמים מיט ברויט אונ וואסער בדרך אין מיטען וועג. ניט אזוי וויא זיי האבין גימאכט פאלאטקעס אונ דיא ווייבער זענין נאר אנטקעגין זיי ארויס גיגאנגען. וואריס חען זיי וואלטין אנטקעגין זיי ארויס גיגאנגען פריער נאר עס וואלט גיוועזן אין מיטען וועג וואלטין זיך די יודין גישעמט מזנה צו זיין. נאך דעם נאך איז שוין אלץ פערענטפערט: (י) כי תצא מחנה על איביך ווען דיא ווילסט זיין פאר זיכערט אז דיא זאלסט גיין מיט אמחנה אנטקעגין דיין פיינד דאס מיינט מען דעם יצה"ר ונשמרת מכל דבר רע זאלסטו זעהן צו זיין געהיט פון אלע שלעכטע רעד. דיא בעסטע עצה אנטקעגין דעם יצה"ר איז נאר ניט צו רעדין דברים בטלים: (יא) כי יהיה בה איש ווען קען זיין אין דיר דער מענטש

דאס

דאס מיינט מען דער יצה"ר ווען קען ער אויף דיר זיך שטארקען אשר לא יהיה טהור
ווען דיא מענטש וועכט ניט זיין ריין. אונ דורך וואס קומט דאס אונרייניקייט מקרה
דורך דעם וואס דער מענטש איז נאר נאך גיאנגט וועגין געלד וואס דאס איז גישט
קיין שטענדיגע זאך עס איז נאר אמרעפונג לילה עס ניצט נאר בעוה"ז וואס זיא
ווערט גירופין נאכט. ויצא אל מחוץ למחנה דאס געלד גייט ארויס אויסוויינוג פון די
מחנה. לא יבא אל תוך המחנה ער קומט ניט אריין אין די מחנה פון פמליא
של מעלה. דאס געלד גייט ניט דעם מענטש לעולם הבא עס זאל אויף איהם מליץ
זיין. נאך קען מען טייטשין אזוי. כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור ווען עס
וועט ביי דיר זיין אמענטש וואס ער איז ניט ריין וואס זיינע גידאנקען זענין ניט
ריין מקרה לילה ער זאגט אז דאס אלץ וואס עס קומט אויף אונז אין גלות וואס
עס איז גלייך צו נאכט. איז עס אלץ במקרה עס טרעפט זיך מיט דיא נאטור. איז
זיין סוף ויצא אל מחוץ למחנה ווען ער וועט ארויס גיין פון אויסוויינוג פון דיא מחנה
דאס מיינט מען ווען ער וועט שטארבין לא יבא אל תוך המחנה וועט ער ניט
קומען אין די מחנה פון הימעל: (טו) כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחנך די מענטש
בדארפט ברעכינען אז גאט ברוך הוא גייט אין דיין מחנה. דאס מיינט מען אין
דעם גוף. וואס אין איהם איז דא אמתנה פון אברים וועלכע אין זיי איז דא אחלק
אלהות אנגעטליכקייט. דאס איז דיא נשמה. זיא איז ארויס גענומען פון דעם כסא
הכבוד. אונ דער מענטש טוט חלילה איין עבירה איז עס גלייך ווי ער מאכט אפגם
אין דיא קדושה פון השי"ת. אונ דער מענטש זאל ניט זאגין. דער יצר הרע רעד
איהם אן צו טוען עבירות. זאג איך דיר להציל נאט איז מיט דיר צו מציל זיין
דיר פון דעם יצר הרע ולתת איביך לפניך אונ צו געבין דיין פיינד דער יצר הרע
פאר דיר והיה מחניך קדוש זאלסטו זעהן אז דיין גוף זאל זיין ריין ולא יראה בך
ערות דבר אונ ווען דער יצר הרע וועט אין דיר ניט זעהן קיין שלעכטע זאך כלומר
ווען די וועסט זיך זעלבסט ניט נכגעבין קיין תאוות ושב מאחריך וועט ער דער
יצר הרע אוועק געהן פון דיר. (טז) לא תסגיר עבד זאלסט ניט איבער ענטפערין דעם
יצר הרע וואס ער איז גאמס קנעכט אל אדניו צו זיין האר. כלומר די זאלסט ניט
זאגין ווייל השי"ת האט איהם אין מיר אריין גיגעבין מעג איך איהם הארכין אשר ינצל
דאס וואס דער יצר הרע איז גיווארין אפגעשייד פון הימעל אליך צו דיר מעם ארניו
דאס איז פון השי"ת. ער האט געזאגט: (יז) עמך ישב בקרבך אז דער יצר הרע
זאל זיצען ביי דיר. נאר במקום אשר יבחר ווען דיא וועסט זעהן מיט דיין שכל
אז דער יצר הרע וויל דיר פירין אין דעם ארט וואס ער וויל אויסקלויבען באכאלט
באחד שעריך זאלסטו איהם אנטלויפין אין איינעם פון דיינע באקאנטע טויערין
דאס איז אין בית המדרש אונ זאלסט נעמין לערנין תורה. וועט ער שוין פון דיר
אפטרעטין. ווארום בטוב לו דורך דעם וועט מען איהם אויך גוטס טוען אזוי וויא
עס באקאנט דער משל פון דעם בן מלך מיט דיא זונה. נאר לא תוננו זאלסט
איהם ניט אפ נארין. זאלסט ניט עפינען דיא גמרא אונ דער נאך נעמין רעדין
דברים בטלים. ווארום דיא וועסט איהם ניט אפ נארין ער איז אויך אזוי קלוג
וויא דיא. ער גייט ניט אזוי גיך אוועק. אונ ווען דיא נעמסט רעדין מיט דיין
חבר דברים בטלים איז ער אויך אין מיטען צוא הארכען אייערע רעד אונ מישפ

צוא

צוא אביסיל לשון הרע אביסיל רכילות אביסיל שנאת חנם. נאר ווען דיא נעכסט לערנין דיא גמרא זאל עס זיין באמת פון גאטס וועגין דאטאלס וועט ער פון דיר אפ טרעטין: (כב) כי תדר נדר חען דיא טועכט אנדר זאלכטו נאר טוען לה׳ אלהיך פון גאטס וועגין דהיינו ווען דער יצר הרע רעדט דיר אן צוא טוען שלעכטס זאלסט טוען אנדר. אויב דיא וועסט דיזעם טוען זאלסטו אזוי פיל געבין אויף צדקה. וועט דיר דאס געלד אפ האלטין פון צוא טוען דאס שלעכטס. אונ ווען דיא טועכט אנדר. לא תאחר לשלמו זאלסטו ניט פארשפעטיגען איהם צוא באצאלען. כי דרש ידרשנו ה׳ אלהיך מעמך דער סוף וועט דאך זיין אז גאט וועט פון דיר דיא געלד פון דעם נדר אפזוכען והיה בך חטא אונ ער וועט נאך אין דיר זיין אזינד וואס דיא האסט ניט אליין באצאלט דיא געלד פון נדר. איבער דעם באדארפסטו וואס אומגיכסטען זעהן אליין דעם נדר צוא באצאלען: (כד) מוצא שפתיך תשמור דיא זאלסט אפהיטען דיין מויל פון צוא רעדין דברים בטלים ועשית כאשר נדרת לה׳ אלהיך זאלסט מוען אזויא וויא דוא האסט געוואוערען צוא דיין גאט מיט דיין מויל ווען דיא ביסט גיוועזן אין דיין מוטערס בויך. אדער דיא כוונה איז אזוי ועשית דוא זאלסט בייא זיך מאכען דאס מויל כאשר נדרת גלייך וויא דיא וואלסט עס מנדר גיווען לה׳ אלהיך צו דיין גאט ער זאל זיין הייליג פון זיינעט וועגין. נדבה אשר דברת בפיך דיא בדארפסט ברענגינען אז גאט האט דיר גישענקט דעם כח הדיבור מער וויא בייא אלע ברואים. פאר וואס איז עס? ווייל אלע ברואים האבין ניט קיין שכל וויא אזוי צו האלטין חשוב דאס מויל. אבער דיא מענטש דיא בדארפסט מיט דיין שכל ברענגינען וויא טייער עס איז דאס רעדין. דאס איז אמשל צוא אמלך וואס ער האט ליעב גיהאט איינעם פון זיינע קנעכט. אונ האט איהם גיגעבין אטייערע חתיכה מער פון אלע קנעכט. אונ דער קנעכט גייט אונ שמיצט איהם איין וועט דאך דער מלך געווים ווערין אויף איהם זעהר פיעל אין כעס. אזוי דאס זעלבע דעם כח פון רעדין ווען השי״ת האט עס גיגעבין צום מענטש מער וויא פון אלע ברואים בדארף ער איהם זעהר זיין האלטען ניט איהם איינשמיצען מיט דברים בטלים. שקרים. ליצנות. חניפות. לשון הרע חלילה: (כה) כי תבא בכרם רעך ווען דיא קומסט אין דעם וויינגארטען פון דיין גיזעלין דאס מיינט מען דיא עולם הזה וואס זיא איז דער וויינגארטען פון השי״ת ואכלת ענבים זאלסטו עסין דיא וויינטרויבען כנפשך שבעך דיא זאלסט נאר עסין וויא פיעל דוא באדארפסט צוא דער האלטען אין דיר דיין נשמה. דוא זאלסט זיך זעטיגען פון וועגין כח צו האבין צוא לערנען אונ צוא טוען מצות ומעשים טובים. אבער ואל כליך לא תתן אונ אין דיין כלי דאס איז דער גוף זאלסטו ניט געבין. כלומר דיא זאלסט זיך ניט נאך געבין קיין תאוות אונ מותרות וואס דאס פאר לאנגט נאר דער גוף:

**כד** (ו) כי ימצא איש ווען עס וועט זיך געפינען דער מענטש. דאס איז דער יצר הרע כלומר ווען דיא מענטש ווילסט בקלערין דעם יצר הרע זאלכטו וויסען גנב נפש אז ער וויל דיין נשמה ביי דיר גנבינען מאחיו ער רעדט איין דעם מענש ער זאל זיך דערווייטערין פון זיינע ברידער דיא צדיקים אז דער נאך מבני ישראל

רער

דער ער איהם אן אז ער זאל זיך אפשיידען פון דעם גאנצען כלל ישראל. אונ ווען דער מענטש ברעכענט דאס והתעמר בו בדארף ער פעלשין אונ איהם אין דעם יצר הרע. איהם ניט צו הארכען. ומכרו ער זאל איהם פרקויפען כלומר דעם תענוג וואס דער יצר הרע רעד איהם איין דאס ער וועט האבען פון דיא עבירה. וואס באמת איז עס נאר אפאלשער תענוג. זאל ער עס פרקויפען אויף אמצוה וואס דער תענוג פון דיא מצוה איז ארוכמיגער תענוג בעולם הבא. דורך דעם ומת הגנב ההוא וועט אפ שטארבען דער דאזיגער גנב כלומר דיזער שלעכטער גידאנק וואס ער פרענגעבט זיך אין דיר ובערת הרע מקרבך אונ דיא וועסט אויס ראמען דאס שלעכטס פון דיר: (יד) לא תעשוק שכיר עני ואביון. דיא זאלסט ניט ברויבען דעם לוין פון דעם יצר טוב וואס ער איז איין ארומאן ער האט ניט קיין פערענונעס פאר צוא שטעלין דעם מענטשין בעולם הזה. זיין גאנצער פערגעניגען איז נאר בעולם הבא וואס דאס קען ער ניט ווייזען דעם מענטש בעולם הזה. זאלסטו מענטש זעהן איהם נישט צוא ברויבען זיין שכר נאר זאלסט זעהן צו טוען פיל מצות ומעשים טובים. דורך וואס קען זיין אז דיא זאלסט איהם ברויבען מאחיך ווען דיא וועסט זיך אפשיידען פון דיין בעהעפטונג דאס איז דיא קדושה וואס דיא בינסט אין דעם צוגעבונדען. או מגרך אדער דורך דעם פרעמדין איינוואוינער דאס איז דער יצר הרע וואס ער איז אפרעמדער ער בדארף ניט זיין באהעפט אין דיר. אונ ער וואהנט פארט אין דיר אשר בארצך וואס ער איז אין דיין נוף בשעריך וואס ער איז אין דיר אריין גיגאנגען באלד ווען דיא בינסט נאך געווען אין דיא מוטערין פון דיין מוטערס בויך: (טו) ביומו התן שכרו אונ יעדער טאג זאלסטו זעהען צו טוען מצות ומעשים טובים. דיא זאלסט איהם געבען זיין לוין. ולא תבא עליו השמש איידער עס גייט אונטער דיא זון דאס איז דיין לעבען. כי עני הוא ער איז דאך א ארומער מאן בעוה"ז אונ ווען דיא וועסט ניט זעהען איהם צו הארכען וואס ער רעד דיר אן צו פרדינען בעולם הזה וועסטו זיך ניט האבען בעולם הבא נאר ניט ואליו הוא נושא את נפשו אונ צו איהם צו דעם שכר פון עולם הבא טראגט ער דיא נשמה פון מענטש. דיא נשמה ווערט גישפייזט בעולם הבא פון דעם שכר פאר די תורה ומצות ומעשים טובים וואס דער מענטש טוט בעולם הזה. ולא יקרא עליך אל ה' וועט דיא נשמה פאר שפארין צו שרייען אונ צו רופען אויף דיר פאר גאט והי' בך חטא ווייל עס איז דא אין דיר עבירות. ווארום ווען דיא וועסט זיך אזו פירן וועט אין דיר ניט זיין קיין עבירה: (יז) לא תטה משפט גר יתום ע"פ רמז זאגט עס דער פסוק צו יעדער מענטש. דיא זאלסט דורך דיינע עבירות ניט אפ בייגען דעם דין פון דיא יודין וואס זייא זענען אין גלות גרים אונ שוואך וויא יתומים ולא תחבול אונ זאלסט ניט פאר דארבען בגד דאס קלייד. דאס מיינט מען דעם בית המקדש וואס ער איז אשיצונג אזו וויא אקלייד. אלמנה פון די שטאט ירושלים וואס זיא איז אין גלות גלייך וויא איין אלמנה. דאס מיינט מען מען זאל ניט טוען קיין עבירות וואס דורך דעם זאל זיין אויף געהאלטען דער בנין בית המקדש. אונ די גמרא זאגט אז דער וואס זיינע מעשים טובים זענען ניט גורם אז עס זאל אין זיין צייט אויף געבויעט ווערין דער בית המקדש איז עס גלייך וויא ער איז אין זיין צייט חרוב גיווארין: (יח) וזכרת כי עבד היית במצרים אונ דיא זאלסט זיך ניט מיאש זיין פון דיא גאולה אונ פון דעם בנין בית המקדש. ווארום דיא זאלסט זיך דער מאנען דאס דיא בינסט גיוועזן קנעכט

איז

אין מצרים ויפדך ה׳ אלהיך משם אונ דיין גאט האט דיר פון דארט אויס געלייזט. אזו וועט ער דיר פון גלות אויך אויס לייזען. על כן אנכי מצוך לעשות את הדבר הזה דריבער באפויל איך דיר דאס דיא זאלסט טוען דיא דאזיגע זאך. דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו דו גאולה אונ צום בנין בית המקדש במהרה בימינו אמן:

כה (יג) לא יהי׳ לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה עס זאל צוא דיר ניט זיין צווייא ערליי געוויכט אגרויסע אונ אקליינע. זאגט רש״י גדולה. כשמכחשת את הקטנה שלא יהא נוטל בגדולה ומחזיר בקטנה אגרויסע געוויכט מיינט מען ווען זיא לייקענט אפ דיא קליינע וואג. דאס ער זאל ניט נעמען מיט אגרויסע וואג אונ אומקערין מיט אקליינע וואג. איז דאס גאר ניט צוא פאר שטיין וואס רש״י מיינט מיט דעם. זאגט דער ספר כלי יקר אזוי איז די כוונה. ער טאר ניט האבען ביי זיך צווייא ערליי מאס אדער צווייא ערליי וואג אגרויסע אונ אקליינע. וואס דורך די גרויסע וועט ער קענין ביי זיך הלטען די קליינע. למשל ווען ער וועט ניט האבען אגרויסע. ער וועט נאר האבען אקליינע. אונ ער וועט מיט איהר וועגען תבואה וואס ער פאר קויפט. דער נאך ווען דיא קונים וועלען גיין אהיים אונ וועלען עס ביי זיך אין דער היים איבער וועגען אונ וועלען זעהען אז עס פעלט וועלען זייא דאך קומען אלע צוא איהם מיט טענות. דאס ער האט זייא גיגעבען אפאלשע וואג אדער אפאלשע מאס. וועט ער דאך זיי מוזען אפ געבען דאס וואס עס פעלט. ווארום ער וועט זיך ניט האבען מיט וואס צו פערענטפערין. ער וועט ניט קענין זאגען צו זייא אז מען האט ביי זיי אראפ גענומען. ווארום וויא קען עס זיין אז מען זאל ביי אלע גלייך אראפ נעמען. אבער ווען ער האט אגרויסע. וואג אדער אגרויסע מאס אויך. וועט ער עטליכע קונים פאר קויפען מיט דיא גרעסערע. אונ דיא איבעריגע מיט דיא קלענערע. אונ וועלען קומען שרייען אז עס פעלט זייא צוא דיא וואג וועט דאך קענין ענטפערין עס איז בייא אייך אראפ גענומען געווארין. והראי׳ קומט צו יענעם וואס איך האב איהם אויך פערקויפט וועט איהר זעהען אז עס איז ביי איהם דא ארוכטיגע וואג. נמצא אז דורך די גרויסע וואג אדער גרויסע מאס וועט ער קענין פאלשין אונ געבען אפאלשע וואג אונ אפאלשע מאס. דאס מיינט רש״י מיט די ווערטער גדולה ער זאל ניט האבען אגרויסע וואג אונ אגרויסע מאס כשמכחשת את הקטנה וואס דורך איהר וועט ער קענין אפ לייקענען דיא מענשין וואס זאגען אז ער האט זייא גיגעבען מיט דיא קליינע. שלא יהא נוטל בגדולה ער זאל ניט קענין נעמען אראי׳ פון דיא גרויסע ומחזיר אונ וועט דיא ראי׳ אומקערין בקטנה צוא דיא מענטשין וואס שרייען אז ער האט זייא גיגעבען אקליינע מאס:

כו (א) (והיה וגו׳) דער ילקוט אונ דער אלשיך הקדוש אונ דער ספר אור הגנוז אונ דער ס׳ אור פני משה טייטשין דיא פסוקים אזוי ע״פ רמז. והי׳ דאס װארט והיה געפונען מיר אין פסוק אז עס װערט גירעדט װעגין אזוי אזאך װאס עס איז אפרייליכע זאך. זאגט דער פסוק אזוי (והיה כי תבוא אל הארץ) עס בדארף זיין ביי דיר מענטש, אשמחה דאס װאס דוא װערסט באשאפין אונ קומסט בעולם הזה. אונ דער מענטש זאל ניט זאגין װאס טויג מיר דיא עולם הזה. מען הארעװעט אונ מען האט פיל עגמת נפש. זאלסטו דאס ניט זאגין. װארום דער סוף איז דאך ניט דיא עולם הזה. נאר, דער עיקר תכלית פון דעם מענטשינס לעבין איז נאר (אשר ה׳ אלהיך נתן לך נחלה) די ארב װאס גאט װעט דיר געבין נאך דעם טויט. דאס איז עולם הבא. אונ דאס קען מען אנדערש ניט זוכה זיין נאר דורך תורה אונ מצות ומעשים טובים. אונ דאס קען מען נאר טוען װען מען לעבט אויף עולם הזה. איבער דעם דארף דאס לעבין בעולם הזה זיין זייער טייער. נאר דו זאלסט זייען צו לערנין תורה אונ מקיים צו זיין איהרע מצות פון װעגין (וירשתה וישבת בה) דוא זאלסט עולם הבא ירשינען אונ זאלסט זיך אין איהר באזעצין נאך דיין טויט. אונ זאלסט ניט בדארפין חלילה נאך אמאל מגולגל װערין בעולם הזה: (ב) (ולקחת מראשית כל פרי האדמה) אונ װען דוא לעבסט מענסטו נעמין פון אלע בעסטע פרוכט פון דיא ערד אונ עסין. נאר ניט צו גזלינען אדער צו גנבינען. נאר (אשר תביא מארצך) װאס דוא װעסט אליין ארויס ברענגין פון דיין ערד. אדער דאס װאס דוא ברענגסט דורך דיין גוף. װאס װערט גירופען ארץ װייל ער איז דאך פון ערד. דאס מיינט מען דאס װאס דוא פארדינסט מיט דיינע הענד. אונ אויך זאלסטו ניט זאגין אז דאס האסטו זיך זעלבסט פארזאמילט. גיין. נאר (אשר ה׳ אלהיך נתן לך) דוא דארפסט װיסען אז דיין גאט האט עס דיר גיגעבין. (ושמת בטנא) אונ מענסט דיא פרוכט אריין טוען אין קארב אריין דאס מיינט מען אין בויך צו עסין. נאר דיא כונה זאל ניט חלילה זיין פון װעגין דעם גוף מהנה צו זיין. נאר פון װעגין (והלכת אל המקום אשר יבחר ה׳ אלהיך לשכן שמו שם) דוא זאלסט האבין כח צו גיין לערנין אין בית המדרש װאס גאט טוהט דארט אויסקלויבין צו מאכין רוען זיין נאמין אזוי װיא דיא גמרא זאגט (אין לו להקב״ה אלא ד׳ אמות של הלכה) אז השי״ הלט זיך נאר אין דיא ערטער װאס מען לערינט. אונ נאך קען מען טייטשין. (ולקחת) דו זאלסט זייען װען דוא װעסט דארפין אװעק גיין פון עולם הזה זאלסטו האבין מיט זיך װאס מיט צו נעמין. היינו תורה אונ מצות ומעשים טובים. װאס זיי װערין גירופין דיא פרוכט פון עולם הזה. אונ איבער דעם שטייט (מראשית) פון אנפאנגס. דאס איז װען דער מענטש װיל לערנין תורה אונ טוען מצות זאגט צו איהם דער יצר הרע. דוא װעסט דען קענין אויסלערנין אזוי אגרויסע תורה. אונ װעסט דען קענין מקיים זיין דיא אלע מצות. היינט װאס טויג עס דיר װאס פרויװסטו זיך צו נעמין צו דעם. זאגט דער פסוק איין עצה. מראשית. נעם נאר אן ביים אנפאנגס. אונ װען דוא װעסט נאר אנהויבין פעסט װעט דיר שוין השי״ת העלפין פון דעם יצר הרע. אונ דיר זאל ניט הארין װאס דו װעסט ניט קענין קאנטשין. װארום דוא ביסט ניט מחויב צו קאנטשין. װיא פיל דוא קענסט טוא. (ושמת בטנא) אונ זאלסט עס נעמין אונ אריין טוען אין אכלי. דאס מיינט מען אין נפש אריין. (והלכת) אונ דוא װעסט מיט דעם גיין פון עולם הזה (אל המקום וגו׳) צו דעם ארט װאס גאט ברוך הוא האט עס אויס געקליבען צו מאכין רוען דארט זיין נאמין דאס איז

דער

דער בית המקדש פון הימעל : (ג) (ובאת אל הכהן אשר יהי׳ בימים ההם) אונ דוא וועסט מיט דעם קומען צום כהן , דאס מיינט מען דעם מלאך מיכאל וואס ער איז מקריב צו השי״ת דיא תפלות אונ דיא מצות פון דיא ישראל . (ואמרת אליו הגדתי היום לה׳ אלהיך) אונ זאלסט צו איהם אזוי זאגין . איך טוא זאגין איין לויב צו דיין גאט . אונ ער זאגט ניט (לה׳ אלהי) צו מיין גאט . ווארום טאמער איז ער ניט פון דיא צדיקים דאס ער זאל ראוי זיין צו רופין דעם השי״ת אויף זיך אז ער איז זיין גאט . איך דאנק אונ לויב איהם וואס איך בין אהער געקומען (אל) דורך (הארץ אשר נשבע ה׳ לאבתינו לתת לנו) דעם לאנד וואס גאט האט גישווארין צו אונזערע עלטערין דאס ער וועט עס צו אונז געבין . אזוי וויא ספרים שרייבין אז דיא נשמה נאך דעם טויט פון מענטש איז זיא עולה בעולם הבא דורך ארץ ישראל : (ד) (ולקח הכהן הטנא מידך) אונ דער מלאך מיכאל וועט עס נעמין פון דיר (והניחו לפני מזבח ה׳ אלהיך) אונ ער וועט עס לעגין פאר דעם מזבח של מעלה וואס ער איז פאר גאט : (ה) (וענית וגו׳) אונ ווען דוא זעהסט אז דיינע מצות ליגט אויף דעם מזבח וועסטו געוויס זיך פיל מצער זיין פאר וואס דוא האסט ניט פיל תורה גילערינט אונ פיל מצות גיטוען וואלט עס אין גאנצין גיוועז אקרבן . איבער דעם (וענית) זאלסטו זיין אונטער טעניג (ואמרת) אונ זאלסט זאגין (לפני ה׳ אלהיך) פאר דיין גאט , זאלסט זיך פאר איהם פארענטפערין . (ארמי אבד אבי) דער יצר הרע וואס ער איז איין רמאי אשווינדלער האט גימאכט מיין פאטער אויך ער זאל זיין אפארלארינער אונ מכל שכן מיר . (וירד מצרימה) אונ תיכף ווען איך בין געבארין גיווארין , איך בין נאר עטוואס ארויס גיגאנגען פון דעם איינגעשאפט פון מיין מוטערס בויך . איז ער שוין אין מיר אריין געגידערט (מצרימה איז דער טייטש ענגשאפט . אזוי ווי עס שטייט מן המיצר קראתי) . (ויגר שם) אונ אין אנפאנגם ווען ער פלעגט צו מיר קומען אנרעדין ניט צו לערנין האט ער זיך גימאכט גלייך וויא ער קומט נאר וואהנען אויף איין קליינע צייט. כלומר איך זאל איהם נאר דאס מאל צו הערין (במתי מעט) מיט ווייניג מענטשין כלומר מיט ווייניג אנרעדונג אנצורעדין . נאר ביסליך וויים (ויהי שם לגוי גדול עצום ורב) איז ער גיווארין צו אגרויס פאלק שטארק אונ פיל . כלומר ער האט זיך באזעצט שטארק אונ פערט : (ו) (וירעו אותנו המצרים) אונ דיא מלאכי חבלה וואס ווערין בשאפין פון דיא זינד , וואס ווערין גרופין מצרים ענגמאכערס, האבין אונז , מיר מיט דיא נשמה מיט אלע אברים, שלעכטס גטוען ; (ויענונו) אונ זיי האבין אונז גורם גיוועזן אז מיר זאלין ווערין גיפייניגט מיט יסורים . (ויתנו עלינו עבודה קשה) אונ זייא האבין אויף אונז גיגעבין שווערע ארבייט . ווען מיר האבין זיך בארעכינט אונ מיר האבין אנגעהויבין צו ווילין חוזר בתשובה זיין איז עס גיוועזן זייער שווער : (ז) (ונצעק אל ה׳ אלהי אבתינו) אונ מיר האבין צו דיר גאט דער גאט פון אונזערע עלטערין געשריגען אז דוא זאלסט מיר העלפין פון דעם יצר הרע מיט זיין קאמפאניע (וישמע ה׳ את קלנו) אונ גאט האט צו גיהערט אונזער קול (וירא את ענינו) אונ האט זיך איינגעקוקט אונ אונזערע יסורים (ואת עמלנו) אונ אונזערע מאטערניש וועגין פרנסה , אונ צו דעם (ואת לחצנו) אונזער דריקונג וואס דער יצר הרע דריקט אונז . דא רעדט ער אן צו טוען שלעכטס . אונ דער נאך גייט ער אונ מאסערט : (ח) (ויוציאנו ה׳ ממצרים) אונ גאט האט אונז (מיר מיט דיא נשמה מיט אלע אברים) אויס געצויגען פון דעם ענגשאפט פון דעם יצר הרע . (ביד חזקה) מיט זיינע שטארקע האנד דאס מיינט מען יסורים . (ובזרוע

נטויה

נטויה) אונ מיר האָבּין זיך בּאַרעכינט פון זיין אויס גישטרעקטין אָרעם (ובמרא גדול) האָבּן מיר גקראָגין גרויס פאָרכט. (ובאתות ובמפתים) אונ מיר האָבּין זיך דערמאָנט אין די צייכינס אונ אין די וואונדער פון גדלות הבורא, דורך די אַלע זאַכן האָבּ איך זיך גינומען צו תשובה צו טאָן.

(ט) ויבאנו אונ השי"ת האָט מיר גיהאָלפֿן זיך צו בּריינגען אין דיזעס אָרט. (ויתן לנו את הארץ הזאת) אונ האָט אונז גיגעבּין דם לאַנד עולם הבא (ארץ זבת חלב ודבש). ווס דאָס איז איין אָרט וואָס פון דעם אָרט רינט מילך אונ האָניג דאָס מיינט מען דר שׂכר פון די תורה הקדושה וואָס זיא ווערט גירופין חלב אונ דבש׳ (י) (ועתה) אונ אַצונד ווען אויך השי"ת האָט עם מיר גיגעבּין דעם כח צו שטאַרקין זיך איבּער דעם יצר הרע. פון דעסט וועגין (הנה הבאתי) האָבּ איך נאָר גיבּראַכט (את ראשית פרי האדמה) דאס אָנפאַנגס פון די מצות. ניט זעהר פיהל. אונ אויך דם בּיסעל איז ניט פון מיר נאָר (אשר נתת לי ה׳) ווס דוא גאָט האָסט עס מיר גיגעבּין. פון דעסט וועגין זאָגט דער פּסוק (והנחתו לפני ה׳ אלהיך) ווי פיל תורה אונ מצות דו האָסט גיבּראַכט זאָלסטו עס לייגען פאַר השי״ (והשתחוית לפני ה׳ אלהיך) אונ זאָלסט זיך פאַר איהם בּוקען אונ איהם דאַנקען פאַר דעם:

(יא) (ושמחת בכל הטוב) אונ דו וועסט זיך פרייען מיט דעם בּיסעל תורה אונ מצות גלייך ווי עם וואָלט גיוועזן פיל גוטס (אשר נתן לך ה׳ אלהיך ולביתך) ווס גאָט שענקט עס דיר אַוועק. אונ דער זכות וועט בּיישטיין צו דיין הויזגעזינד אויך. (אתה) דוא דאָס מיינט מען דיא נשמה. (והלוי) דאָס מיינט מען דעם גוף וואָס ער איז באַהעפט צו דיא נשמה (והגר אשר בקרבך) אונ דער יצר הרע וועט מודה האָבּען פאַר דעם שכר אַזוי ווי עס ווערט געבּראַכט דער משל מיט דעם בּן מלך מיט די זונה: (ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן) פאַר פלוכט זאָל זיין דער וואָס וועט ניט מקיים זיין די רייד פון די תורה זיי צו טאָן. אונ דאָס גאַנצע פאָלק זאָלין ענטפערין אמן. איז קשה וואָס שטייט עפּיס טאָפּיל (יקום) מקיים צו זיין (לעשות) צו טאָן עס האָט דאָך גיקענט נאָר שטיין (יקום). זאָגט דער ספר אור החיים אַזוי. וואָרום מיר גיפינען דאָך פיל מצות וואָס ניט יעדער מענטש קען עס מקיים זיין. למשל ווער עס האָט ניט קיין פעלד קען ער ניט מקיים זיין די מצות פון פעלד. נאָר גאָט בּרוך הוא רעכינט די גוטע מחשבה ווס דער מענטש טראַכט אונ ווינשט זיך ער זאָל קענען מקיים זיין אַלע מצות. איז דם גלייך ווי ער איז מקיים דיא מצות. איבּער דעם קען ניט שטיין (אשר לא יקום) אַליין וואָרום עס וואָלט גיוועזן דער טייטש דער וואָס וועט ניט מקיים זיין. נמצא חלילה זיינען פיל מענטשין. וואָס ווילען גערן מקיים זיין נאָר זייא האָבּין ניט מיט וואָס מקיים צו זיין. פאַרפלוכט. איבּער דעם זאָגט דער פּסוק אשר לא יקום וגו׳ לעשות אותם וגו׳: איז דיא כוונה אַזוי. פאַרפלוכט זאָל זיין דער מענטש וואָס וועט זיך ניט וועלין אונטער נעמען מקיים צו זיין צו טאָן דיא אַלע מצות. אָבּער דעם וואָס וויל מקיים זיין נאָר ער קען ניט. וועט איהם נאָך גאָט בּרוך הוא רעכינען ווייא ער וואָלט זיי מקיים גיוועזן:

כח (א) והיה אם שמוע ווען דוא הערסט דיא מצות פון דיא תורה זאָלסטו עס ניט צו הערין פון וועגין דעם ווייל עס איז דאָ פאַר דעם שכר ווען מען טוהט זייא. אונ ווען ניט ווערט מען געשטראָפט. נאָר (תשמע בקול ה׳ אלהיך) זאָלסט הערין ווייל דאָס איז דורך דעם קול פון גאָט ברוך הוא. איבּער דעם סיי ער פירט זיך מיט

דיר

דיר מיט מדת הרחמים וואס דאס איז ה׳. אונ ווי ער פירט זיך מיט דיר מיט מדת הדין וואס דאס איז אלהיך. באדארפסטו אלס צו איהם צו הערין. (לשמר) זיך צו היטען ניט צו טוען וואס ער האט באפוילין מען זאל ניט טוען. אונ (לעשות את כל מצותיו) אונ צו טוען אלע זיינע באפויל. (אשר אנכי מצוך היום) וואס איך געביט עס דיר היינטיגין טאג. ווארום דער מענטש דארף רעכינען וויא דיא תורה איז יעצט דעם טאג גיגעבין גיווארין. (ונתנך ה׳ אלהיך עליון על כל גויי הארץ) איבער דעם וועט דיר גאט געבין דו וועסט זיין העכער איבער אלע פעלקער פון לאנד: (ב) (ובאו עליך כל הברכות האלה) אונ דיא אלע ברכות וועלין אויף דיר קומען. אונ אמאל טרעפט זיך אזוי אמענטש וואס ער וויל גאר ניט האלטין אויף זיך דיא ברכות. אדער פון וויניג שכל. אדער ער האלט זיך זעהר אעניו. דאס ער איז ניט ראוי. זאגט דער פסוק (והשיגוך) דיא ברכות וועלין דיר אליין גרעכין. זייא וועלין נאך דיר נאך יאגין דוא זאלסט ווערין מיט זייא גיבענטשט. אונ דאס וועט אלס זיין (כי תשמע בקול ה׳ אלהיך) ווען דוא וועסט טוען דיא מצות ווייל דוא הערסט דעם קול פון גאט ברוך הוא ניט מחמת עונש אדער שכר: (ו) (ברוך ונו׳) דער מדרש זאגט אזוי אויף דעם פסוק. (ברוך אתה בבאך בפרקמטיא שלך). גיבענטשט וועסטו זיין אין דיין קומען מיט דיין סחורה. (וברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך) אונ גיבענטשט וועסטו זיין ווען דוא וועסט ארויס גיין מיט דיין סחורה. אונ דוד המלך איז דאס מפורש אין (תהלים קכ״א ח׳) (ה׳ ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם) גאט וועט היטעו דיין ארויס גייען אונ דיין אריין קומען פון יעצט אן ביז אייביג. איז דאך דער מדרש ניט צו פארשטיין. קען מען אזוי זאגין. ווארום דער ס׳ אלשיך הקדוש ברענגט אין פרשה נשא. אז דיא נשמה ווערט אריין גיגעבן אין מענטש איידער ער ווערט גיבארין. פון וועגין דעם. ווייל דער יצר הרע קומט צום מענטש תיכף וויא ער ווערט גיבארין. דאס איז דרייצען יאהר פריער וויא דער יצר טוב קומט. ווארום דער יצר טוב קומט יעצט צו דרייצען יאהר. נמצא איז דאך שוין דער יצר הרע באמאלט אתושב ביי דעם מענטש וועט דאך זיין צום מענטש זעהר שווער דעם יצר הרע איינצונעמין. איבער דעם קומט דיא נשמה צום מענטש איידער ער ווערט גיבארין. פון וועגין דיא נשמה זאל האבין אכח אויף דעם מענטש פריער פאר דעם יצר הרע. אזוי ווי דער דין איז (כל הקודם בו זכה) דער וואס פאדערט זיך אונ נעמט דיא זאך איז ער זוכה. אונ מיר האבין שוין פיל מאל גשריבען פון ספרים אז דער מענטש ווען ער איז ניט מתקן אלץ וואס ער דארף מתקן זיין אין דעם ערשטין מאל ווען ער איז אויף דיא וועלט. מוז ער נאך זיין טויט נאך אמאל מגולגל ווערין בעולם הזה. אונ אמאל קען הלילה זיין צום דריטין מאל מגולגל צו ווערין. אונ אנדערע ספרים שרייבין אז עס קען חלילה זיין ביז טויזענד מאל ביז ער וועט אלץ מתקן זיין. דאס איז די כונה וואס דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק. (ברוך אתה בבואך בפרקמטיא שלך). דאס מיינט מען גיבענטשט וועסטו זיין מיט דיין קומען אויף דיא וועלט. מיט דיין טייערע סחורה. דאס איז דיא נשמה הקדושה. זיא קומט דאך צו דיר פריער וויא דער יצר הרע. איבער דעם (וברוך אתה בצאתך) וועסטו זיין גיבענטשט מיט פיל תורה אונ מצות ומעשים טובים ווען דוא וועסט ארויס גיין פון דיא וועלט. זאגט ווייטער דער מדר״ש. דוד המלך איז מפורש וואס דער סוף איז פון מענטש ווען ער איז ניט מתקן אלץ אונ ער באזארגט ניט אויף דעם סוף אז ער זאל אוועק גיין פון דיא וועלט מיט אסך

תורה

תורה ומצות. (ה' ישמר צאתך) גאט ברוך הוא טוהט ווארטין אויף דיין ארויס גייען פון דיא וועלט. פון וועגין אז דער יום המיתה זאל אויף דיר מכפר זיין. (ובאך) אונ דוא וועסט באדארפין נאך אמאל קומין בעולם הזה מתקן צו זיין. (מעתה ועד עולם) אונ עס קען חלילה זיין אזוי ביז אייביג ווען דוא וועסט ניט מתקן זיין וועסטו באדארפין חלילה פיל מאל מגולגל צו ווערין. איבער דעם באדארף מען זעהן צו לערנין פיל תורה אונ צו טוען פיל מצות ומעשים טובים. דאמאלס: (ז) (יתן ה' את אויביך וגו') וועט גאט געבין אז דיינע פיינד, דס מיינט מען די סייעתא פון דעם יצר הרע. וואס שטעהן אויף אויף דיר וועלן גימארדעט ווערין (בדרך אחד יצאו אליך) מיט איין וועג פון שלעכטס גייען זייא ארויס צו דיר איבער צו רעדין דיר. אבער (ובשבעה דרכים) אונ מיט זיבען וועגין דאס מיינט מען מיט דיא זיבען חלקים פון דיא תורה. (ווארום דער ספר במדבר איז גירעכינט וויא דרייא ספרים ווייל אין סדרה בהעלותך (פרשה י' פסוק ל"ה) פאר דעם פסוק ויהי בנסע הארן וגו' אונ נאך איהם שטייט אין דיא תורה צייכינס. דאס ווייזט אז דער פסוק ויהי בנסע וגו. באדארף דארט ניט צו שטיין. אונ איבער דעם איז דאס אהפסק ווערט עס גירעכינט גלייך וויא דרייא ספרים). (ינוסו לפניך) וועלין זייא דיא סייעתא פון יצר הרע פאר דיר אנטלויפין: (ח) (יצו ה' אתך את הברכה) גאט ברוך הוא וועט באפיילין אז דאס בענטשונג זאל מיט דיר זיין (באסמיך) אין דיין באהאלטין ארט. דאס איז בעולם הבא. דארט וועסטו דערהאלטין דיין גאנצין שכר וואס דיר קומט (ובכל משלח ידך) דורך דיא מצות. ווען אויך דוא האסט נאר דיינע הענד אויסגישטרעקט זייא צו טוען, אונ דאס איבריגס האט דיר גאט ברוך הוא געהאלפין. פון דעסט וועגין וועסטו האבין פיל שכר. (וברכך) אונ ער וועט דיר אויך בענטשין. (בארץ) ווען דוא לעבסט נאך בעולם הזה. אונ זאלסט ניט זארגין אז עס וועט דיר ווערין אפגירעכינט פון דעם שכר פון עולם הבא. ווארום (אשר ה' אלהיך נותן לך) דיין גאט וועט דיר דיא טובות עולם הזה שענקין: (יב) (יפתח ה' לך את אוצרו הטוב) גאט וועט צו דיר מענטש עפינען זיין אוצר וואס ער איז פיל מיט גוטס (את השמים) דורך די נשמה (נשמה בעטרעפט דרייא הונדערט פינף אונ ניינציג, אונ השמים בעטרעפט אויך אזוי) (אויך איז דאך דיא נשמה פון הימעל) (לתת מטר ארצך בעתו) דיר צו געבין דאס שפייזינג וועגין דיין גוף (וואס ווערט גרופין ארץ ווייל ער איז פון ערד) אין זיין צייט. אונ דוא מענטש זאלסט ניט פרעגין. אז איך וועל זיך פאר נעמין דיא צייט נאר מיט לערנין ווען וועל איך האבין צייט צו פארדינען, זאג איך דיר (ולברך את כל מעשה ידך) ער וועט דיר בענטשין אלע טועכץ פון דיינע הענד. ווען אויך דוא וועסט נאר עטוואס טוען אין עסק וועט ער שוין שיקען זיין ברכה. אונ דוא וועסט נאך האבען איבריגס אז (והלוית גוים רבים) דוא וועסט נאך אוועק בארגין געלד צו פרעמדע. (ואתה לא תלוה) אונ דוא וועסט ניט דארפין בארגין: (כט) (והיית וגו') דער איר פני משה טייטשט דעם פסוק ע"פ רמז אזוי. דיא גמרא זאגט (כיון שעברו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא) ווען עס גייט פארבייא ביים מענטש זיינע מיינסטע יאהרין אן זינד וועט ער שוין ווייטער דיא איבריגע יאהרין אויך ניט זינדיגען. זאגט דארט דער מהרש"א אז דאס איינגע איז ווען ביים מענטש גייט פארבייא זיינע מיינסטע יאהרין מיט זינד, ווערט שוין פון איהם פארמיטין דיא וועגין פון תשובה צו טוען, אונ עס איז זייער שווער תשובה צו טוען. אונ דאס איז די כונה אין פסוק (תהלים צ' ו') (בבקר יציץ) דער מענטש באדארף

זיין

זעהן אז תיכף פריא מארגין דאס מיינט מען אין דיא יונגע יאהרין זאל ער מאכין
שפראצין זיינע פרוכט. דאס זיינען די מצות. ווארום (וחלף) ווען דער מענטש וועט
חלילה לאזין עס זאל פאר ביא געהן די יונגע יאהרן אונ וועט ווארטין (לערב) צו נאכט דאס
מיינט מען צו דר עלטער. זאל ער וויסן אז ימולל ויבש עס וועט שוין ווערין די עלטערי יארין
זיינע צוריבין אונ ער וועט בלייבין טרוקען אן תשובה. דם זעלבע זאגט דא דער פסוק (והיית
ממשש בצהרים) ווען די מענטש וועסט טאפין אין מיטען טאג. דאס מיינט מען אין דיינע
מיטעלע יאהרין וועסטו נאך אלץ טאפין (כאשר ימשש העור באפלה) אזוי וויא דער בלינדער
טאפט אין די פינסטערניש ווארום ווען ער טאפט אין די ליכטיגע צייט זעהן איהם אנדערע
מענטשין פירען זייא איהם ארוים אויף דעם וועג. אבער ווען ער טאפט אין די פינסטערניש
זעהט דאך קיינער ניט אזוי וועסטו אויך גיין מיט פארבלענדטע אויגין אין די פינסטערניש אונ
וועסט אלץ ניט טאן קיין תשובה. אונ ווען אנדערע מענטשין וועלין דיר וועלין מאכין פירען
אין גוטען וועג וועסטו זייא אויך ניט הערין (ולא תצליח את דרכיך). אונ דוא וועסט ניט
זעהן צו בעגליקען דיינע וועגין צום גוטען. זאלסטו וויסען אז דער סוף וועט זיין (והיית אך
עשוק וגזול כל הימים) דוא וועסט שוין זיין גערויבט אונ גגזילת דורך די סייעתא פון יצר הרע
אלע טעג. (ואין מושיע) אונ עס וועט דיר שוין קיינער ניט העלפין צו טאן תשובה: (ל) (אשה
וגו') דער פסוק זאגט צום מענטש זעה נאר וויא בלינד דו ביסט (אשה) אווייב דאס מיינט
מען די נשמה (תארש) דארפסטו פארלאבן צו נעמן צו דיר פאר אווייב דו זאלסט מיט איהר
וואהנען אונ איהר צו געבען אלע זאכין וואס עס געהער צו איהר. אונ דוא מיט דיינע זינד
ביסטו גורם אז (ואיש אחר ישגלנה) זיא זאל מגולגל ווערין אין איין אנדערין גוף. אונ דער
אנדערער גוף זאל איהר נעמען צו זיך פאר אווייב. (בית תבנה) דו האסט אבירה צו בויען
פיר זיך אשטוב אין גן עדן. אונ צום סוף (ולא תשב בו) וועסטו אפילו ניט האבין דארט קיין
ארט זיך אנידער צוא זעצין. איבער דעם זאלסטו זעהן (כרם תטע) אווייגארטין פון
תורה אונ מצות ומעשים טובים זאלסטו פארפלאנצין. (ולא תחללנו) אונ זאלסט איהם
חלילה ניט פארשווערין מיט מעשים רעים: (לז) (והיית לשמה) ווען עס וועט אויף
אייך קומען ווידר פיל צרות אז דוא דער (כלל ישראל) וועסט זיין צו וויסט. זאג
איך דיר (למשל) זאלסט זיך נעמין צו דיא תורה לערנען וואס זיא ווערט גירופין משל
הקדמוני. (ולשנינה) אונ זאלסט איהר לערנען. (בכל העמים אשר ינהגך) אין גלות
ווען ער השי"ת וועט דיר אוועק פירין אונ זאלסט ניט זאגין וואס וועט עס מיר העלפין.
גיין דארפסט וויסען אז (ה' שמה) גאט איז דארט מיט דיר אין גלות: (מא) (בנים וגו')
ספרים שרייבין אז די מצות וואס דער מענש טוהט ווערין גערופין זיינע קינדער. אונ
ווען ער טוהט די מצות פון גאוה וועגין אדער פון כבוד וועגין זאגין דיא ספרים
אז די מלאכי חבלה האפין אוועק דיא מצות אונ זיי ווערין דורך זיי גישטארקט. דאס
זאגט דער פסוק (בנים ובנות תוליד) בנים מיינט מען מצות עשה וואס מען דארף
זייא צו טאהן, בנות מיינט מען דיא מצות לא תעשה וואס מען דארף ניט צוא טאהן
ווען אויך דוא וועסט טאהן מצות. אדער דוא וועסט מהדש זיין הידושים אין דיא
תורה וואס דאס ווערט אויך גירופין קינדער קען חלילה זיין אז. ולא יהיו לך זייא
וועלין ניט בלייבין ביי דיר (כי ילכו בשבי) זיי וועלין נאך חלילה גיין אין גיפענגעניש
צו די מלאכי חבלה: (מב) (כל עצך) דיינע אלע בוימער. דאס איז די הדושי תורה

וואס

וואס זיא ווערט גערופין עץ היים (ופרי אדמתך) אונ דיא פרוכט פון דיין ערד דאס איז דיא מצות פון דיין גוף (יירש הצלצל) ווערט עס דער היישעריק מאכין ארום, כלומר דער יצר הרע מישט זיך אריין אונ רעד דיר אן צו לערנין תורה אונ צו טוען מצות פון כבוד וועגין אדער פון גאוה וועגין. דאמאלס גייט חלילה אוועק דיא חידושי תורה דיינע מיט דיינע מצות אין די הענד פון מלאכי חבלה: (מג) (הגר) דער יצר הרע וואס ער מאכט זיך פון אנהייב צו דיר גלייך וויא אפרעמדער וואס ער וויל ביא דיר האלטען סמאנציגע אויף אקליינע צייט. (אשר בקרבך) זאלסט אבער וויסען אז ווען דוא לאזט איהם נאר אריין צו דיר איז ער שוין אין דיר. (יעלה עליך מעלה מעלה) ער וועט זיך אויף דיר דערהייבין אלע מאהל העכער אונ העכער. (ואתה תרד מטה מטה) אונ דורך דעם וועסטו נידערין אין גיהנם אריין זייער אין דעם נידערגסטין ארט אין גיהנם: איבער דעם בדארף מען זעהן זיך זעהר צו היטען פון דעם יצר הרע מען זאל איהם גאר ניט אנהייבין אריין לאזין צו זיך: (סז) (בבקר וגו׳) דיא רשעים ווען זיי קומען צום יום הדין בעטין זיא זיך מען זאל זייא געבין פון עס נייעס צו לעבין בעולם הזה וועלין זיי שוין בעסער זיין. זאגט דער פסוק (בבקר) ווען דוא וועסט קומין בעולם הבא וואס זיא ווערט גערופין בקר אונ מען וועט דיר אנהייבין צו משפטין. (תאמר מי יתן ערב) וועסטו זאגין ווער זאל מיר געבין נאך אמאהל עולם הזה וואס ווערט גירופין ערב. דאס טויג ניט. נאר (בערב) ווען דו ביסט בעולם הזה (תאמר) זאלסטו זאגין (מי יתן) ווער וואלט מיר געבין עפיס מצות ומעשים טובים עפיס לערנין. פון וועגין איך זאל האבין מיט זיך וואס מיט צו נעמין לעולם הבא וואס זיא ווערט גרופין (בקר) איז דער פסוק מפורש. פאר וואס זאגט מען עס דארט בעולם הבא ביים יום הדין, אז מען וויל נאך אמאל לעבין בעולם הזה, ווארום (מפחד לבבך אשר תראה) פון דיא שרעק וואס דיין הארץ שרעקט פיר דעם גיהנם וואס דוא זעהסט ער איז אפען אנטקעגין דיר. דאס טויג ניט, נאר ווען דוא לעבסט דאס ערשטע מאהל בעולם הזה באדארפסטו זעהן צו באווארנין אויף עולם הבא, אונ אויך ניט פון מורא פון גיהנם. נאר (וממראה עיניך אשר תראה) וועגין דעם זעהונג וואס דוא זעהסט מיט דיינע אויגין פון גדלות הבורא נאר דורך דעם אליין דארפסטו צו לערנין דיא תורה אונ צו טוען זיינע מצות ומעשים טובים: (סח) (והשיבך וגו׳) אונ ווען דוא וועסט זיך ניט באווארנין תיכף אין דעם ערשטין מאהל ווען דוא ביסט אויף דיא וועלט צו מתקן זיין אלס (והשיבך ה׳ מצרים) וועט גאט צוריק קערין דיין נשמה אין ענגשאפט פון דיא מוטערס בויך, דוא וועסט בעדארפין נאך אמאל מגולגל ווערין (באניות) אין שיפין, דאס מיינט מען אין גופים, ווארום עס קען דאך חלילה זיין אז דוא וועסט נאך עטליכע מאל מגולגל ווערין חלילה. (בדרך אשר אמרתי לך) ווען דוא וואלסט אבער באלד צום ערשטין מאל גיין אין דעם וועג וואס איך האב דיר פאר זאגט ווען דוא ביסט גיבוירין גווארין, אונ מען האט דיר געשווארין אז דוא זאלסט זיין אצדיק אונ נישט ארשע. ווען עס וואלט אזוי גיוועזין. (לא תוסיף עוד לראותה) וואלסטו ניט גימעהרט איהר דיא עולם הזה צו זעהן. נאר וואלסט גלייך געבליבען בעולם הבא אין גן עדן. נאר וויל דוא האסט אבער ניט גיפאלגט, איבער דעם (והתמכרתם שם) וועלין דיינע גופים פון דיא עטליכע גלגולים ווערין פאר קויפט (לאויביך) צו דיינע פיינד, צום יצר הרע מיט זיינע סייעתא (לעבדים ולשפחות) צו קנעכטין אונ צו דינסטען זייא וועלין דיר אנרעדין צו ארהייזין נאר פון עולם הזה וועגין. הייסט דאך דאס דוא ביסט זייערע

אונ דאס איז אַלְץ ואין קונה ווייל דוא האסט ניט נידיינקט אונ נאט ברוך הוא וואס ער ווערט אן גערופען קונה שמים וארץ. ער איז דער באשעפער פון הימעל אונ ערד ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן. פאר פלוכט זאל ווערען דער וואס וועט ניט מקיים זיין די תורה הקדושה. אונ דאס גאנצע פאלק זאל ענטפערין אמן. פאר וואס שטעהט יקום מקיים צו זיין אונ לעשות צו טאהן. עס האט דאך גיקענט שטעהן נור יקום אליין. אמר הספר הקדוש אור החיים כי יש איזה מצות וואס א מענטש קען זייא ניט מקיים זיין למשל אפעלד אונ אז ער האט גיט קיין פעלד קאן ער ניט מקיים זיין די מצות פון פעלד רק שהשי"ת יחשוב לו מחשבה כמעשה. וכשרוצה לעשות מצוה שא"א לו נחשב לו כאלו עשאה רעכענט איהם הקב"ה גלייך וויא ער האט זיא געטאהן:

**אתם** נצבים וכו' דער אלשיך הק' פרעגט פאר וואס שטייט ניט וידבר אדער ויאמר אזויא וויא אין אנדערע פרשיות שטייט. לכן זאגט דער אלשיך אז דאס גייט אין איינעם מיט פריערדיגער סדרה. ויקרא משה אל כל ישראל וכו' ותבואו אל המקום הזה ושמרתם את דברי הברית הזאת משה רבינו קומט זייא זאגין דער אובערשטער האט אייך גיטאן אזו פיל נסים ונפלאות אונ איר האט זיך ניט גינומען אין זינען דיא אלע זאכין. ותבואו אל המקום הזה הייגט אז איר זייט גיקומען אהער האב איך אייך אוף גירופין אלעמען כדי ושמרתם את דברי הברית הזאת וכו' אונ דאס וואס אתם נצבים היום כולכם וכו' איז דאס כדי לעברך בברית ה' וכו' ניט וויא אלע מאהל פלעג איך אפ געבין כבוד דיא נשיאים צו לערנען מיט זייא פריער אונ דער נאך מיט אלע אידין אזו ווי רש"י שרייבט אין פ' מטות נאר איצט זייט איר אלע פאר גב"ה וואס ער איז מיט אייך כורת ברית אונ פאר עם זיינען אלע גלייך אונ אפט איז פאר קערט וויא עם ווייזט אוס פאר מענטשין אזו וויא דיא נכרא זאגט עולם הפוך ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה דארטין איז פאר קערט וויא בא אונז דיא וואס זעהען בא אונז אוס אז זייא זיינען גיהויבען זייען זייא דארטין נידעריג אונ דיא וואס זעהען בא אונז נידעריג זיינען דארטין גיהויבין. מיט דעם קען מען טייטשין דעם פסוק קטון וגדול הוא שם ועבד חפשי מאדוניו דאס איז טייטש דער מענטש וואס ווייזט בא אונז אוים קליין איז גלייך מיט דעם וואס ווייזט אונז אוים גרוים נאך מער ועבד חפשי מאדוניו דער קנעכט איז דארטין פרייער פאר דעם האר. אוך זאגט אונז דער פסוק כי האדם יראה לעינים וה' יראה ללבב דאס איז טייטש דער מענטש קען מער ניט וויסין נאר וואס ער זעהט מיט דיא אויגען אבער דער בורא זעהט דיא הארץ פון מענטשין דעריבער זאגט ער זייא אתם נצבים היום כולכם לפני ה' איר שטייט אלע גלייך פאר גב"ה. ראשיכם דאס וואס זייא זיינען ראשים איז נאר בא אייך. שבטיכם וזקניכם ושוטריכם דאס איז אלטין וויא אייך ווייזט אוס אבער ביי גב"ה כל איש ישראל זיינען אלע גלייך אונ אפשר פאר קערט וויא אונז ווייזט אוס פאר דיא אויגין. אגב קומט ער איין פלאנצין דיא מדה פון ענוה אזו וויא דער תנא זאגט אונז אין פרק רבי לויטס איש יבנה אומר מאוד מאוד הוי שפל רוח שתקות אנוש רמה איז דאך קשה וואס שטייט צוויי מאל מאוד מאוד אונ וואס איז דער פשט שתקות אנוש דיא האפינונג פון מענשין איז ווערים פאר וואס האפט ער אוף דעם אונ וואס שטייט אנוש דיא ערגסטע מדרגה פון דיא אלע נעמען אדם איש גבר אנוש. נאר דער פשט איז אזו דער תנא קומט אונז פאר זאגין חאין אין אלע מדות איז גוט אז מיא ביגייט זיך מיטעל מעסיג אבער איך בין דיר מזהיר זייער אין זייער הוי שפל רוח זייא דיך נידעריג וואדום וואס האט זיך דער מענטש צו האלטין גרוים שתקות אנוש רמה אזו וויא ספרים שרייבין אז ווען האט דער מענש אמנוחה אין קבר אז ער ווערט צו פוילט ע"כ זאגט ער שתקות אנוש דער מענטש וואס האלט זיך גרוס איז מכונה בשם אנוש האפט ער ער זאל גיך צו פולט ווערין הייגט וויא אזו קענסט זיך האלטין גרוס דרום דארף זיך דער מענש האלטין בא זיך זייער נידעריג אזו וויא מיא דער ציילט אז אחסיד אהר פלעגט אפ געבין אלעמין כבוד סייא איונגען מאן סייא א אלטין מאן סייא אלמדן סייא אפראסטין מענשין האט מען גיפרעגט וואס איז דיא מעשה האט ער גיענטפערט אוב ער איז א יונגער מאן האט ער ניט אזו פיל עבירות וויא איך אונ אוב ער איז אאלטער מאן האט ער גיטאן מער מצות פאר מיר. אונ אוב ער

איז

איז אלמדן דארף איך אפ געבין כביד פאר זיין תורה אונ אוב ער איז אפראסטער
מענש וייס ער ניט דיא הארבקייט פון דער עברה וויא איך וויים. דאס קומט משה
רבנו ע"ה זיי מזרז זיין ראשיכם שבטיכם וכו' כל איש ישראל אז איטליכער מענש
זאל בא אייך זיין פאר רעכינט גרעסער פאר זיך אליין. דער אראש דער אזקן דער
אשוטר כל איש ישראל איטליכער מענש זאל זיין פער רעכינט איש ישראל דאס איז
פון דיא הויכע מדריגות. (דער אור פני משה) טייטשט על דרך מוסר דיא פרשה דער
מדרש זאגט אתם נצבים היום בראש השנה בקומה וקופה. דער פשט איז אזו א מענש
דארף זעהען אז ער זאל זיין גאנץ אוף אלע אברים יעדער אבר האט אוף זיך אמצוה
איז אוב ער איז גאנץ אוף אלע אברים איז ער מכונה בשם קומה וקופה איז
ער גירעכינט וויא א מלאך אונ אוב ניט איז ער פאר רעכינט פאר א בהמה אזו וויא
דער פסוק זאגט נמשל כבהמות נדמו וואס זיא איז ההולך על ארבע דאס זאגט דער
פסוק אתם נצבים היום בר"ה בקומה וקופה איר זאלט זיך אוס ריינינקן פון אלע מומין
אז איר זאלט זיין פאר רעכינט בשם קומה וקופה. מיט דעם וועט איר פארדינען
(לפני ה' אלהיכם) אז דער מדת הדין וועט ווערין פאר קערט צו רחמים (ראשיכם
שבטיכם זקניכם שוטריכם) אוף דעם אופן אז דיא אלע מדרגות (כל איש ישראל)
האץ זייא זיינען ניט גלייך איינע מיט דיא אנדערע זאל זיין פער רעכינט וויא איין
מענש היינו עס זאל זיין בא אייך אחדות ווארום איר קומט ארום פון ישראל. סבא
וואס בא אים שטייט (כל הנפש לבית יעקב הבאה מצרימה שבעים) האץ זייא זיינען
גיוועז זיבציג מענטשין רופט זייא דער פסוק אן נפש איין לייב ווארום בא זייא איז
גיוועז אחדות וואס וועט זיין לעברך בברית וכו' ער וועט דיך איבער פירין אין דעם
זיכערייט פון גנב"ה (ובאלתו) אין דיא קללות וועט ער געבין אוף דיא וואס טוען אידין
בייז (אשר ד' אלהיך כורת עמך היום) אזו וויא דיא חז"ל דרשענין היום אם בקולו
תשמעו דאס איז טייטש אוב איר וועט זיין גוט אונ פרום קען היינטיגין טאג קומען
משיח. למען הקים אותך היום לו לעם וכו' וכאשר נשבע לאבותיך ער וועט מקיים
זיין אלץ וואס ער האט צו גיזאגט צו דיינע עלטערין אונ ער וועט דיך געבין אלעס
גוטץ. נאך אפשט זאגט דער ספר אור פני משה על דרך המוסר דער זוהר הקדוש
שרייבט בני נשא עברין ואינן ידעין כה עבדין בר"ה ויוכ"פ צווחין וכו' הב לן מזוני
הב לן חיי ועל גלותא דשכינתא לית מאן דמשגח. דאס איז טייטש דיא מענשין
בעטין ר"ה ויוכ"פ אין זייא ווייסין ניט וואס צו בעטין זייא בעטין לעבין אונ מזונות
אונ אוף גלות השכינה בעטין זיי ניט. דאס זאגט זיי משה רבינו אתם נצבים זאגט
אוף דעם דער מדרש אתם נצבים בר"ה בקומה וקופה דאס מיינט מען איר שטייט
אונ בעט פאר מיר בקומה וקופה וואס בעט איר (ראשיכם שבטיכם שוטריכם כל איש
ישראל) איר בעט אז עס זאלען לעבין אייערע ראשים מיט דיא שבטים מיט אייערע
אלטע לייט. אוך טפכם נשיכם זאלין לעבין אייערע ווייבער אונ קינדער. וואס נאך
בעט איר וגרך דאס וואס איר זענט אגר אין אפרעמדער לייגד דוא קענסט ניט
דאקאזין טאן אלץ וואס דיא ווילסט. אשר בקרב מחניך דוא ווינסט וואס דוא קענסט
זיך ניט גלייכין צו אלעמען פאר וויינען שון גיין אין נוטע מלבושים עסין גוט נאך
מהוטב עציך אז דוא דער מאנסט זיך אז עס וועט אום גיהאקט ווערין דיין בוים דער
מענש ווערט אן גירופין איין בוים אזו וויא עס שטייט כי האדם עץ השדה כלומר
דוא דערמאנסט זיך אז דוא וועסט דארפין שטארבין עד שואב מימיך אט אוך דערין

גיטע

ליכטע אום דיינע וואסערין כלומר דוא פאר גיסט טרערין אז עס קומט צו ונתנה תוקף מי יחיה ומי ימות וכו' אויף דעם וויינסטע אונ ובבן תן פחדך ארט דיך נאר ניט אויף גלות השכינה וויינסטע נאר ניט. אין איר רעכינט זיך נאך ר"ה אין יוכ"פ פאר צדיקים אונ איר זאגט שטייץ מיר האבין דאך אזו פיל גיבעטין האט דאך גידארפט זיין לעברך בברית ד' אשר ד' אלהיך כורת עמך היום אזו וויא דיא חז"ל דרשנן היום אם בקולו תשמעו ממילא האט גידארפט לאנג קומען משיח. דרום זאגט זייא משה רבינו ע"ה למען הקים אותך היום לו לעם והוא יהיה לך לאלהים דוא זאלסט בעטין פאר דעם בורא ב"ה אום ר"ה ויוכ"פ אז דוא זאלסט פאר אים אקיום האבען כלומר דוא זאלסט לעבין כדי דוא זאלסט קענען דינען גב"ה וויא מען דארף אין עס זאל נתגלה ווערין זיין געטליכקייט אויף דער גאנצער וועלט אין מיר זאלין קענען מקיים זיין אלע מצות אונ איצט אז מיר זיינען אין גלות פעלט אונז אסך מצות וואס מיר קענען ניט מקיים זיין דאס וואס מיר טוען איז אויך ניט ווי מען דארף צו זיין כחמת טרדת הפרנסה אין נאך אזוינע זאכען וואס זענען אונז מבטל פון אידעשקייט. אט אז דוא וועסט טאן וויא איך זאג דיר וועט זיין כאשר דבר לך וכאשר נשבע לאבותיך. וועט מקוים ווערין אלץ וואס ער האט צו גיזאגט דיר אין דיינע עלטערין. היינו דוא וועסט פועל זיין ביי דעם בורא ב"ה אלץ וואס דוא האסט גיבעטין לקיום הגוף אין פאר דיין ווייב אין קינדער איך וועל מקוים ווערין היום אם בקולו תשמעון. היינו עס וועט קומען משיח צדקנו אין עס וועט נתגלה ווערין זיין אלהות צווא ווישען אלע אומות אין מיר וועלין אים דינען אזוי וויא גיהעריג איז אין אונזער לאנד אמן.

# פרשת וילך

**דוד** המלך עליו השלום האט געזאגט מי גבר יחיה ולא יראה מות. וועלכער מענטש וועט אייביג לעבען אונד וועט ניט זעהען דעם טויט. משה האט געזאגט צוא גאט רבונו של עולם נאך דעם גאנצען כבוד אונד דיא שטארקייט וואס מיינע אויגען האבען גיזעהן זאל איך שטארבען. רבי תנחומא זאגט מי גבר יחיה מיינט מען. וועלכער מענטש איז וויא אברהם וואס ער האט גינידערט אין איין אויבין פייער אונד איז גירעטעט גיווארין. פון דעסטוועגין איז ער גישטארבען, וועלכער מענטש איז וויא יצחק וואס ער האט אויסגיצויגין זיין האלז אויף דעם מזבח כען זאל אים שעכטין פאר אקרבן. פון דעסטוועגין האט ער גיזאגט איך בין אלט איך וויים ניט ווען איך וועל שטארבין. וועלכער מענטש איז וויא יעקב וואס ער האט זיך בעגעגענט מיט אמלאך. פון דעסטוועגין האבין גינענט דיא טעג זיינע ער זאל שטארבין. וועלכער מענטש איז וויא משה וואס ער האט גירעט מיט גאט פנים אל פנים. פון דעסטוועגין האבין גינענט דיא טעג זיינע צום שטארבען. נאך אפשט איז אלע מענטשין איידער זייא גייען אין קבר ווערט טונקעל זייערע אויגין. אבער דיא אויגין פון משה זענען ניט טונקעל גיווארין. אלע מענטשען גיט כען מיט אין קבר אזעלכע זאכען וואס אמענטש האט גימאכט. אקאפטין. אכמה. תכריכין. אבער דיא תכריכים פון משה זענען געמאכט גיווארין אין הימעל. נאך אפשט איז גאט האט גיזאגט צו משה אלע מענטשין ווען זייא שטארבין זענען זיך מטויה צרום

זייא זייערע קרובים אונד זייערע שכנים. אבער אז דוא וועסט שטארבין וועל איך
מיט מיינע מלאכים אונז מטריח זיין ארום דיר. וויא עס שטייט אין פסוק ויקבור
אותו בני גאט האט בעגראבין משה אין דעם טהאל. נאך אפשט איז גאט האט
גיזאגט צו משה הן קרבו ימיך למות. דיינע טעג זענען נאהנט צום שטארבין.
פאר וואס האט גאט גוזר גיוועזן מיתה אויף משה מיט דעם לשון הן. דיא רבנן
זאגין דיא זאך איז גלייך צו איינעם וואס האט געוואלט געבין כבוד צום מלך
האט ער אים גיברענגט אמתנה אשארפין שווערד. האט דער מלך גיזאגט צוא
זיין קנעכט מיט דעם שווערד וואס ער האט גיברענגט זאלסטו אראפ האקין זיין
קאפ. האט דער מענטש גיזאגט צום מלך מיט דיא זאך וואס איך האב דיר גיגעבין
אמתנה. הייסטו אפ האקין מיין קאפ. אזוי האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו של
עולם מיט דעם ווארט הן האב איך דיר גילויבט איך האב גיזאגט הן לה' אלהיך
השמים ושמי השמים. צוא גאט גיהערין דיא הימלען אונד מיט דעם ווארט הן
ביזטו גוזר אויף מיר מיתה. האט גאט גיזאגט צו משה זא שלעכטער שכן זעהט נאר
וואס זיין שכן פאר דינט אבער וואס ער דארף אוים געבען וויל ער גאר ניט זעהן.
דוא ביזט אויך אזוי. דעם ווארט הן וואס דוא האסט מיך גילויבט מיט אים. דער־
מאנסטו. אבער דעם ווארט הן וואס דוא האסט מיט אים גירעט שלעכטע רייד
אויף דיא אידין גידענקסטו גאר ניט. דוא גידענקסט ווען איך האב דיר גישיקט
דוא זאלסט אויס לייזין דיא אידין פון מצרים האסטו גיזאגט צו מיר והן לא יאמינו
לי. זייא וועלין מיר ניט גלויבין. דערום האב איך אויף דיר גוזר גיוועזן מיתה
איך מיט דעם ווארט הן. הן קרבו ימיך למות. דיינע טעג זענען נאהענט צום
שטארבין. נאך אפשט איז. ר' אבין זאגט וואס איז דער ווארט הן וואס גאט
האט גיזאגט צו משה, דאס איז גלייך צו א מלכה וואס זיא האט גימאכט א טייערע
קלייד פאר דעם מלך. האט דער מלך גינומען דאס קלייד אונד האט זיא אוועק
גילייגט. וויא עס איז גיקומען דיא צייט דיא מלכה זאל שטארבין. האט דער מלך
גיזאגט צו איר נעם דיר דאס קלייד וואס דיא האסט מיר גיגעבין אמתנה. אונד
דוא וועסט מיט איר באגראבין ווערין. דעם כבוד וואס דוא האסט מיר גיגעבין גיב
איך דיר צוריק. אזוי האט גיזאגט גאט צוא משה דוא האסט מיך גילויבט מיט דעם
ווארט הן. אונ מיט דעם ווארט הן בין איך גוזר אויף דיר דוא זאלסט שטארבין,
נאך אפשט איז. ר' לוי זאגט דאס איז גלייך צוא א אשה וואס איז גיוועזן מעוברת
אונד מען האט איר איין גישפארט אין גיפענקענים. אונד אין דעם גיפענקענים האט
זיא גיבארין איין קינד. אונד דאס קינד איז שוין גרויס גיווארין. אמאהל איז דער
מלך גיגאנגען פאר דער תפיסה. האט דאס קינד אנגיהויבין צו שרייען צום מלך פאר
וואס זאל איך זיין אין גיפענקענים. האט דער מלך גיענטפערט. דורך דיא זינד פון
דיין מוטער כוזטו אויך זיין אין גיפענקענים. אזוי האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו
של עולם זעקס אונ דרייסיג עבירות זענען דא וועלכע איינע פון זייא מען טוט קומט
כרת. טאמער האב איך גיטאן איינע פון זיי, אונ אויב איך האב ניט
גיזינדיגט. פאר וואס האסטו גוזר גיוועזן אויף מיר מיתה. האט גאט גיזאגט צוא
משה דוא שטארבסט דורך דיא זינד פון אדם הראשון. ער האט גיבריינגט דעם
טויט אויף דער וועלט. פאר וואס האט גאט גיזאגט צו משה הן קרבו ימיך, ציא
וואס דארף מען דעם ווארט הן. אזוי האט גאט גיזאגט צו משה דוא וועסט שטארבין,

דורך

-ורך דיא עבירה פון דעם מענש וואס בייא איהם שטייט דער ווארט הן. דאס איז אדם הראשון וואס בייא אים שטייט הן האדם היה כאחד ממנו. נאך אפשט איז וואס מיינט מען מיט דעם ווארט הן. רבי סימא זאגט דער טאג האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וועל מיך ניט רירען אונ וועל ניט אונטער גיין אזו לאנג וויא משה לעבט ווייל אין דעם טאג איז משה גיבארין גיווארין אונ זיין נשמה איז גיקומען אויף דער וועלט אן תורה אונ אן מצות. אונ איצט איז משה פול מיט תורה אונ מצות, האט דער זעלביגער טאג גיוואלט משה'ס נשמה צוריק בריינגען אין הימעל פול מיט תורה אונ מצות. ווארום משה איז גיבארין גיווארין דעם זיבעטין טאג אין אדר אונ איז גישטארבען דעם זיבעטין טאג אין אדר. נאך אפשט איז. דיא רבנן זאגין אז משה האט גיוואוסט אז היינטיגען טאג דארף ער שטארבין. וואס האט משה גיטאן אין דעם טאג. רבי ינאי זאגט ער האט גישריבין דרייצעה תורות. צוועלף תורות האט ער גיגעבין צוא דיא צוועלף שבטים. אונ איין תורה האט ער אריין גילייגט אין ארון. טאמער ועט איינער מאכין אפאלש אין דיא תורה אונ וועט זאגין אז משה האט אזו גישריבין. וועט מען ארויס נעמען דיא ספר תורה וואס אין ארון אונ מען וועט זעהן וויא אין איר איז גישריבין. משה האט גיזאגט ווייל איך בין בעשעפטיגט מיט דיא תורה אונ די תורה איז דער נאנצער לעבען. וועל איך געווים היינטיגען טאג לעבין. אונ אז דער טאג וועט אוועק גיין וועט דיא גזרה בטל ווערין ווארום צדיקים שטארבען נאר אין דעם זעלבינען טאג וואס זייא זענען גיבארין גיווארין. אונ אז ער וועט היינטיגען טאג ניט שטארבין וועט ער שוין מוזען לעבין נאך איאהר ביז דעם אנדערין זיבעטין טאג אין אדר. אונ דיא אידין מוזען דאך שוין אריבער גיין דעם ירדן. וועט דאך גאט ניט לאזען משה'ן אליין אין דער מדבר אונ אלע אידין זאלין אריבער גיין אין ארץ ישראל. וועט גאט מוזען מבטל זיין דיא גזרה אונ ער וועט אויך אריין קומען אין ארץ ישראל. וואס האט גאט גיטאן ער האט אווינק גיטאן צוא דיא זון איז זיא געבליבען שטיין אונ זיא האט הארט גירעט געגען משה. דיא זון האט גיזאגט אזו לאנג וויא משה לעבט וועל איך ניט אונטער גיין. דעריבער האט איוב גיזאגט אם לא בכיתי לקשה יום. איך האב גיוויינט אויף דעם וואס דער טאג האט זיך אזו הארט גישטעלט געגין משה. אונ גאט האט גיזאגט צו משה הן קרבו ימיך למות. דיינע טעג האבין גינעהנט צום שטארבען: צוא וואס האט גאט גיזאגט דעם ווארט הן. אזוי וויא אמענש זאגט צוא זיין חבר יענער האט גירעט אויף דיר שלעכטס פאר דעם מלך. אזו האט דער טאג גירעט שלעכטס אויף משה פאר גאט: קרא את יהושע גאט האט גיזאגט צוא משה רוף יהושע'ן, האט משה גיזאגט צוא גאט רבונו של עולם זאל יהושע נעמען מיין מלוכה. אונ איך זאל ניט מעהר זיין קיין גיוועלטיגער בייא דיא אידין. נאר איך זאל לעבין. האט גאט גיזאגט צוא משה טהוע צו יהושע אזו וויא יהושע פלעגט טאן צו דיר. איז משה אויף גישטאנען פריה אונ איז גיגאנגען צו יהושע אהיים. וויא יהושע האט דער זעהען משה איז בייא אים אין שטוב. האט ער מורא גיהאט. האט משה גיזאגט צו יהשע רבי קום מיט מיר. זענען זייא ארויס גענאנגען פון שטוב אונ האבין אנגיהויבין גיין. איז משה גיגאנגען נעבין דיא לינקע זייט פון יהושע. ווייל מען טאר ניט גיין נעבין דיא רעכטע זייט פון ארבי אז עס א.

ניטא קיינער ביא דיא לינקע זייט. אונ זיא ווענען אריין גינאנגען אין אהל מועד. איז אראפ גיקומען א וואלקען אונ האט זיך גישטעלט צווישען משה אונ יהושע. וויא דער וואלקין איז אוועק גינאנגען איז גענאנגען משה צוא יהושע. אונ האט גיפרעגט ביא אים וואס האט גאט מיט דיר גירעט. האט יהושע גיזאגט צו משה ווען גאט האט מיט דיר גירעט האב איך דען גיוואוסט וואס גאט האט מיט דיר גירעט. אזו וויא דוא האסט מיר ניט גיקענט זאגין. אזו קען איך דיר אויך ניט זאגין. באמאלט האט משה גישריגען עס איז בעסער הונדערט מאהל צו שטארבין איידער איין מאהל מקנא זיין. שלמה האט אויך אזו גיזאגט: כי עזה כמות אהבה קשה כשאול קנאה. אפילו דיא ליבשאפט איז שטארק וויא דער טויט. פון דעסטוועגין איז דיא קנאה שווער וויא דער גיהנם. וויא משה האט אויך זיך גינומען ער זאל שטארבין. האט גאט אנגיהויבין איבער בעטין אונ טרייסטין משהן. גאט האט גיזאגט צו משה איך שווער ביא דיין לעבען אזוי וויא דוא האסט גיפירט מיינע קינדער אויף דער וועלט. אזו ווען משיח וועט קומען וועל איך פירען מיינע קינדער דורך דיר. וויא דער פסוק זאגט גאט גערעדענקט אייביג דיא טעג וואס משה האט געפירט זיין פאלק. דער נביא צפניה זאגט התקוששו וקושו קלייבט זיך צוא ניף אונ צירט זיך אוים מיט מצות אונ מעשים טובים. הגוי לא נכסף דאס פאלק וואס זענען נוט גילוסטיג צוא תורה ומעשים טובים בטרם לדת חוק איידער דיא גזרה קומט. כמוץ עבר וואס זאלין ניט נגזר ווערין ח״ו אז זאל אוועק דיא פלעווע וואס גייט איבער פארין ווינד. בטרם לא יבוא עליכם אף ה׳ איידער עס זאל ניט קומען אויף אייך דער צארען פון גאט. בקשו צדק בעגערט צו טאן צדק. בקשו ענוה בעגערט צו טאן ענוה. אולי תסתרו ביום אף ה׳ פילייכט וועט איר פערבארגען ווערין אין דעם טאג פון גאטס צארען. קען מען פערשטיין דעם פסוק על דרך משל. אמלך האט גיהאט אבן יהיד ער האט אים געליבט וויא זיין נשמה. דעריבער האבין זיך אללע שרים דיא בני המלוכה מקנא גיוועו אין אים. אונ האבין גיזוכט אויף אים בלבולים שלעכטע מסירות פאר דעם מלך אונ האבין גיוואלט אים ברענגען צום משפט. דער מלך האט גאר ניט גיקאנט העלפען. האט ער גיהייסין דיא שרי מלוכה מזאל משפטין אונ זעהן דעם אמת ווער עס איז גירעכט. דער זון אבער האט ניט גיקאנט בשטיין פאר דעם משפט. נאר דיא מוטער פלעגט אללע מאל ביים משפט מאכען אים גירעכט אונ עס איז פערמאכט גיווארין אללע מיילער פון דיא מקטריגים. דיא מסונים האבען פארשטאנען אז דער זון וועט אפ נעמען דיא מלוכה וועט ער זיי אראפ זעצען פון התמנות האבין זיי גיוואלט אן מאכען אשנאה צווישען אים אונ זיין פאטער אונ דיא מוטער האט אים תמיד מציל גיוועזן. אמאל האט גיטראפין דאס ער האט דיא מוטער סבוה גיוועזן אונ האט איר גיטאן מיאוסע מעשים אז זיא האט זיך געמוזט באהאלטין חדר בחדר פאר חרפה. דיא שרי מלכות האבין זיך דערפון ערוואוסט זייען זייא צום מלך אונ האבין תובע דין גיוועזן. דער זון האט זיך דער שראקין אונ טראכט זיך וואס וועל איך אצונד טאן. וויא דער פאטער האט דער זעהן דעם זונס טרערין האט ער רחמנות גיקריגען אונ זאגט איך וועל דיר געבין אעצה איך וועל אפ האלטין דיין משפט עטליכע טעג דען וייל וועסטו איבער בעטין דיין מוטער אונ זיא וועט שוין דיר גירעכט מאכען

דער

דער זון פרייט זיך מיט דיא עצה. וויא דער שונא האט זיך ערוואוסט פון דעם איז דער שונא גיגאנגען צום זון אונ מאכט זיך פאר אגוטען פריינד אונ האט איהם גיגעבין וויין טרינקען אונ מכבד גיוועזין מיט אשיינע מתנה. אזו האט ער גיטאן דיא גאנצע צייט וואס מען האט דעם דין אויף גיהאלטען. דעריבער האט דער זון זיך ניט משתדל גיוועזין איבער צו בעטין זיין מוטער. וויא עס איז גיקומען דער טאג פון משפט. האט דער שונא תובע גיוועזין אמשפט אויף זיין זון. וויא דער מלך האט גיזעהן אז דיא מוטער קומט ניט. האט איהם זייער פערדראסען אונ זאגט צו זיין זון איך וועל זעהן אבצולייגען דעם משפט אויף אקליינע צייט. זאלסט זעהען דער ווייל איבער צוא בעטין דיא מוטער. דער נמשל איז. אידען ווערין גירופין קינדער צוא גאט אלע ממונים פון דיא עולמות ווייסין אז אידין זיינען גרוים ביים רבש"ע דעריבער זענען זייא תמיד מקטרג אויף אידין צוא מאכין אשנאה צווישען גאט אונ ישראל. נאר השי"ת איז דאך אלהי המשפט אונ אום ראש השנה מוזען אלע קומען צום דין. אונ אז מיר זינדיגען ווערט דיא שכינה מסתלק מחמת בושה. דער שטן שטעלט זיך פאר גאט אונ איז משטין אונ לייגט טענות אויף אידין ואדם אין צדיק וכו'. דערום דארפין מיר וויינען זייער וואס מיר האבין ניט אונזער מוטער זאל ממליץ זיין אויף אונז האט גאט איין עצה גיגעבין אז מיר זאלין אין חדש אלול מפייס זיין דיא שכינה אונ נעמען לערנען תורה. צום סוף אז עס קומט דער חודש אלול פערשטעלט זיך דער יצה"ר פאר איצר טוב אונ מאכט אין אלול אריות אין משא ומתן וואס דאן איז דיא צייט פון אלע תבואות אונ פירות. אונ דיא תורה האט מען גאר ניט אין זינען. עס קומט ראש השנה דער יצה"ר איז מקטרג אונ דיא מוטער איז ניטא ממליץ צוא זיין אונ גאט זעהט דאס צוא לייגט השם יתברך אב אויף דעם יום כפור יום הרחמים והסליחות לשרים. אז מען זאל דערמיט איבער בעטין דיא שכינה. אונ צו כל נדרי נעמען מיר הערוים דיא תורה פון ארון הקדש אונ מיר בעטין איר זיא זאל פאר אונז ממליץ זיין. דיא תורה זאל טאקע שטיין פאר אמליץ יושר פאר בית דין של מעלה. אז עס זאל פערמאכט ווערין דיא מיילער פון אלע מקטרגים ומשטינים אונ אן הבטחען אונז אגוט יאהר. אמן:

# פרשת האזינו

**האזינו** השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי. דאס איז דער טייטש דער פון. דיא הימעל זאל פאר נעמען וואס איך וועל רעדין אונ דיא ערד זאל הערין מיין זאג פון מיין מויל. פרעגין אלע מפרשים איין קשיא ישעי' הנביא האט גיזאגט אין דעם ערשטין קאפיטעל (שמעו שמים והאזיני ארץ) דאס איז דער טייטש דער פון דיא הימל זאל הערין אונ דיא ערד זאל פאר נעמען איז דאך פאר קערט פון משה רבינו ע"ה. דער תירוץ דער פון איז אזו דער ווארט האזינו איז נאר שייך פון נאהינט דאס איז דער שורש פון דעם ווארט אוזן אין דער ווארט שמועה הערין איז שייך פון ווייטין דריבער איז זייער רעכט משה רבינו ע"ה האט אוים גלאטערט דעם גוף זיינעם אונ ער האט גהייליגט אונ ער האט זיך מטהר גיוועזין אזוי וויא דיא מלאכים וואס זיינען אויף דעם הימל אין ער האט מיט זייא

גיקאנט

גיקאנט ריידין אזו וויא איין מענטש רעט מיט דעם אנדערין מענטשין פנים אל פנים דער פאר האט ער זיך גירופין משה איש האלקים דאס איז דער טייטש דער פון ער איז גיוועזין איין מענטש אונ איין געטליכער מאן צוא דיא צבא השמים איז ער גיוועזין נאהנט אונ צו דער ערד איז ער גיוועזין ווייט מחמת פון דעם חומר איז ער ווייט קען ער ניט שטימען מיט אונז מענשין דריבער שטייט בייא עם האזינו השמים ער רעט צו זיי פון נאהנט ותשמע הארץ אונ צו דיא מענשין וואס זיי זיצען אויף דער ערד זיי וועלין הערין פון ווייטין אבער ישעי' הנביא איז גיוועזין מער מקורב צו אונז מענשין אונ צו דיא מלאכים איז ער גיוועזין ווייטער דער פאר שטייט בייא עם שמעו שמים זיי זאלין הערין פון ווייטען והאזיני ארץ אונ אונזערע מענטשן וועלין הערין פון נאהנט נאר דא איז דאך איין דיוק פאר וואס שטייט בייא משה רבינו ע"ה בייא השמים ואדברה אונ בייא דעם ווארט והארץ אמרי פי דאס איז ידוע דיבור איז איין שווערע רייד אונ אמירה איז דער טייטש רכה ווייכע נאר דער פשט איז דער פון אזו משה רבינו ע"ה האט גישטראפט דיא אידין פאר זיין מיתה אז זיי זאלין דינען גאט אונ אוב זיי וועלין ח"ו אוועק לאזין עם צו דינען פילייכט וועט קומען אויף זייא איין רעה ח"ו אזו וויא עס שטייט אין דער שירה פון האזינו אין ער האט זייא גיוואלט ווייזין וויא פיל מעלות דער צדיק האט אז ער איז איין מושל איבער דער גאנצער בריאה אפילו אויף מלאכים וואס זייא צוא זיצין אויף דעם הימל פאלגין זייא אויך וואס דער צדיק זאגט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (צדיק מושל ביראת אלקים) דאס איז דער טייטש דער פון דער צדיק מיט זיין יראה גיוועלטיגט ער אוף אלי ברואים וואס זייא גיפינען זאך אויף דער וועלט דער פאר שטייט אין דער תורה הקדושה אז דרייא מלאכים זענען גיקומען אפילו צו דער דינסט פון שרה אונ בפרט צו אונזערע אבות אברהם ויצחק ויעקב אלע עולמות ווערין אונטער טעניג אונטער דיא צדיקים וויא עס שטייט אי תהלים כל שתה תחת רגליו צפור שמים דאס איז דער טייטש דערפון אלין ווערט גיטאן אונטער דעם צדיקס פיס אפילו מלאכים מוזען הערין וואס ער זאגט אבער אוף מענשין וואס זייא זיינען בעלי בחירים קען ער ניט נייטין אז זייא מוזען הערין וואס ער זאגט דרום שטייט אין פסוק האזינו השמים ואדברה דער וואָרט דיבור דאס איז דער טייטש שווערע רייד מוזין אוך דיא הימעל מענשין צו הערין וואס ער זאגט ותשמע הארץ אמרי פי אבער צו דיא מענשין וואס זייא זיצען אוף דער ערד בעט ער נאר אז זיי זאלען צו הערין וואס ער זאגט זייא ער בעט זיי מיט גוטין אזו וויא איין פאטער בעט איין קינד מיט גוטין ווייכע רייד דוא זאלסט נאר צו הערין מיינע היילינע ווערטער וואס איך רייד ניט אליין נאר מפי הקדוש ברוך הוא נאר ישעי' הנביא ער איז ניט אזו גרוס וויא משה רבינו ע"ה האט ער זאך ניט גיוואגט צו זאגין דיא מלאכים איר מוזט הערין וואס איך וועל זאגין דער פאר שטייט אין פסוק שמעו שמים והאזיני ארץ כי ה' דבר דאס איז דער טייטש דער פון דיא הימעל מענשין אין דיא וואס זיצען אוף דער ערד זאלען זייא צו הערין וואס ער זאגט ניט מחמת ער רעט צו זיי נאר ווילע גאט רעט דאס יערוף כמטר לקחי תזל כטל אמרתי כשעירים עלי דשא וכרביבים עלי עשב דאס איז דער טייטש דער פון ער טוט טריפין אזו וויא רעגין דיא רייד פון דיא מוסר וואס ער וועט זאגין פאר זיין טוט זאך עס וועט רינען וויא טויא מיין זאג אין אזו וויא איין

סמורעם

טמורעס ון נט אוף נידריגע גראז אונ אזו וויא שפרייא רעגן אוף גרויסע גראז דער
פשט דערפון איז משה רבינו האט גיזאגט צוא דיא היכעל מענשין זייא זאלין עס
ניט ענטפערין וויא קענען מיר מבטל צו זיין פון אונזער מלאכה צו לופען דינגין
נאט וואס דאס איז איין גרויסע עבודה אונ מיר זאלין נאר הערין דיינע מוסר
וואס דיא זאגסט ענטפערט ער זייא זיינע רייד איז דאך אוך פון דאס זעלבע
מלאכה וואס זייא טוען ווארום זייא זייען אוך אין דער מדרגה פון מל אונ פון מטר אזו
וויא עס שטייט אין ישעיהו קאפיטעל נ"ה כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים
ושמה לא ישוב כי אם הרוה את הארץ והולידה והצמיחה כן יהיה דברי אשר יצא
מפי לא ישוב אלי ריקם כי אם עשה את אשר חפצתי והצליח אשר שלחתיו ,
דאס איז דער טייטש דער פון אזוא וויא עס טוט גיין דער רעגין אונ שנייא פון
הימעל אוף דער ערד אין צו ריק קערט זאך ניט אום נאר עס מאכט נאס דיא
ערד אונ זיא מאכט ארוס שפראצין גראז פון דער ערד אזוי איז מיינע רייד וואס
עס איז ארויס גיגאנגען פון מיין מויל וועט זאך צו מיר צוריק ניט אום קערין
ליידיג נאר עס וועט אלעס טאן וואס איך וויל אין עס וועט באגליקען צוא וואס
איך האב זייא גשיקט דער פשט דער פון איז אזו צוא דיא גרויסע מענטשין האט
ער גיזאגט האץ מיינע רייד איז נאר מוסר פון דעסט וועגען וועט דאס הרגנען
אזוי וויא דער רעגין טרייבט ארויס אלע שלעכטע ווערים אזו איז מיינע שטראף
רייד וועט איך אויס רייסין פון אייער טיפין הארצין אלע פאלשע דעות אין עס
וועט איין גיווארצילט ווערין דיא רעכטע אמונה אין עס וועט האבין בייא אייך
איין קיום איז דער טייטש יערוף אזו וויא עס שטייט אין פסוק בייא עגלה ערופה
וערפו שם את העגלה איז דער טייטש דער פון מען זאל אראפ נעמען די קאפ
פון דער קאלב איז דא אוך דער טייטש דער ווארט (יערוף) דער טייטש אויס
רייסין תזל כטל אזו וויא דיא טויא וואס עס גייט אויף אלע זאכין וואס עס
איז איין גיווארצילט גיווארען אין דער ערד וואקסט דער פון גרוס אין עס טוט
בליען אזו איז אמרתי מיין זאג וועט בייא אייך פועל זיין אין הארצין אין עס
וועט בייא אייך וואקסין מצות אונ מעשים טובים דאס רעט ער צוא דיא גרויסע
לייט איצטער קערט ער זאך אום צוא דיא קלענרע מענטשין וואס זייא פאר
שטייען וויניגער אין זייא זיינען גיגליכען אזו וויא דיא גראז פון דאס פעלד אזו
וויא עס שטייט אין פסוק אכן חציר העם דאס איז דער טייטש דער פון זייא
זיינען אזו וויא דיא גראז זאגט ער צוא דיא פראסטע מענטשין האץ מיינע רייד
קענען איך אזו פיל ניט ווירקין אזו וויא דיא גרויסע מענטשין שטארק דיא אמונה
איין ווארצלין אבער לכל הפחות אזוא וויא דיא רעגין וואס עס גייט אויף דיא
נידרעגע גראז אונ אזו וויא דיא שפרייא רעגען וואס עס גייט אויף דיא גרויסע
גראז טוט זייא דיא פעולה אז עס שפראצט דער פון ארויס אסך ירקות אין דאס
ווערט אגרויסע תועלת פאר דיא מענטשין אויף דער וועלט אזוי איז מיינע רייד
ווערט זיין אגרויסע פעולה אפילו פון דיא פראסטע מענשין וועט אוך פאר ריכט
ווערין אסך אוף דער וועלט אונ פון זייא קען אוך האבין אקיום דיא וועלט הצור
תמים פעלו כי כל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא שחת לו לא
בניו מומם דור עקש ופתלתל דער פשט דער פון איז דער באשעפער איז זיינע מעשים
גאנץ אונ אלע זיינע וועגין איז דאך ריכט נאט איז אמת אונ ער טוט ניט ח"ו

קין

זיין עוולה ער איז מיט זיין נאמן צדיק וישר דיא שירה האט משה רבינו ע"ה גישפראפט דיא אידין פאר זיין טויט זייא זאלין וויסין דיא דורות וואס וועלין אז קומען אונ זייא וועלין האבין ח"ו צרות דאס מיינט מען דיא דורות וואס עס וועט זיין אייער משיח וועט קומען זאלין זייא פאר שטיין אז זייא זיינען אליין שולדיג אין דריטען זייא זאלין ח"ו ניט מאכען אום גירעכט דעם בורא יתברך אין דרוף גייט דיא גאנצע שירה פון האזינו אזו וויא עס שטייט אין פסוק אין סדרה וילך ועתה כתבו לכם את השירה ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם למען תהיה השירה הזאת לעד בבני ישראל דאס איז דער טייטש דערפון איר זאלט פאר שרייבין דיא שירה אין פון דער שירה וועט אויס גילערנט ווערין פאר אידין אבין טאן אין זייערע מיילער דיא שירה זאל זיין איין עדות צוא דיא אידין טאמער וועלין זייא זיך וואנדערין פאר וואס האט זייא גיטראפין אזעלכע צרות אמת מיר האבין גיזינדיגט אנטקעגין נאט אבער עס איז דאך פאראן אנטקעגין אפילע מצות וואס יעדער איד טוט אלע טאג דהיינו וואס איטליכער איד טראגט ציצית אין דעם ארבע כנפות אין מען לייגט דאך תפילין אין מען גיט אסאך צדקה אויף דער וועלט אין מען היט דאבענען דרייא מאל אין טאג אין מען היט שבת אזו וויא עס שטייט אין דער תורה הקדושה אזו וויא אונזערע חכמים האבין גידרשט איף דעם פסוק וואס עס שטייט אין שיר השירים כפלח הרימון רקתך דאס איז דער טייטש דערפון אזו וויא מען צוא שפאלט איין מילגרום איז דארטין פאראנען אפילע קערנדלעך אזו איז ביא אונז אפילו דיא ליידיגע מענשין האבין אוך אסאך מצות היינט איז דאך ביא זייא איין קשיא פאר וואס זאל אויף זיי ניט מגין זיין זייערע מצות אזוי וויא איין פאנציר איז מגין אוף דעם מענטשין אין דער מלחמה אזו וויא דער תנא זאגט אונז אין פרק תשובה ומעשים טובים כתרים בפני הפורעניות דאס איז דער טייטש דער פון דיא תשובה אין דיא גוטי מצות איז ביא דעם מענטשין אזו וויא איין פאנציר אנטקעגין דיא פורענות טאמער וועט מען זאגין אז דיא מצות וואס זייא טוען איז אן כוונה צוא טאן דעם נחת דעם בורא יתברך נאר במקרה אין דיא הארץ איז ניטא דער ביא דער פאר ווערין דיא מצות ניט גירעכנט פאר איין נחת קען מען דאך ענטפערין אז דיא עבירות וואס זייא טוען איז אוך במקרה אן כוונה אין ניט ח"ו להכעיס דעם בורא יתברך אין דרוף זיינען אידין ניט חשוד זייא טוען נאר מחמת זייא קענען ניט גובר זיין דעם יצר הרע אונ דיא תאוה היינט אויב מען וועט גיין דיא מצות נאך דער כוונה בדארף מען גיין ביא דיא עבירות אוך נאך דער כוונה היינט איז דאך ביא זייא אגרויסע קשיא פאר וואס טרעפט זייא אן אזוי פיל צרות אונ גזרות דרוף ענטפערט זייא דיא שירה פון משה רבינו ע"ה אז זייא זאלין זיך ניט וואנדערין דרוף עס איז ניט גלייך מעשי המצות צוא דער מעשי העבירה ווארום דיא עבירה איז ניט נוגע דעם בורא יתברך דיא אלע איסורים וואס דיא תורה האט אונז פאר זאגט איז דאס נאר איין עצה פאר אונזערע נשמות הקדושות אקוראט אזו וויא איין פאטער זאגט צוא זיין קינד אז דוא זאלסט ניט גיין אין יענעם ארט ווארום דארטין איז פאראן אסך בורות שלעכטע אין טיפע אונ מען קען דארטין אריין פאלין אונ צוא ברעכין אלע אברים זיינע אונ ער וועט בלייבין איין קליקער אונ אויב דער זון פאלגט ניט דעם פאטער אונ ער גייט צוהין צוא יענער גרוב אין פאלט דאך אריין דארטין אין ער האט צוא בראכין זיינע הענט

אונ

און דיא פיס אונ ער איז צוא שלאגין געווארין אויף אלע זיינע גלידער בדארף מען קלערין דרוף צוא ער האט גימיינט דער צרנען דעם פאטער צוא ניט וואס העלפט דאך דער קלערין אין דריגען דער ווייל ער איז ער אגרויסער קראנקער אין ער בדארף אז מען זאל עם אום היילין אזו איז דיא עבירות פון דער מענטשין ווען אפילו ער איז ניט מכוון דער צרנען דעם בורא יתברך פון דעסט וועגין האט ער דאך פוגם גיוועזין זיין נשמה אין ער האט פוגם גיוועזין אין אלע זיינע עולמות הקדושים אין דער פאר קען ניט גיין זיינע השפעות וואס ער בדארף דריבער מוז מען האבין צרות ח"ו אפילו ער האט ניט גימיינט מיט איין כוונה אבער ביי איין מצוה איז דיא גאנצע כוונה דער פון נאר צוא טאן איין נחת רוח אזו וויא דער פאטער האט שמחה אז זיינע קינדער טוען דעם רצון בדארף מען זייא טאן מיט איין גרוס כוונה וועט דאך דיא מצוה גלייך ארוף צוא דעם בורא יתברך אונ ער וועט האבין נחת דער פון אוב דער מענטש טוט אן איין הארץ ווערט דאך גאר ניכט גירעכינט ווערין פאר איין מצוה אין דער יושר איז דאך אז מען בדארף זיך סטארין צוא טאן דעם נחת אנטקעגין דיא טובות וואס דער בורא יתברך טוט מיט אידין אלע ווייל איין אונ אזו וויא טובות אונ פון השפעה וואס עס גייט פון בורא יתברך איז אויך מיט גרוס השגחה מיט איין כוונה צו טאן גוטעס ווען ח"ו אז עס וואלט זיך אפ טאן זיין השגחה ח"ו איין רגע וואלט פון דער וועלט ווערין וויסט אזו בדארף דער מענש טאן אנטקעגין דעם בורא יתברך אויך מיט גרוס כונה דריבער זאל בייא זיי קיין זואונדער ניט זיין פאר וואס ביי איין מצוה גייט מען נאך דער כונה אבער בייא איין עבירה איז ניט אזו דריבער זאגט דער פסוק (הצור תמים פעלו) דער בשעפער איז גאנץ זיינע מעשים (שחת לו לא) דער פארדארבונג איז ניט נוגע צו אים ווארום עס טוט מען נאר (בניו מומם) זיינע קינדער איז זייער אוגענער פעלער זייא טוען זיך אליין (דור עקש ופתלתל) דער דור איז פאר קרימט אונ פאר דרייט דריבער מאכט ניט אום אז זיי מיינען ניט דער צארנען דעם בורא יתברך אבער זיי צו ברעכין דאך אלע זייערע גלידער אונ זיי מאכין איין פגם אין דער נשמה הקדושה דריבער זאגט ווידער די תורה הקדושה הלה' תגמלו זאת דער ווארט זאת רופט זיך די תורה ווארום עס שטייט אין פסוק וזאת התורה איז דער פשט דער פון צו דען טוט איר אייער מצות נאר צו נאט צו אזוי בדארף מען עם בצאלין אנטקעגין זיינע השגחה מיט זיינע טובות וויא פיל מיליאנען טובות וואס ער האט גיטאן מיט אונזערע עלטערין אונ מיט אונז איצטער אויך דריבער זאגט דער פסוק ווידער הלא הוא אביך קנך דאס איז דער פשט דער פון אין דער צייט אז ער איז אויך גיקומען אום לייזין פון פרעה האט ער צו אייך גיזאגט איר זייט מיינע קינדער אזו וויא עס שטייט בני בכורי ישראל. קניך ער האט אייך ארום גינומען פון איין קנעכט הויז דורך אותות ומופתים הוא עשך ער האט דיר פאר ריכט דיא גאנצע בריאה פון אלע אידין איז גיוועזין נאר בכונה ניט במקרה. ויכננך ער האט דיר גישטעלט אופן ארט מיט גרוס השגחה איצטער הייבט ער אן צו דער ציילין דיא טובות פון דעם בורא יתברך יצב גבולות עמים למספר בני ישראל דער פשט דער פון ער האט גישטעלט אזו פיל אומות נאך דעם צאל פון דיא אידין שבעים אומות וואס זיינען גיוועזין פערזינקען אין עבודת האלילים אנטקעגין זיבציג נפש פון אונזער פאטער יעקב דריבער שטייט ווידער כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו דאס איז דער

פשט

פשט דער פון דיא אידין האט גאט צו גינימען צו זיך פאר איין חלק ער האט מייהד גיוועזין זיינע השגחה אויף זיי מיט איין השגחה פרטיות איבער דער טבע אז אין קורצע צייט זיינען זייא גיווארין צו איין גרוס פאלק חאץ ער האט צו גיזאגט צו אונזער פאטער אברהם צו יצחק אז זייערע קינדער וועט ווערין גיבענטש איבער דער נאטור פון דעקט וועגין איז גיוועזין דער עיקר יעקב אבינו דריבער שטייט יעקב חבל נחלתו. ימצאהו בארץ מדבר ובתהו ילל ישימון יסבבנהו יבוננהו יצרנהו כאישון עינו דאס איז דער פשט דער פון ער האט דיא אידין גיפונען אין דער מדבר עס איז גיוועזין ביי דעם בורא יתברך בגדר מציאה וויא דער נביא ירמיהו זאגט אונז (כה אמר ה׳ זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרוע) דאס איז דער פשט דער פון אזו האט גאט גיזאגט איך גידענק דיר דעם חסד פון דער יונגהייט אן וואס דוא ביסט גיגאנגען אחרי במדבר אין אזו איין לאנד וואס מען אקערט ניט אונ מען זייט דארטין ניט אונ זייא האבין ניט גיפרעגט קיין קשיות וויא קען מען גיין דארטין וויא וועלין מיר עסין אונ טרינקען עס איז ניטא קיין וואסער זייא האבין זאך נאר פאר לאזין אויף דעם בורא יתברך מסתמא וועט ער שפייזין אין ער האט זייא ארום גירינגלעט מיט ענני כבוד אין ער האט זייא דארטין גיגעבין צוא פארשטיין דיא תורה הקדושה אין ער האט זייא גיהיט אזוא וויא מען היט דאס שווארצפיל פון אוג (כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף יפרש כנפיו יקחהו ישאהו על אברתו) דער פשט דער פון אזוא וויא דער אדלער היט דעם נעסט אין ער איז אויף ביי נאכט אין ער שלאפט ניט אזו איז גיוועזין אז גאט האט זייא ארום גינומען פון מצרים שטייט אז גאט איז גיגאנגען פריער פאר זייא מיטין וואלקין ביי טאג אין בייא דער נאכט מיטין זייל פייער אין אז ער האט גיזעהען אז דער שונא גייט נאהינט צוא צו דיא אידען האט ער גישוועבט אויף זיינע פליגלען צוא בהלטין זייא אז דיא מצרים האבין גיווארפין מיט זייערע קולין אויף דיא אידען האט דער זייל וואלקין צוא גינומען אין אז דער שונא האט גיוואלט שיקין איין האנט אויף זייא האט ער אום גישטרעקט זיינע ברעגין פון זיינע פליגלען. אין ער האט זייא גיטראגין איבער דיא פליגלען אז פרעה הרשע האט דער יאגט דיא ידען צום ים האט גאט פאר זייא גישפאלטין דעם ים אין ער האט זייא איבער גיפירט (ד׳ בדד ינחנו ואין עמו אל נכר) דאס איז דער פשט דער פון גאט פירט זייא אליין זינד פון מצרים אן ביז איצטער פירט ער נאר אליין צוא היטין זייא אין אזו וועט ער זייא פירין שפעטער אי״ה אוך אליין נאר בתנאי ואין עמו אל נכר דאס מיינט מען דיא אידען וואס גאט פירט זייא זאלין ניט קלערין אין זיינען אנדערע געטער אזו וויא עס שטייט נאך דעם זינד פון דעם עגל האט גאט גיזאגט צוא משה רבינו ע׳ה גייא פיר דוא דאס פאלק ישראל אין איך וועל אייך שיקען מיין מלאך האט משה גיענטפערט אוב דוא וועסט אליין ניט גיין וועלין מיר פון דאנען ניט אויף גיין מיין דורך זיינע תפלות אין דורך זייערע תשובות האט גאט מסכים גיוועזין צוא משה רבינו ע׳ה צוא פירין זייא אליין אין ער האט זייא פאר זאגט אז זייא זאלין מער ניט זינדיקען ירכיבהו על במתי ארץ ויאכל תנובות שדי ויניקהו דבש מסלע ושמן מחלמיש צור דאס איז דער פשט דער פון ער האט זייא גימאכט רייטין אויף דיא העכשטע ערטער פון דער וועלט דיא שטעט וואס זיינען גיזעסין איז גיוועזין דאס רוב אוח דיא בערג

וואס

וואס דארטין איז דער אוויר .זייער קלאיר אין דער בארג איז זייער שטארק צוא דעם שונא ער האט .זייא גשטארקט אנטקעגין אלי מלכים .קיינער האט זאך ניט גישטעלט פאר זייא אין ער האט .זייא גימאכט עסין דיא פרוכט פון דיא פעלדער דיא ערד וואס .זייא זיינען גיזעסין איז גיוועזין איין ארט פון זרועה אין אסך תבואות אונ אין דעם ארט וואס עס איז גיוועזין הארט וויא איין שטיין דארטין האט גיוואקסין פייט על בוטער אונ דארטין איז גיוועזין האניק פון טייטלען אונ אין דעם ארט פון דיא שטיינער וואס דארטין וואקסט ניט .קיין בוטער האט דארטין גיוואקסין עצי זית האלץ פון איילבערטין .זייא זיינען ניט .קיין גרוסע בוטער וואס פון .זייא איז גינאנגען בוטעל אונ נאך זאגין דיא מפרשים אז דער פסוק רעט פון דעם אמת תכלית וואס דער נאט האט .זייא דיא תורה גיגעבין וואס מיט דער מיט קופט מען אייביג לעבין דעם הענוג הרוחני דער שטיינער פון דער וועלט אז איינער זייט אונ שנייט תבואה פון דיא פעלדער איז ניט אזוי איין שמחה ווארום אזו איז דאס דער שטיינר פון דער וועלט אז מען זייט וואקסט אבער צו .קען זיך איין מענש ריכטין אום צו ציהען האניק פון איין שטיין אדער בוטעל פון איין שטיין דאס טרעפט ניט אוף דער וועלט אבער איין מענטש גיפינט דאס יא איז דאס אגרוסע מציאה אונ דעם קומט בהיסח הדעת אונ אזו איז מיט עולם הבא וואס איין מענטש קען קופין איין מאר קופט דער מענטש עולם הבא פון זיינע מעשים וואס ער פאר דינט מיט צער כיט דאנה דאס איז אזו וויא תבואה עסט דיא פרוכט פון זיינע פעלדער אונ איין מאל .קען טרעפין אז מען .קריגט עולם הבא אום גריכט וויא דיא גמרא קדושה זאגט זכה נוטל חלקו וחלק הבירו בגן עדן דאס איז דער פשט אוב דער מענטש איז ווערט נעמט ער אמאל צוא יענעמס חלק דהיינו אז איינער האט דעם אנדער מבייש זאגט דער היילינער תנא אין פרק דער וואס פאר שעמט דעם אנדערין ברבים נעמט ע' אפ דיא גאנצע מעשים טובים וואס יענער האט פאר הארויעט אונ עם קומט דאס אן צער אונ אן מאטערנים דאס איז אזוא וויא האניק פון איין שטיין וירא ה' וינאץ מכעס בניו ובנותיו דער פשט דער פון ווען איין זון זינדיגט אונ ווידער שפעניגט צוא זיין פאטער איז דער שטראף גרעסער וויא איין פרעכדער וואלט שלעכט טאן זיין פאטער דאס זאגט אונז דיא תורה הקדושה גאט זעהט אונז שלעכטעס ווערט ער זייער אין כעס _אר וואס איז דער כעס אזוא גרוס דריבער פירט אום דער פסוק מכעס בניו ובנותיו מחמת מיר זיינען אלע קינדער צוא גאט אונ מיר האבין אלע גיזינדיגט אנטקעגין אונזער פאטער וויא ישעיהו הנביא האט גישטראפט .דיא אידין בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי דאס איז דער טייטש דער פון אירט ווערט דאך גירופען מיינע קינדער איך האב אייך גיהאדעוועט אונ דער הובען אוף דער וועלט מער פאר אלע אומות אונ זייא טוען זינדיגען אנטקעגין מיר אבער אז איר וועט אי"ה תשובה טאן אונ איר וועט טאן מצות אונ מעשים טובים וועט איר זיך רופען מייערע קינדער אזו וויא דער פסוק זאגט אונז והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי דאס איז דער טייטש דער פון אונ עס וועט זיין אין דעם ארט וואס עס איז גיזאגט גיווארין אוף זייא איר זייט ניט מיין פאלג וועט גיזאגט ווערען אוף .זייא איר זייט מיינע קינדערליך אונ. איך וועל אי"ה אוועק געבין אלע גליקן אין גיבען :

וזאת

**וזאת** הברכה אשר ברך משה איש האלהים את בני ישראל לפני מותו דאס איז
דער טייטש דער פון דאס איז דיא ברכות וואס משה רבינו ע"ה האט
גיבענטשט דיא אידין פאר זיין טוט דער צרור המור פרעגט דא איין קשיא פאר וואס
הייבט זיך אן מיט דעם ווארט וזאת דאס ווייזט אז דער פסוק גייט צוא דעם
פריערדיגין פסוק וואס עס שטייט כי מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא אל הארץ
אשר אני נותן לבני ישראל דאס איז דער טייטש דער פון פון ווייטין וועסטו זעהן אין
ניט אריין קומען צו דער לאנד וואס איך גיב צוא אידין דיא חכמים האבין אונז
גילערינט אז גאט האט גיזאגט צו משה צוייא גזרות האב איך גוזר גיוועזין אדער
דו מוזט שטארבין אין דער מדבר אדער איך וועל פאר לענדין דיא אידין האט
משה גיענטפערט איצטער וועל איך גיין צו גאט טאמער וועט פאר געבין ווערין דוא
זינד דוא מעגסט צוא נעמען דעם גערעכטין פון זייא האט דאך משה רבינו ע"ה
דארפט ווערין אין כעס אויף זייא זייא האבין גיזונדיגט אונ זייא גייען אריין אין ארץ
הקדושה אונ ער בלייבט ליגין אין חוצה לארץ אזו זאגט אונז דיא תורה הקדושה
ויתעבר ה' בי למענכם דאס איז דער טייטש דער פון גאט האט גיצארענט אויף
מיר פון אייערט וועגין האט משה רבינו ע"ה גידארפט זייא זיי איין שונא אויף
אייביג אונ ניט בענטשין זייא פון דעסט וועגין זאגט אונז דיא תורה הקדושה עדות
אויף משה רבינו וזאת הברכה אשר בירך משה איש האלהים מחמת ער איז גיוועזן
איין געטליכער מענטש האט ער זייא אלץ מוחל גיוועזין זייא לפני מותו הגם דאס איז
גיוועזין איין סיבה צוא זיין מיתה פון דעסט וועגין האט ער זייא גיבענטשט פאר
זיין מיתה ויאמר ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבת
קודש מימינו אש דת למו דאס איז דער פשט דער פון גאט איז גיקומען פון בארג
סיני אונ ער האט ארום גיטראגין דיא תורה צו דיא בני עשו האבין זיי ניט גיוואלט
מקבל זיין אונ צו דיא בני ישמעאל האבין זיי אויך ניט גיוואלט מקבל זיין אונ
ער איז גיקומען מיט רבבות מלאכים אין זיינע רעכטע האנד איז גיוועזין דיא פייערדיגע
תורה אבער אלע מפרשים פרעגין דאך איין קשיא ער הייבט אן מיט דעם ווארט
וזאת הברכה וויל ער זייא זאגין דאך ברכות האט ער בדארפט זאגין אזוי וויא ער
האט זייא ווייטער גיבענטשט אונ ער האט זיי גיזאגט גאר אנגדער זאך דער תירוץ
דער פון איז אזוי דער טייטש וזאת הברכה דאס איז גיוועזין רעכטע ברכות ווארום
אז איינער בענטשט דעם צווייטין בדארף מען האבין דרייא זאכין איין זאך דער וואס
בענטשט בדארף זיין איין חשובער מאן זיינע ברכות זאלין מקויים ווערין צווייטע זאך
דיא ברכות אליין בדארף זיין חשובע ברכות דריטע זאך בדארף מען האבין אין אגוטע
צייט צו בענטשין אז דיא ברכות זאלין אן גינומען ווערין דרום זאגט אונז דיא תורה
הקדושה וזאת הברכה דאס איז זייער רעכטע ברכות אונ ווייטער אשר בירך משה
דער גרויסער מענטש האט זייא גיבענטשט וואס ער רופט זיך איש האלהים לפני מותו
דיא צייט איז זייער גוט צוא בענטשין ווארום בייא דיא צדיקים פאר זייער טויט קומט
צוא זייא הכמה ובינה וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט (תוסף רוחם יגוועון) דאס
איז דער פשט דער פון בעת זיי האלטען פאר דעם טוט קומט ביי זיי צו רוח חכמה
דריבער בענטשין אונזערע צדיקים נאר פאר זייער טוט (יחי ראובן ואל ימות ויהי
מתיו מספר) דער טייטש דער פון ראובן זאל לעבין אונ זאל ניט שטארבין פרעגין
אלע מפרשים איין דיוק דאס איז כפל לשון וואס בדארף שטיין ואל ימות על דרך
המוסר

המכר איז דער פשט דער פון ער האט געבענטשט ראובן אז ער זאל לעבן אונ ער זאל קענען דינען גאט ער זאל ליב האבן גאט אונ מורא האבן פאר עם ער זאל אין זיין לעבן ניט זיין איין געשטארבענער וויא אונזער גמרא הקדושה זאגט רשעים בחייהם קרויים מתים איין רשע אז ער לעבט איז ער אויך איין געשטארבענער אזו וויא דיא גמרא הקדושה זאגט אלכסנדער מוקדן האט גיפרעגט ביא דיא חכמים וואס זאל איין מענטש טאן ער זאל לעבן האבן זיי געענטפערט ער זאל זיך טייטן ער זאל קיין הנאה ניט האבן פון דער וועלט וועט ער לעבן אויף יענער וועלט אונ דער וואס וויל זיך טייטן פון יענער וועלט זאל ער גוט לעבן אויף דער וועלט ער זאל פאר ברייינגען אין אלע תאות העולם הזה דריבער האט מ"ה רבינו ע"ה גיזאגט פאר זיין טויט אז ראובן זאל קענען לעבן אויף יענער וועלט האץ ער האט גינומען זיין חלק בעבר הירדן דאס איז ניט איין חלק בארץ החיים פון דעסט וועגן האט ער עם גיבענטשט אז זיינע מענטשן זאלין גיצאלט ווערין מיט אלע ברידער וואס זיי זיצין בארץ החיים שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך דאס איז דער טייטש דער פון זבולון פרייט זיך אין ביין ארום גיין אונ יששכר פרייט זיך אין דעם גיצעלט פון תורה פרעגין אלע מפרשים איין קשיא פאר וואס ביי זבולון שטייט בצאתך אונ ביא יששכר באהלך דער תירוץ איז דאס איז ידוע אז זבולון מיט יששכר האבין גימאכט איין שותפות דער שבט יששכר זאל זיצין אונ לערנען וזבלון זאל זיך עוסק זיין במסחור אונ זאל שטענדיג פארין אין דיא מרחקים אויף אלע שיפין אונ זאל הנדלען אונ זייא זאלין זיך ביידע צו טיילין אויף האלב זבולון זאל געבין יששכר איין טייל אויף דער וועלט פון אלע גישעפטין אונ יששכר זאל געבין איין טייל זבולונן אויף יענעם עולם בעוה"ב דריבער איז אויף דער וועלט האט זבולון גרויס צער איין מאל צער פון נפש ער וויים ניט וויא אזו וועט מען צוא טיילין דעם לערנען אויף דער העלפט אונ זייא אליין קאנען ניט לערנען ניט מקרא ניט משנה ניט גמרא אונ זיי האבין קיין צייט ניט אפילו צו דאווענען אונ בפרט איין קאפיטיל תהלים צו זאגען וואס דאס איז אויך אגרויסע זאך וויא דוד המלך ע"ה האט גיבעטין אז דער וואס וועט זאך עוסק זיין אין תהלים זאל זיין גירעכינט פאר גאט ברוך הוא אזו וויא מען וואלט לערנען דיא גרעסטע מסכת אין מען וועט געבין דער פאר שכר אין ער קען דאס ניט דאקוין מחמת ער איז אגרויסער טרוד אין פרנסה אין דיא פרנסה קומט אן זייער שווער אזו וויא קריעת ים סוף אין ער בדארף געבין יששכר עסין אין אנדערע הכרחיות האט ער אויף דער וועלט גרוס צער אין בפרט וויא עס קומט צוא געלט געבין דא גפינד זאך אגרויסער יצר הרע אין רעט אין דעם מענטשין אז עס איז פאראן ביליגערע זאכען צוא וואס מען בדארף האבין געלט ניט ער יששכר מיט גרוס דאגה אונ צער אונ דער שבט יששכר איז אויף דער וועלט גאנץ פרייליך זייא זיצין יומם ולילה אין זייא זיינען עוסק בתורה אין זייא האבין אויס גיהאט מאה פעמים ש"ס אונ מקרא אונ משנה זייא פרייען זאך אז זייא וועלין קומין אהין אויף דער אמתע וועלט אין מכח זייער לערנען ארט זייא גאר ניט וויא זייא עסין אונ וויא זייא טרונקען אונ וואס פאר איין בגדים זייא גייען אזו וויא דער תנא האט אונז גילערנט אין פרק כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא דער פשט דער פון איז אזי דיא וועג פון דער

התורה

תורה הקדושה דער וואס מיינט מער ניט וויא לערנען אין זוכט ניט קיין תענוגים בדארף ער עסין ברוט מיט זאלץ אין וואסער מיט דער מאס אין אויף דער ערד צוא שלאפין נאר צוא מידין זאך אין דער תורה הקדושה אוב דוא וועסט אזא טאן וועט דיר וויל זיין אויף דער וועלט אין אויף יענער וועלט לערינט אונז דער תנא אז דער וואס וויל זוכה זיין להיים הניצחים זאל ער מסכים זיין צוא לעבין אין צער דאס איז אלץ אויף דער וועלט אבער אז זייא גייען ארוס פון דער וועלט אין זייא קומען ביידע אין דער אמתע וועלט דארטין איז אלץ פאר קערט יששכר וואס ער איז גיוועזין אויף דער וועלט פריילך וואס ער האט גיקוועטשט מאה פעמים ש"ס מקרא ומשנה איז דארטין וועט ער נאר גיפינען אין פינקס פאר שרייבין אז ער האט מער ניט גילערינט וויא פופציג מאל ש"ס ווארום העלפט האט מען צוא גינומען צוא זבולון מחמת ער האט אים מפרנס גיוועזין אויף דער וועלט אונ יששכר האט דארטין גרוס צער וואס ער האט בדארף פאר קופין איין טייערע תורה פאר איין שטיקעל ברויט אונ ער האט פאר ביטין איין שטייענדיגע וועלט אויף דער וועלט וואס לופט איבער תענוג הרוחני אויף איין גשמי אזו וויא דער תנא האט אונז גילערינט אין פרק יפה שעה אחת קורת רוח בעוה"ב מכל חיי העולם הזה דאס איז דער פשט פון עס איז בעסער איין שעה תענוג הרוחני פון עולם הבא ווידער מען זאל גאנץ ניט לעבין אויף דער וועלט מיט כל התענוגים אונ זבולון וואס ער האט גרוס צער גיהאט אויף דער וועלט פון דער פרנסה דער פאר וועט ער האבין גרוס נחת אז ער וועט דארטין גיפינין פאר שריבין אין פינקס אז עס קומט עם תענוג הרוחני דער פאר וואס ער האט גילערינט פופציג מאל ש"ס אונ מקרא אונ משנה ער וועט זאך אליין פאר וואונדערין ער האט דאך ניט גילערינט פאר וואס קומט עם תענוג הרוחני נאר עס העלפט אבער ניט זייא צוא טיילין זאך גלייך זעהען מיר אז דער עיקר שמחה פון זבולון איז נאר אז ער גייט אוועק פון דער וועלט אונ דיא שמחה פון יששכר איז נאר גיוועזין אויף דער וועלט בעת ער איז גיזעסין אונ גילערינט תורה דריבער זאגט אונז דער פסוק שמח זבולון ווען זאלסטו זיך פרייען בצאתך אז דוא גייסט אוועק פון דער וועלט דארטין וועט זיין דיין שמחה אין גאנצען ויששכר ווען זאלסטו זיך פרייען באהלך אז דו זיצט אונ דו לערינסט התורה (וימת שם משה עבד ה') איז דער טייטש דער פון משה איז גישטארבין דער קנעכט פון גאט פרעגין אלע מפרשים איין דיוק וואס בדארף דער פסוק דער ציילין אז ער איז עבד ה' עס שטייט שון לאנג אין דער תורה הקדושה אז משה רבינו ע"ה איז גאטס קנעכט עס שטייט דאך אין בהעלותך לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא דער טייטש דער פון ניט אזוי מיין קנעכט משה זעהט מען דאך אז גאט האט עס גירופין קנעכט דער תירוץ דער פון איז אזוי דיא גמרא הקדושה זאגט אז גאט האט גיזאגט צוא משה נאך זיין טוט גייא מיט מיינע שליחות אין זאג צוא אברהם צוא יצחק אונ צוא יעקב דיא שבועה וואס איך האב גישווארען זאב איך שון לאנג מקיים גיוועזין זעהען מיר דאך אפילו נאך משה'ס טוט טוט ער אך דיא דינסט פון גאט זאגט דער פסוק וימת שם משה אפילו ווען ער איז גישטארבין איז ער גיוועזין עבד ה' בדינט ער גאט ולא קם עוד נביא בישראל כמשה דאס איז דער טייטש דער פון עס איז נאך ניט גיוועזן אויף דער וועלט איין נביא אזוי וויא משה אין עס וועט ניט זיין זאגין אונזערע חכמים צווישין אירען האט

נאך ניט געפינען אזו וויא משה רבינו אבער צווישען אומות האט זאך געפינען ווער איז דאס בלעם הרשע פרעגין אלע מפרשים וויא קען מען צוא גלייכען איינער צוא דעם אנדערין משה רבינו איז דורך קדושה אונ בלעם הרשע איז דורך איין טומאה דער תירוץ דער פון איז אזו עס איז פאראן אויף דער וועלט איין אדלער אין איין פלעדער מויז זייא וויסין ביידע דיא צייטין פון דיא ליכטיגקייט פון טאג אונ פון דיא נאכט ווען איז האלבער טאג אונ ווען איז האלבע נאכט ווען איז אן הייב טאג אונ ווען איז אן הייב נאכט נאר עס איז פאראנען אגרויסע צווישען שייד צווישען זייא ביידע דער אדלער האט איין ליכטיגע ראיה אין איין שטארקע זעהענג וואס דיא זין איז אלץ ליכטיגער פליהעט ער גאנץ הויך אנטקעגין דער זין אונ ער קוקט זיך איין אין איר אין פסוק שטייט (דרך נשר בשמים) דער טייטש דער פון דיא וועג פון דעם אדלער איז אין הימעל אין בעת אז דיא זין גייט אונטער ווערט דיא ראיה קלענער אין פשיטא באי דער נאכט אונ אין האלבע נאכט זעט ער גאר ניט אין באי איין פלעדער מויז איז פאר קערט אז עס קומט דיא נאכט אין עס ווערט פינצטער אויף דער וועלט דענסמאלט הייבט זיא אן צוא זעהען אונ אין האלבע נאכט זעהעט זייא נאך מער אונ זיא פליהעט אויף דער וועלט אבער אין דער פריא אז דיא זין הייבט אן צוא שאנען ווערט קלענער דיא ראיה אונ אין האלבין טאג אז דיא זין שיינט שטארק גראבט זיא זאך איין אין ערד ווארום זיא קען ניט ליידין דיא ליכטיגקייט פון דער זין זעהען מיר דאך אז דער אדלער אונ דיא פלעדער מויז זייא ביידע וויסין דיא צייטין פון טאג אונ פון דער נאכט נאר דער אדלער וויים אלץ דורך ליכטיגקייט אונ דער פלעדער מויז דורך דיא פינצטערניס אזו איז דאס צווישען שייד צווישען דיא נבואות משה רבינו ע״ה אונ צוא ווישען דיא נבואות פון בלעם הרשע ביידע האבין גיוואוסט ווען עס איז איין עת רצון אויף דער וועלט אונ ווען עס איז ח״ו איין כעס אויף דער וועלט נאר משה האט גיוואסט אלע צייטין אין דער ליכטיגקייט אונ בלעם הרשע האט דאס אלץ גיוויסט מיט פינצטערס אזו וויא דער פלעדער מויז משה רבינו ע״ה אז עס איז גיוועזין איין עת רצון פאר הקב״ה האט תיכף מרגיש גיוועזין משה רבינו ע״ה עס איז באי עס צוא גיקומען נבואה אונ ליכטיגקייט אין ער האט אלעם גיוואסט וואס עס טוט זאך אויף דער וועלט האט ער דאמאלסט גיקוקט אין די תמונת ה׳ אין פאר קערט אז עס איז גיוועזין אין כעס אויף דער וועלט האט אוך משה רבינו תיכף מרגיש גיוועזין עס איז באי עס קלענער גיווארין רוח הקודש אין דיא נבאה אין בלעם הרשע האט אוך גיוואסט אלע צייטין ווארום עס שטייט אין פסוק ויודע דעת עליון ער האט זאך באריממ אז ער קען וויסין דיא וויסין שאפט פון גאט ווען עס איז איין עת רצון אונ ווע עס איז ח״ו איין כעס דהיינו אז עס איז איין עת רצון אונ עס איז גיווארין ליכטי אין אלע עולמות איז ער גיפאלין צים דער ערד אונ ער האט זאך באהאלטין ע האט ניט גיקענט שטיין אויף זיין בשטאנד אונ צוא זעהען דיא גרויסע ליכטיגקייט אויף דער וועלט עס שטייט אין פסוק (אשר מחזה שדי יחזה נופל וגלוי עינים דער טייטש דער פון דיא זעהען גאטס טוט ער זעהען איז ער גיפאלין צום ערד ער האט ניט גיקאנט קוקין צוא דיא ליכטיגקייט האט ער דאנטאלסט גיוואסט א עס איז איין עת רצון אין אז עס איז גיוועזין איין כעס אויף דער וועלט ה ע אוך תיכף מרגיש ווארום ער האט אויף גיעפענט זיינע אוגין אונ ער האט זאך אנידע גישטעלט

גישטעלט אויף זיינע פיס האט ער אלץ גיזוכט וואס עס טוט זיך אין דער וועלט האט ער דריבער גיקאנט שעלטין דיא אידען דאס זאגט אונז דיא תורה הקדושה ולא קם נביא עוד בישראל כמשה זאגט אונז דיא גמרא הקדושה איין ליכטיקייט אונ אין קדושה איז ניט גיוועזין אזו איין גרוסער מענש וויא משה רבינו ע"ה אבער ביא דיא אומות העכו"ם האט זייא גאט אוך גיגעבין איין נביא וואס ער האט אלץ גיוואוסט כדי אז דיא אומות העובדי אלילים זאלין ניט זאגען אז זייא וואלטין האבין איין נביא וואלטין זייא זיין פרום האט זייא גאט גיגעבין דעם בלעם הרשע נאר ער האט אלץ גיוואוסט מיט פינצטערניס אזו וויא דיא קלעדער מויז אבער אין ליכטיקייט האט ער קיין זאך ניט גיוואוסט איז ניט גיוועזין ווי משה רבינו ע"ה אונ עס וועט ניט זיין נאר אז מיר וועלין איה"ה דער הארין משיח צדקנו וועלין מיר זוכה זיין צו זעהען מיט משה רבינו ע"ה גאט זאל געבין אין גיכע צייטין במהרה בימינו אמן דריבער אונזערע אבות הקדושים דהיינו יצחק האט גיזאגט (ואברכך לפני ה' לפני מותי) דאס איז דער פשט דער פון ער האט גיהאט תשובה צוא בענטשין פאר זיינער טוט כדי אז עס זאל אלץ מקויים ווערין יעקב אבינו ע"ה האט אוך זיינע קינדער גירופין פאר זיין טוט אין ער האט אלעם גיזאגט וואס עס וועט זאך טרעפין מיט אלע דורות אונ ער האט זיי גיבענטשט פאר זיין טויט נאך איין פערטע זאך בדארף מען האבין ביא איין ברכה אז דער וואס נעמט די ברכות זאל אוך זיין איין חשובער מאן עס זאל אך קענען אן נעמען דיא ברכות דרום שטייט אין פסוק את בני ישראל ער האט גיבענטשט די קינדער ישראל חייזט אום דער כון אז זיי זיינען גיוועזין כשרים צדיקים אין באמת זאגט דאך דער פסוק אין סדרה וילך פאר קערט אז משה רבינו ע"ה האט זיי גישטראפט פאר זיין טוט כי אנכי ידעתי את מריך ואת ערפך הקשה הן בעודני חי עמכם היום ממרים הייתם עם ה' ואף כי אחרי מותי דער טייטש דער פון איך וייס אייער שפעניגן אונ אייער הארטין אקין בעת איך האב גילעבט מיט אייך אונ איינעם האט איר גיזונדיגט אין פשיטא נאך מיין טוט וועט איר גיוויס זינדיגין וויא אזויא האבין אידען גיקענט נעמען דיא ברכות אויף דעם זאגט דיא הייליגע תורה הקדושה ויאמר ער האט אזויא גיזאגט ה' מסיני בא גאט איז גיקומען פון בארג סיני וזרח משעיר למו דאס איז דער פשט ער איז גיוועזין ביא עשו ער זאל נעמען האט ער גיענטפערט ער קען ניט נעמען די תורה זיין פאטער האט עס גיבענטשט ועל חרבך תחיה מיט דיין שווערד זאלסטו לעבין ער זאל הרגענין מענטשין אונ דיא תורה זאגט אונז פאר קערט לא תרצח דוא זאלסט ניט זיין קיין רוצח דער נאך איז ער גיגאנגען צו ישמעאל ער זאל נעמען די תורה האבין זיי גיענטפערט אז זייא קענען ניט נעמען דיא תורה אין דער תורה שטייט לא תנאף אז מען טאר ניט זיין קיין בעל תאוה. אין זייא זיינען בעלי תאות מימינו אש דת למו צוא דיא אלע האט ער גיטראגן אין זיינע רעכטע האנט מיט גרוס ליבשאפט אף חובב עמים דאס איז דער פשט ער האט ליב אלע פעלקער פון דעסט וועגין האבין זיי ניט גיוואלט נעמען אין דיא הייליגע אידען האבין זאך צוא גשלאגין צום בארג אונ זייא האבין דיא תורה הקדושה מיט [illegible] ליבשאפט אונ זייא האבין גינומען דיא מלוכה פון גאט אלע אידען צוא זאמען דריבער זיינען זיי ווערט אז מען זאל זיי בענטשין: